STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05959

TSVEY GROYSE ERTSEHLUNGEN FUN M. ARTSEYBASHEV

M. Artsybashev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צוויי גרויסע ערצעהלונגען פון

ס. ארציבאשעוו

דאס לעבען פאר'ן פאלק

РАБОЧІЙ ШЕВЫРЕВЪ

איבערזעצט פון ק. טעפער.

די שקלאווין

РАБА

איבערזעצט פון

ל. לאקסאן.

מאקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יארק.

424 GRAND ST.
NEW YORK

אידישער פערלאג
פיר ליטעראטור
און וויסענשאפט.

MAX N. MAISEL
PUBLISHER

1916

Copyright by
Max N. Maisel, Publisher, 424 Grand St. N. Y.
1916

דאָס לעבען פאַר'ן פאָלק

אָבענדצייט, ווען אויף אלע טרעפ פון'ם פיערשטאָקיגען הויז האָט זיך אראָבגעלאָזט א געדיכטע פינסטערניש, האָט עפּעס א מענש א קלונג געטהאָן. דאָס אלטע גלעקעל האָט זיך בייז צואוויינט און לאנג ניט געקענט בערוהיגען זיך; עס האָט זיך געדוכט, אז ער קלאָגט זיך עמיצען אויף זיין ביטערען שיקזאל און אין די דינע, הייזעריגע, אלץ שוואכערע קלאנגען זיינע האָט זיך געהערט דאָס ראנגלען פון א פליג, וואָס איז געפאנגען אויף אייביג פון'ם שפּינוועבס.

קיינער איז ניט ארויסגעגאנגען פון'ם קווארטיר. דער מענש איז זיך געשטאנען אויף'ן אָרט, נעבען דער קלעפּיגער טהיר, וואָס איז געווען בעשלאָגען מיט צוריסענע שטיקלעך סעראט, אָהן יעדער בעוועגונג. פון דער פינסטערניש האָט זיך אָבגעשלאָגען זיין שווארצע, אונהיימליכע פיגור. די אויסגעצעהרטע קאָץ, וועלכע האָט זיך אראבגעגליטשט איבער די פארענטשען א ניט בעמערקטע פון קיינעם, האָט זיך אויף דעם אונגעוועהנליכען מענשען אפילו ניט אומגעקוקט: אזוי שטיל איז ער געשטאנען. ווען עמיצער וואָלט איצט צופעליג ארויסגעגאנגען פון א שכנישער קוואַרטיר, וואָלט ער זיכער זיך דערשראָקען פאר דעם שווארצען שאָטען. עפּעס בייזעס און געהיימניספולעס איז אין איהם געווען: גוטע און פרעהליכע מענשען, וואָס קומען צוגעהן אָהן שלעכטע מחשבות אין הארצען, שטעהען ניט אזוי.

קאלט איז געווען אויף די טרעפּ און שטיל און אין דער טויטער פינסטערניש איז ארומגעקראָכען א שטיקענדיגער נעבעל, וועלכען עס האָט פון זיך אויסגעהויכט דאָס גרויסע, אומגליקליכע הויז, אָן אנגעשטאָפּטע פון בוידעם ביז קעלער מיט שמורציגע, קראנקע, ארימע, שכור'ע מענשען. אלעם אין הויז איז געווען איינגעוויקעלט אין'ם דאָזיגען נעבעל. וואָס העכער — אלץ געדיכטער האָט ער זיך געלעגט אויפ'ן הארצען און געדוכט האָט זיך נאָך, אז ער אליין, דער אונרחמנות'דיגער נעבעל, האָט אָנגענומען א מענשליכע געשטאלט און האָט פון זיך געבאָרען דעם שרעקליכען, שווארצען שאָטען פון'ם מענש, וואָס איז געשטאנען אויבען און געווארט.

ערגעץ אין דער ווייט האָבען געטומעלט וועגען, פאַיטאָנען,

אמניבוסען; פון׳ם הויף, פון אונטען, האבען זיך דערטראגען אין דער הויך שארפע, פערביטערטע שטימען, אבער דא אויבען איז גע־ווען טויט־שטיל. עס האט זיך גערוכט, אז די אבגעריסענע טהירען פון דעם דאזיגען הויז האבען זיך ניט אומזיסט אבגעצאמט אזוי שטארק פון דער גאנצער וועלט: אויף יענער זייט טהיר לויערט אין שטילשווייגען עפעס א טרויעריג געהיימניס.

אונטען האט עמיץ אויפגעפראלט די ארייננאנגס טהיר; פון ווי־דערקול האט אויפגעציטערט דאס גאנצע הויז. עס האבען זיך דער־הערט שריט פון א מענשען. מען האט געקענט הערען, ווי ער איז געגאנגען אלץ העכער, פון שטאק צו שטאק, שווער שפרייזענדיג איבער צוויי טרעפ מיט א מאל. ווען ער איז צוגעקומען שוין צום לעצטען שטאק און אין׳ם פערנעבעלטען פענסטער האט דורכגע־בליצט א טונקלער סילועט, איז יענער, וואס איז געשטאנען נעבען טהיר, צוגעגאנגען א שריט איהם אנטקעגען.

— ווער איז דא? — האט ניט ווילענדיג אויסגעשריען דער מענש און אין זיין שטימע האט זיך געהערט עפעס גרעסערעס, ווי פשוטער שרעק.

— דא גיט מען אב א צימער?... איהר ווייסט ניט?... — האט שארף און הארט געפרעגט יענער, וואס איז געשטאנען נעבען טהיר.

— א! א צימער!... ב׳וויים ניט... דוכט זיך, פארהאן. קלינגט אן.

— איך האב שוין געקלונגען.

— עה! ביי אונז קליגגט מען גאר אנדערש... אזוי!

ער האט דערטאפט דאס הענטעל פון׳ם גלעקעל און א ריס גע־טהאן מיט אלע קרעפטען. דאס גלעקעל האט א געשריי געטהאן, זיך צושריען און אבגעריסען. עס האט זיך געלאזט הערען עפעס א גע־מורמעל און אין דער שפאלט פון דער אויפגעעפענטער טהיר האט זיך, צוזאמען מיט׳ן שיין פון א געלען ליכט, ארויסגעקוקט א גראהער קאפ פון אן אלטער פרוי.

— מאקסימאוונא! דער הערר פרעגט וועגען א צימער, — האט איהר ערקלעהרט דער אנגעקומענער. א לאנגער, מאגערער סטו־דענט און איז אוועק אין קארידאר אריין, וואו דאס לעמפעל אויפ׳ן וואנד האט געברענט געל און מאט און די לופט איז געוועזן א פייכ־

טע, האַמפּיגע, זויערע, ווי אין א שמוציגען פּאָדערציטמער פון א באָד. ער האָט ניט געוואַרט, ביז די אַלטע וועט איהם ענטפערען, האָט זיך געמאַכט א וועג איבער'ן קאָרידאָר צווישען קופערטס און פאַרהענג־לעך, הינטער וועלכע מענשען האָבען זיך געפּאָרעט. און איז אריין צו זיך אין צימער. ערשט ווען ער האָט זיך אויסגעטהאָן און איז געבליבען אין איין רויטען, פויערישען אויפגעקנעפּעלטען העמד, אָהן'ם פּאַס, האָט דער סטודענט זיך דערמאָהנט אין דעם נייעם קוואַרטיראַנט און האָט געפרעגט די אַלטע, וואָס האָט אריינגע־טראָגען א זידענדיגען סאַמאָוואַר.

— א, מאַקסימאָוונא, האָט איהר פערדונגען דאָס צימער?

— פערדונגען, גאָט זיי דאַנק, סערגיי איוואַניטש. זעקס רו־בעל א מאָנאַט. נישקשה. ער וועט דוכט זיך זיין א גוטער קוואַר־טיראַנט. א שטילער מענש.

— ווי אזוי ווייסט איהר דאָס?

די אַלטע האָט א קוק געטהאָן אויף איהם מיט איהרע ווייסע, כמעט בלינדע אויגען, האָט ביטער צושמייכעלט זיך און פאַרקוועטשענדיג די אויסגעטריקענטע, דינע ליפּען, געענטפערט:

— איך לעב שוין, סערגיי איוואַניטש, פינף־און־זעכציג יאָהר אויף גאָט'ס וועלט, האָב זיך אָנגעזעהן גענוג מענשען. אַלץ צוגע־קוקט זיך, בין בלינד געוואָרען קוקענדיג, — האָט זי ביטער געזאָגט און געמאַכט מיט דער האַנד.

דער סטודענט האָט ניט ווילענדיג א קוק געטהאָן אין איהרע ווייסע, האַלב בלינדע אויגען, האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, האָט אָבער גאָר נישט געזאָגט און, ווען די אַלטע איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער א קלאַפּ געטהון אין טהיר און פרעהליך א געשריי געטהון.

— איי, שכן, אפשר וועט איהר טרינקען טהעע לכבוד דער נייער דירה? א?

— מיט פערגניגען, — האָט געענטפערט א שאַרפע שטימע.

— טאָ קומט אריין צו מיר אהער.

דער סטודענט האָט זיך געזעצט צום טיש, אָנגעגאָסען צוויי גלעזער שוואַכען טהעע, צוגערוקט צוקער און א קעהר געטהון זיך צו דער טהיר.

עס איז אריינגעקומען א דינער, ניט הויכער, שטאַרק בלאָנדער יונגערמאַן, וועלכער האָט געהאַט אזא אויסזעהן, גלייך ווי ער וואָלט

די גאנצע צייט אומיסטען זיך געהאלטען אין איין אויסגלייכען און הויבען דעם קאפ.

— ניקאלאי שעווירעוו — האט ער קלאר און טרוקען געזאגט.

— אלאדיעוו, — האט געענטפערט דער סטודענט שמייכלענדיג און דריקענדיג דעם גאסט די האנד.

געדריקט האט ער די האנד פויעריש, גוטמוטיג, רויהליך און לענגער ווי מען האט געדארפט. איבריגענס, האט ער מיט זיין איינגעבויגענעם שטארקען רוקען, ארונטערגעלאזענע אקסלען, די לאנגע גרויסע הענד, דעם לאנגנאז׳יגען פראפיל, וואס האט דערמאהנט אן די הייליגע בילדער, דעם קליינעם בערדעל און די רונד־פערקעמטע האר געמאכט דעם איינדרוק פון אן איינפאכען פסקאווער אדער נאווגאראדער בוי־ארבייטער. גערעדט האט ער מיט א געדעמפטען באס, אזא זיכערען, און ניט־ווילענדיג איז אייך איינגעפאלען, אז דער מענש האט אויך געדאנקען אזעלכע שווערע, אמת׳ע באס־געדאנקען.

— נו, זעצט זיך, מיר וועלען טהעע טרינקען און שמועסען אביסעל, — האט ער גוטמוטיג געזאגט.

שעווירעוו האט זיך אנידערגעזעצט. זיינע בעוועגונגען זיינען געווען שארפע און פלינקע. די גראהע אויגען מיט גלאנץ פון א מעטאל האבען געקוקט קאלט און אונדורכדרינגבאר. אן איהם האט מען גאר ניט געקענט בעמערקען יענע צוטומעלטע נייגיעריגקייט, וועלכע עס פיהלט זיך אין א מענשען, ווי פריי ער זאל זיך ניט בעוועגען, ווען ער בעגעגענט אן אונבעקאנטען דאס ערשטע מאל אין זיין לעבען. קוקענדיג אויף שעווירעוו׳ן, האט אלאדיעוו א טראכט געטהאן, אז דער דאזיגער מענש וועט קיין מאל, אונטער קיינע אומשטענדען, ניט פערראטען זיך, דאס איינענארטיגע און געהיימניספולע, וואס זיצט אין דער טיעפעניש פון זיין פערשלאסענער נשמה.

— אן אינטערעסאנטער יונג! — האט ער א טראכט געטהון.

— איהר זייט ניט קיין היגער?

— ערשט היינט געקומען פון העלסינגפארס.

— און וואו זיינען אייערע זאכען?

— איך האב קיין זאכען ניט... אזוי זיך... א קישען, א דעק, א פאר ביכער.

הערענדיג דאס לעצטע ווארט, האט אלאדיעוו אויפמערקזאם און צארט א קוק געטהאן אויפ׳ן גאסט.

— אויב ס'איז נים קיין סוד... מיט וואָס איינענטליך בעשעפ־טיגט איהר זיך?

— קיין סוד ניט... איך בין אן ארבייטער, א מעטאל־שניצער, געקומען אהער זוכען ארבייט.

— הייסט עס, אן ארבייטס־לאָזער?

— יא, — האָט געענטפערט שעווירעוו, און עפּעס אן אונגע־וועהנליכע נאָטע האָט א ציטער געטהאָן אין זיין שטימע.

— א וועלט מיט מענשען געהען ארום אָהן ארבייט, — האָט מוטלויידיג בעמערקט אלאדיעוו, — אייך מוז זיין שווער?

— אונז איז שטענדיג שווער, — האָט גלייכגילטיג געענט־פערט שעווירעוו, — און גאָר איינגיכען וועט שווער ווערען אויף יענע, וואָס לעבען איצט א לייכטען, גוטען טאָג, — האָט ער צוגע־לעגט און אין זיינע ווערטער האָט זיך געהערט א דראָהונג.

אלאדיעוו האָט איהם בעטראכט מיט נייגיעריגקייט. עהע־הע! — האָט ער זיך געטראכט — מוז פון יענע בחורים זיין... דעם ענין דארפען מיר ארומטראכטען... א פּנים'על האָט ער א פערדעכטיגס!

שעווירעוו האָט, ווייזט אויס, בעמערקט, מיט וואָס פאַר אן אויסדרוק די קלוגע, פויערישע אויגען פון בעל־הבית האָבען געקוקט אויף איהם, און האָט אריינגעטהון זיין געזיכט אין'ם גלאָז.

— און... איהר זייט א סטודענט און שרייבט, דוכט זיך! — האָט ער האסטיג געזאָגט.

אלאדיעוו איז אביסעל רויט געוואָרען.

— פאַר וואָס איז אייך דאָס איינגעפאלען?... אז איך שרייב, כ'מיין?

שעווירעוו האָט פּלוצלינג א שמייכעל געטהאָן און פיעל ליעב־ליכער, ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען פון זיין שטאָלצער צורה.

— ניט שווער צו טרעפען, — האָט ער ערקלעהרט: — אויף די ווענט הענגען ביי אייך פּאָרטרעטען פון שרייבער, אויפ'ן טיש — פערשריבענע פּאפּיר, ביכער; אונטער'ן טיש — צוריסענע בלעט־לעך.

אלאדיעוו האָט זיך צולאכט און א קוק געטהאָן אויף איהם אויפמערקזאמער נאָך.

— טאָקי ניט שווער. אן איינפאכע זאַך. איהר, זעה איך, זייט א מענש מיט א בעאָבאכטונגס־קראַפט.

שעווירער האָט געשוויגען.

מען האָט געהערט, ווי אין׳ם צווייטען צימער געהט עמיצער ארום, קלאפענדיג מיט די קליינע קנאפלען פון שיכלעך. אלאדיעוו האָט פעררויכערט א גראָבען פאפיראָס און דורכ׳ן רויך בעטראכט אויפמערקזאם דעם גאסט.

שעווירעוו איז געזעסען גלייך און שטייף און האָט די גאנצע צייט שוואך בעוועגט די פינגער. אין איהם איז געווען עפּעס אונ־געוועהנליכעס, עפּעס אזוינס, וואָס איז ניט עהנליך צו די הונדער־טער פּנים׳ער, וואָס איהר קענט בעגעגענען יעדען טאָג. אלאדיעוו׳ס קלוגע, פויערישע אויגען האָבען גלייך בעמערקט די דאָזיגע בעזונ־דערהייט: א אונפערשטענדליכע ענטשלאָסענקייט און בעהאלטענע געהאנקען ארבייט. אלאדיעוו האָט אפילו בעמערקט, אז זיין גאנ־צער קערפּער און דאָס יונגע בלאָנדע פּנים זיינען אונגעוועהנליך אונבעוועגליך. איהם האָט זיך אויך געוואָרפען אין די אויגען די כמעט אונבעמערקבארע, שנעלע בעוועגונג פון די פינגער. וואָס מעהר אלאדיעוו האָט בעטראכט דעם גאסט, אלץ פאָרזיכטיגער איז ער געוואָרען און אלץ טיעפער איז געוואָרען די אונבעוואוסטזיניגע סימפּאטיע און נאָך מעהר אינסטינקטיווע אכטונג צו דעם דאָזיגען אונבעקאנטען מענשען.

ער האָט צוגעמאכט אביסעל די אויגען, ווי פון׳ם רויך, און האָט כלומרשט נאכלעסיג, אָבער דאָפּעלטזיניג א וואָרף געטהאָן:

— א שטארקע בעאָבאכטונגס קראפט איז א זעלטענע ערשיי־נונג...

שעווירעוו האָט ניט באלד געענטפערט, נור זיינע פינגער זיי־נען זיך צולאָפען שנעלער. עס האָט זיך געדוכט, אז ער וויל ניט ענטפערען, אָבער נאָך א קורצען שווייגען האָט ער פּלוצלינג אויפ־געהייבען דעם קאָפּ, האָט מיט קאלטע אויגען א קוק געטהאָן אלא־דיעוו׳ן גלייך אין פּנים אריין און האָט געזאָגט, קוים־קוים אויסקרי־מענדיג די ליפּען:

— איך פערשטעה אייך.

— ווי? — האָט איבערגעפרעגט אלאדיעוו, וועלכער איז ניט ווילענדיג פון די אונערוואַרטעטע ווערטער צוטומעלט געוואָרען.

— איהר ווילט דערגעהן, צי איך בין ניט קיין דעטעקטיוו... ניין, בערוהיגט זיך, אזוי דארף מען ניט... איך צווינג דאָך אייך ניט

רעדען, און געקומען בין איך דאָך, ווייל איהר האָט מיך פערבעטען צו זיך.

— וואָס רעדט איהר! — האָט אָנגעהויבען אלאַדיעוו מיט היץ, איז אָבער שטארק רויט געוואָרען.

שעווירעוו האָט זיך ווידער צושמייכעלט. ווען ער האָט גע־שמייכעלט, איז זיין פּנים געווען גאָר ניט דאָס, וואָס געוועהנליך: אזא ווייכער, אפילו צארטער פּנים.

— ניין, פארוואָס ניט... ס'איז נאַטירליך. אָבער ווען איך זאָל ווירקליך זיין א דעטעקטיוו, וואָלט איך פון אייערע פראגען זיך באלד אָנגעשטויסען, אז איהר האָט וואָס מורא צו האָבען.

אלאַדיעוו האָט א קוק געטהאָן אויף איהם צוטומעלט, דערנאָך א קראַץ געטהאָן זיך אין נאַקען, זיך ברייט צולאַכט און ברייט א מאַך געטהאָן מיט דער האנד.

— א, זאָל זיין ווי איהר זאָגט. ס'איז אמת, וואָס איז דאָ צו בעהאַלטען? איהר ווייסט דאָך אליין, וואָס פאר א צייט איצט איז... און בעהאַלטען האָב איך ניט וואָס.

— איך האָב ניט געזאָגט, אז איהר האָט עפּעס צו בעהאַלטען, נור אז איהר האָט וואָס מורא צו האָבען. איהר מוזט האָבען.

שעווירעוו האָט א שמייכעל געטהאָן.

אלאַדיעוו האָט ברייט צועפענט די אויגען און עפּעס געטראַכט.

— יאַ־אָ... — האָט ער לאנגזאם געצויגען. — און א דעטעקטיוו וואָלט איהר, ענטשולדיגט מיר, געווען א פארטרעפליכער... מיט פּסיכאָלאָגיע.

— מעגליך, — האָט ערנסט, אָבער אביסעל אונצופרידען גע־זאָגט שעווירעוו. — וואָס שרייבט איהר? — האָט ער געפרעגט, ווילענדיג בייטען דעם ענין פון שמועס.

אלאַדיעוו איז רויט געוואָרען, ווי מען וואָלט איהם געכאַפּט ביי דער האנד.

— איך?... אזוי זיך... איך הויב דאָך ערשט אָן... איבריגענס, שוין געדרוקט צוויי ערצעהלונגען... גאַרניט... זיי לויבען...

גערעדט האָט אלאַדיעוו וועגען זיינע ערצעהלונגען כלומרשט גלייכגילטיג, ניט קוקענדיג אויפ'ן גאַסט, אבער א נאַאיווע, שטאָלצע פרייד האָט ניט ווילענדיג געציטערט אין זיין שטימע.

— כ'ווייס, כ'האָב געלעזען. איך האָב זיך יעצט דערמאָהנט

אייער נאָמען. איהר שרייבט פון פויער'שען לעבען. איך געדענק
ביידע, אי דער בעל־הבית, אי דער גאסט זיינען אנטשוויגען גע־
וואָרען. שעווירעוו האָט געקוקט אונבעוועגליך אין גלאָז און קוים
בעמערקבאר בעוועגט די פינגער פון דער האנד, וואָס איז געלעגען
אויפ'ן קניה. אלאדיעוו איז, ווייזט אויס, געווען אויפגערעגט.
איהם האָט זיך זעהר געוואָלט פרעגען שעווירעוו'ן, ווי זיינען איהם
געפעלען זיינע ערצעהלונגען. ער איז געווען טיעף איבערצייגט, אז
ער שרייבט ניט פאר דער אינטעליגענץ, נור פאר ארבייטער און
פויערים. צוויי מאָל האָט שוין אלאדיעוו געעפענט דעם מויל און
האָט זיך ניט געקענט ענטשליסען צו פרעגען. ער האָט פערדרוי־
בערט א פאפיראָס, פערקוועטשענדיג דאָס אויג און קוקענדיג עפּעס
צו אויפמערקזאם אויפ'ן פייערעל פון דעם שוועבעלע. פלוצלינג
האָט ער געפרעגט מיט א געמאכטער נאכלעסיגקייט:

— זיינען אייך מיינע ערצעהלונגען געפעלען?

— יא... זיי זיינען שטארק געשריבען... מאכען אן איינדרוק...

אלאדיעוו איז רויט געוואָרען און האָט אָנגעהויבען צו שמייכ־
לען אנטקעגען זיין ווילען מיט א ברייטען, קינדער'שען שמייכעל,
וועלכען ער האָט ניט געקענט איינהאלטען.

— אָבער איהר אידעאליזירט צו שטארק די מענשען, — האָט
צוגעוואָרפען שעווירעוו.

— ווי זאָל איך דאָס פערשטעהן? — האָט אן אויפגערעגטער
געפרעגט אלאדיעוו.

— אויב איך האָב ניט א טעות, מיינט איהר, אז נאָרמאלע מענ־
שען, מיט א נאָרמאלען פערשטאנד קענען גאָר ניט זיין שלעכט.
פערדאָרבען, אז נור די שלעכטע אומשטענדען, וועלכע מען קען
ענדערען, לאָזען ניט די מענשען זיין גוט. איך האלט דערפון ניט.
דער מענש איז שלעכט לויט זיין נאטור. פארקעהרט. די גוטע
בעדינגונגען ערלויבען איניגע מענשען, געצעהלטע מענשען.... זיין
גוט.

אלאדיעוו איז געוואָרען עמפּערט. דאָס איז געווען זיין שוואַ־
כער פונקט, די צענטראלע אידעע, ארום וועלכער עס האָט זיך גע־
דרעהט אלץ, וואָס ער האָט געוואָלט שרייבען. אין זיין אידעע האָט
ער געגלויבט שטארק, איינפאך, אָהן שום ארגומענטען, ווי א פויער
גלויבט אין גאָט.

— וואָס רעדט איהר! — האָט ער אויסגעשריען.

— דאָס איז מיין מיינונג, — האָט אונערשיטערליך, מיט א מעטאלישער הארטקייט, געענטפערט שעווירעוו. איך בין אן אר־בייטער, איך ווייס דאָס גוט.

אין שעווירעוו'ס שטימע האָט זיך געהערט א קראנקהאפטע ביטערקייט, וועלכע ער האָט געוועהנליך אונטערדריקט מיט דער קראפט פון זיין ווילען, און אלאדיעוו האָט פלוצלונג בעקומען רחמנות אויף איהם.

— אייער לעבען איז, ווייזט אויס, געוועזן א זעהר שווער לע־בען... האָט עס אייך פערביטערט... עס איז אונמעגליך, אז איהר זאָלט גלויבען אין אייערע ווערטער... דאָס שמעקט דאָך, ענטשולדיגט מיר, מיט מענשען־האס!

— איך האָב ניט מורא פאַר דעם דאָזיגען וואָרט, — האָט קאלט געענטפערט שעווירעוו. — איך האָב ווירקליך פיינד מענשען, אָבער איהר זאָגט, אז איך בין א פערביטערטער געוואָרען און איך רעכען, אז איך בין אן „אויסגעלערנטער“ — ניט מעהר.

— וואָס האָט איהר זיך אויסגעלערנט?

— זעהען דעם אמת, וועלכען די מענשען שטרענגען זיך אָן צו בעהאלטען איינער פון'ם אנדערען.

— צו וואָס זאָלען זיי דאָס בעהאלטען, אז זיי זיינען אלע אזעלכע? און אין וואָס בעשטעהט דער דאָזיגער אמת, וועגען וועל־כען איהר רעדט?

— זיי בעהאלטען עס און מוזען עס בעהאלטען, כדי מענשען זאָלען קענען לעבען איינער אויף דעם אנדערענס חשבון. דאָס איז א פשוט'ער שווינדעל... און דער אמת איז, אז דער מענש האָט נור בייזע, שלעכטע אינסטינקטען...

— וואָס רעדט איהר! נור בייזע! — האָט אן אויפגערעגטער געשריען אלאדיעוו. — און וואו איז ליעבע, רחמנות, זעלבסט־אויפאָפפערונג?

— איך האלט ניט פון די זאכען. דאָס איז ניט מעהר, ווי א צודעק, כדי צו בעהאלטען די מיאוס'ע נאקעטקייט און בעשיצען זיך פון די בייזע אינסטינקטען, וועלכע מאכען דאָס לעבען אונמעג־ליך. א פראָדוקט פון אידעען און ניט פון דעם מענשענס נאטור... א אויסגעלערנטע זאך, אויסגעדרעסירט... ווען ליעבע, — ניט די

געשלעכטליכע, פערשטעהט זיך, — רחמנות, זעלבסט־אויפאָפּפערונג וואָלטען געווען אזעלכע איינגעבוירענע אינסטינקטען, ווי גרויזאמ־קייט, וואָלטען מיר שוין לאנג געהאט אנשטאט דער קאפּיטאליסטי־שער אָרדנונג א קריסטליכע רעפּובליק; זאטע וואָלטען ניט געקענט רוהיג צוקוקען, ווי הונגעריגע מענשען שטאַרבען פון הונגער; עס וואָלט ניט געווען קיין העררען און שקלאפען, ווייל אלע וואָלטען גע־שטרעבט צו אָפּפערען מיט זיך. עס וואָלט געווען אן אמת'ע גלייכ־הייט. אָבער איצט...

אַלאַדיעוו איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבען געהן איבער'ן צימער מיט שווערע טריט, אזוי ווי ער וואָלט געגאַנגען מיט'ן אַקער איבער'ן פעלד. ענדליך האָט ער געזאָגט:

— אין'ם מענשען לעבען צוויי פּרינציפּען — דער געטליכער און טייפלישער, אויב מיר זאָלען רעדען מיט'ן לשון פון אונזערע מיסטיקער. דער פּראָגרעס איז א קאמפּף צווישען די דאָזיגע צוויי קרעפטען און איהר...

— און איך מיין, אז אויב די דאָזיגע צוויי פּרינציפּען, וואָס לעבען אין'ם מענשענס נשמה, וואָלטען געווען גלייך שטארק, וואָלט דאָס לעבען ניט געקענט זיין אזוי עקעלהאפט, ווי איצט... ניין!... די דאָזיגע אלע רייד וועגען ליעבע, רחמנות זיינען א רעזולטאַט פון'ם קאמפּף פאר'ן לעבען, ווי די אלע לאָקאָמאָטיווען, מעדיצינען, וויסענשאפטען.

— נו, גוט... צוגעגעבען.. קען דאָך, הייסט עס, דער מענש ווירקען אויף זיין נשמה, טו פארוואָס זאָלט איהר ניט גלויבען אין'ם נצחון פון'ם געטליכען פּרינציפּ איבער'ן טייפלישען?... די אידעאַ־לען נעהמען איין דאָס לעבען לאנגזאם, אבער זיכער און ווען זיי וועלען טריאומפירען...

— דאָס וועט קיין מאָל ניט זיין, — האָט גלייכגילטיג געזאָגט שעווירעוו. — צוזאמען מיט'ן וואוקס פון פּראָגרעס וואקסט אויך די פערפלאָנטערטקייט פון לעבען... דער קרייז פון לעבען ווערט אלץ ברייטער און וועט אונענדליך ברייטער ווערען, ווי דאָס וועלטאַל... דער קאמפּף פאר'ן לעבען איז אן אייביג געזעץ און וועט זיך פער־ענדיגען נור צוזאמען מיט'ן לעבען אליין.

— הייסט עס, גלויבט איהר ניט אין די מעגליכקייט פון בע־סערע לעבענס פאָרמען?

— אין נייע יאָ, אין בעסערע — ניט.

— פארוואָס ?

— דער מענש איז גליקליך אָדער אומגליקליך ניט דערפאר, וואָס עמיצער טהוט איהם גוטס אָדער שלעכטס, נור דערפאר וואָס ער האָט אַן איינגעבאָרענע פעהיגקייט צו פיהלען ליידען און פער־געניגען.

— דאָס איז א פאראדאָקס.

— ניין, דאָס איז אזוי. עס זיינען פארהאן מענשען, וואָס עסען אויף פיעל מאָל מעהר פון איך; זיי וועלען זיין הונגעריג, אויב זיי וועלען האָבען דריי מאָל אזוי פיעל, ווי איהר... יענע, וואָס לעבען אויפ'ן עקוואטאָר, ליידען יסורים, ווען די טעמפעראטור איז נידריגער פון צעהן גראד ווארימקייט און די קאמטשאטקער פרעהען זיך, ווען די טעמפעראטור הויבט זיך אויף העכער פון צוואנ־ציג גראד קעלט... דאָס זעלבע וועט איהר בעמערקען אין אלע מענש־ליכע בעציהונגען... און אזוי איז דאָס ניט דערפאר, וואָס דאָס לעבען איז שלעכטס, נור דערפאר, וואָס דער מענש איז אזא בעשעפע־ניש, וואָס איז עמפפינדליך צו ליידען. אין וועלכע ליבענס־בעדינ־גונגען ער זאָל ניט לעבען, וועט שטענדיג זיין עפעס, וואָס פער־שאפט ליידען. ווען דער מענש פון דעם שטיינערנעם צייטאלטער וואָלט זיך געקענט אין זיין פאנטאזיע אריבערטראָגען צו אונז, וואָלט זיך איהם זיכער געדוכט, אז מיר לעבען אין א גן־עדן און מיר האָבען שוין דערלעבט די פערווירקליכונג פון זיינע חלומות, און אין אמת'ען זיינען מיר ניט וועניגער, אויב ניט מעהר, אומגליקליך פון איהם... איך גלויב ניט אין דעם גאָלדענעם צייטאלטער.

— נו, איהר ווייסט, — האָט אלאדיעוו געזאָגט און איהם איז ניט ווילענדיג קאלט געוואָרען אין אלע גליעדער, — דאָס איז דאך עפעס א טיפּלישע רעליגיאָן פון אומגלויבען ! ענטשולדיגט מיר, אָבער איך גלויב ניט, אז איהר מיינט דאָס ערנסט.

— זעהר ערנסט, — האָט קאלט געשמייכעלט שעווירעוו.

— אָבער דאָס איז דאך שרעקליך !

— איך זאָג ניט, אז דאָס איז גוט.

אלאדיעוו איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער און האָט שווייגענדיג געקוקט אויף זיין גאסט.

— נו, גוט... — האָט ער ווידער אָנגעהויבען, — אויב ס'איז

אזוי, טו מיט וואס האבען זיך דא פערשולדיגט די מענשען?... ס'איז דאך א נאטור געזעץ און מעהר גאר נישט... וועמען קען מען בעשולדיגען? פארוואס האסען די אומגליקליכע מענשען?

שעווירעוו האט אויפגעהויבען דעם קאפ.

— איך האס די מענשען נאר דערפאר, וואס זיי נארען זיך און אנדערע. ווען די מענשען, וואס זיי לוינט זיך צו לעבען א זאטען טאג, וואלטען אונז ניט גענארט מיט אונמעגליכע האפנונגען און זינלאזע אידעאלען, וואלטען מענשען, אפשר, שוין לאנג געמאכט א סוף צו זייער לעבען און פערשוואונדען וואלטען געווארען אלע יסורים פון דער פערגאנגענהייט, געגענווארט און צוקונפט...

— אבער אויף אזא אופן וואלט דאך די מענשהייט אויך פערשוואונדען?

— יא.

— און צוליעב וואס?

— צוליעב דער בעפרייאונג פון אונניצליכע ליידען.

אלאדיעוו איז אנטשוויגען געווארען און האט מיט אמת'ן מיטלייד געקוקט אויף שעווירעוו'ן.

איצט האט ער פערשטאנען, פארוואס ער האט אזעלכע קלארע, קאלטע אויגען און איז אזוי שרעקליך רוהיג. אין דער זעעלע פון דעם דאזיגען מענשען האט זיך בעזעצט דער אייביגער חשך און געווארען איז זי א מדבר. קיינע פריידען, קיין גלויבען, קיין אומגלויבען, קיינע האפנונגען — גארניט! געבליבען איז, אפשר, נור איין שארפער עקעל און דער דורשט נאך נקמה, אבער נאך א אונפערזענליכער נקמה.

שעווירעוו האט אנגעהויבען צו קלאפען שנעל מיט די פינגער, האט זיך פערטראכט עפעס און איז פלוצלינג אויפגעשטאנען.

— אדיע, איך בין אביסעל מיעד פון וועג... און, איבריגענס, רעד איך זעלטען אזוי פיעל...

אלאדיעוו האט איהם פערטראכט געדריקט די האנד, און ווען שעווירעוו האט שוין געהאלטען ביים עפענען די טהיר, האט ער איהם שנעל געפרעגט:

— זאגט, איהר זייט ווירקליך אן ארבייטער?

שעווירעוו האט זיך צושמייכעלט.

— וואס איז דער וואונדער? יא.

און איז ארויסגעגאנגען, פערמאַכענדיג פעסט די טהיר נאָך זיך.

אלאדיעוו איז א לאנגע צייט ארומגעגאנגען אהין און צוריק איבער'ן צימער, האָט ליידענשאַפטליך געוויכערט פּאַפּיראָסען און אין געדאנקען ווייטער געפיהרט א פּאָלעמיק מיט איהם. איצט, ווען זיין געגנער האָט געשוויגען און נאָר צוגעהערט זיך צו זיינע רייד, זיינען זיינע ארגומענטען געווען אזעלכע שטארקע און אלאַדיעוו האָט זיך ביסלעכווייז צופּאַנטאזירט. זיין אויג האָט אלץ קלאָרער געזעהן דאָס נעבעלהאַפטע צוקונפטס־לעבען און אונפער־שטענדליך איז געווען דאָס, וואָס געצויגען האָט איהם ווידער צום רוסישען פויער, צום אונפערשטענדליכען קאָלאָס, וועלכען גרויסע רוסישע מענשען מיט אן איינפאכען און שטארקען גלויבען אין אמת האָבען פערהערליכט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט די אונענד־ליכע רוסישע פעלדער און וועלדער, די גראָהע, די טרויעריגע, די אָרימע און אין זייערע אָרעמס — דאָס גרויסע מארטירער־פּאָלק, וואָס גיט פון זיך ארויס, אין דער שטילקייט פון שווערער ארבייט, זיין זאנפטען אמת, — דעם אמת פון א קומענדיגען גערעכטען, מענשליכען לעבען. דאָס אלעס איז געווען אי נעבעלהאַפט, אי גרויס און האָט דערהויבען און געפּיינינגט דעם גייסט. אלאדיעוו'ן האָט זיך איצט געוואָלט אָנשרייבען עפּעס קאָלאָסאלעס: מיט איין ריהר אָנוואָרפען קרעפטיגע, אמת'ע מענשען געשטאלטען, וואָס זאָ־לען אויסדריקען איין גרויסען געדאנק, דאָס אלץ, וואָס האָט איהם געפּרעהט און ניט געלאָזט רוהען. געצונדען האָבען זיך זיינע גע־דאנקען, טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון די אויגען און געדוכט האָט זיך אלאדיעוו'ן, אז דאָס אלץ איז מעגליך און נאָהענט און דערגרייכבאר. אָבער דאָס ציטערדיגע בעוואוסטזיין פון זיין אונ־מאכט האָט באַלד אָבגעשניטען די פליגלען פון זיין נשמה.

— ווי קום איך דערצו!

אלאדיעוו האָט שווער געזיפצט און געטראכט מיט א דעמוטיג־קייט, וואָס האָט דערלייכטערט זיין הארץ.

— נו, איז וואָס... ניט איך, איז אן אנדערער... און איך וועל זיך טהון מיינס.

ער איז נאָך געשטאנען אין מיטען צימער, מיט פערנעבעלטע אויגען געקוקט אויף טאָלסטאָי'ס פּאָרטרעט, האָט אויסגעטרונקען דאָס אכטע גלאָז טהעע, איז פערשוויצט געוואָרען, פערנומען אלע

זיינע פאפיראָסען, דעם לאָמפּ, האָט זיך אויסגעצויגען, און אנידער־געזעצט זיך צום שרייב־טיש, וועלכער איז געוועזן בעדעקט מיט צייטונגס־פּאפּיר.

אלאדיעוו איז געזעסען שפּעט, ביז פריהמאָרגען און געשריבען. דער לאָמפּ האָט געגעבען וועניג ליכט און דאָס צימער איז דעריבער געווען פערשאָטענט. העל בעלויכטען איז געוועזן נור זיין גרויסער, לאנגנאָזיגער קאָפּ און די פעסטע פּויערישע הענד, וואָס האָבען פלייסיג און אויפמערקזאם געפיהרט מיט דער פעדער.

אָנגעשטרענגט און פלייסיג האָט ער געשריבען וועגען די צרות פון די פּויערים, וואָס זוכען דעם אמת: וועגען דעם, ווי זיי קומען אום רוהיג, אָהן איבריגע רייד, ניט ערוואַרטענדיג קיין לויבגעזאנגען, אָהן טומעל, עפּעס, ווי זיי וואָלטען געוואוסט עפּעס אזוינס, וואָס אנדערע ווייסען ניט.

א געדריכטער רויך איז פון דעם לאָמפּ לאנגזאם געקראָכען ארויף און פערלאָרען געגאנגען אין דער דעמערונג. געהערט האָט זיך נור, ווי די פעדער געהט איבער'ן פּאפּיר און פון צייט צו צייט טהוט א ציטער דער שטוהל פון'ם נערוועזען רוקען זיך פון אלאדיעוו'ן, וועלכער האָט געזוכט דעם ריכטיגען אויסדרוק פאר זיין אָנגע־שטרענגטען געדאנק.

אין צימער האָט אלץ געשוויגען; די פינסטערע נאכט האָט גע־קוקט אין פענסטער. עס איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלען, אז די פינסטערניש פון דער נאכט איז גאָר קיין פינסטערניש ניט און אז דאָרט, איבער די דעכער פון די הייזער, אויף די ברייטע גאסען גליהען טויזענדער פייערען, שפּאצירט ארום א פרעהליכער, האָס־טיג־זיך־בעוועגענדער עולם, זיינען אָפען רעסטאָראנען, אָבגעהוילט פרויען אקסלען און מענשען רעדען, קעמפּפען, פערליעבען זיך און שטאַרבען.

הינטער דער וואנד, אויף א הארטען געלעגער, איז געלעגען אָהן יעדער בעוועגונג שעווירעוו און זיינע קאלטע, ברייט־צועפּענטע אויגען האָבען געקוקט אין דער פינסטערניש אריין מיט בייזענדער ענטשלאָסענקייט.

2.

דאָס איינציגע פענסטער אין שעווירעוו'ס צימער האָט ארויס־געקוקט אין א וואנד אריין, איבער וועלכער עס האָט זיך געצויגען

א שמאָלער פאס פון גרויהען הימעל, וועלכער איז געווען דורכגע־שניטען פון פעררויכערטע קוימענס. דאָס צימער איז ניט געווען קיין געוועהנליך צימער: די ווענט זיינען געווען הויל, מיט גאָרניט בעדעקט און דעריבער האָט זיך געדוכט, אז אין צימער איז הויל און קאַלט, אויף'ן דיל — קיין שטויבעל, אויף'ן טיש — קיין זאך ניט. און ווען ניט די אָנוועזענהייט פון שעווירעוו'ן, וועלכער איז גאָר געזעסען ניט ביי'ם פענסטער, און ניט ביי'ם טיש, נור נעבען דער פערמאַכטער טהיר, וואס געהט אריין אין'ם שכנות'דיגען צימער, וואָלט קיינעם ניט איינגעפאלען, אז עמיצער וואוינט אין דעם צימער.

שטייף, אונבעוועגליך און אונגאַטירליך אויסגעגלייכט, קוים פיהרענדיג מיט די פינגער איבער די קניה, איז שעווירעוו געזעסען מיט'ן רוקען צו דער טהיר אויף דעם איין־און־איינציגען שטוהל, וועלכען ער האָט אליין איבערגעשלעפּט אהין. זיינע אויגען האָבען געקוקט קאַלט און אָהן יעדען אינטערעס אויף זיין בעט, וועלכעס האָט אויסגעזעהן ווי א האָספּיטאַל־געלעגער, אָבער אָן די קוים־בעמערקבארע בעוועגונגען, מיט וועלכע ער האָט זיך אָבגערופען אויף יעדען קלאַנג, האָט זיך געפיהלט, אז ער הערט זיך שטארק צו צו אַלעמען, וואָס קומט פאַר אין הויז.

פריהער האָט ער זיך איינגעהערט ווי אלאדיעוו טרינקט טהעע און געהט דערנאָך אוועק. ער האָט געוואכט איבער אלע קלאַנגען, וואָס האָבען זיך געטראָגען פון די אלע עקען פון דעם דאָזיגען אָרימען הויז און האָבען דערצעהלט מאַט און דערשראָקען וועגען דעם גרוי־סען לעבען, וואָס וועבט זיך אין איהם.

הינטער דער טהיר, נעבען וועלכער ער איז געזעסען, האָט גע־וואוינט א יונגינקע נייטאָרין, א נאַאיווע און אביסעל א טויבליכע. אז ס'איז אזוי, האָט ער זיך אָנגעשטויסען אָן דער פרישער, שוואַ־כער שטימע, אָן דעם שטילען קלאַפּען פון דער קאָך־מאַשין, אָן דעם מוטערליכען טאָן, מיט וועלכען די אלטע בעל הבית'טע האָט איהר עפּעס אויסגערעדט און אויך אָן דעם, ווי פערשעהמט און ריהרענד הילפלאָז האָט איהר שוואכע שטימע אלץ איבערגעפרעגט:

— וואָס?...

ווייטער ערגעץ האָט געוואוינט א גרויסע פאמיליע. פון דאָרט האָבען זיך געטראָגען קולות פון קינדער, וואס האָבען געפּישטשעט ווי הונגעריגע מייזלעך; עס האָט זיך געלאָזט הערען א הויכער, פער־

ביטערטער געשריי, ווייזט אויס, פון א קראנקער און פערמאטערטער פרוי, און גאָר פריה בעגינען האָט געקלונגען נאָך א דערשלאָגענער מענערישער טענאָר'על.

אין'ם פינסטערען קאָרידאָר, הינטער א פּאַרהאנגעל, האָבען עפּעס אַלטיטשקע האסטיג געפּליסטערט, געפּאָרעט זיך ארום הויפענס שמאטעס, ווי ווערים ארום א נבלה. און עקעלהאפט איז געווען זייער דערשראָקענער, אָבגעריסענער געפּליסטער, וועלכער האָט זיך איבערגעריסען פון צייט צו צייט עפּעס ווי די אַלטיטשקע וואָלטען פּלוצלונג דערוואוסט זיך פון א געפאהר און האָבען זיך פארבעהאַלטען פון איהר.

צו שעווירעוו'ן אין צימער איז אריין געגאנגען די בעל־הבית'טע, די אַלטיטשקע, א הויכע, מאָגערע און גראָהע פרוי מיט נעבעלהאפטע אויגען, וואָס זעהען גאָרנישט. ווען שעווירעוו האָט איהר אָבגעגעבען דאָס געלד, האָט זי לאנג דערויף געקוקט און ארומגעטאפּט עס מיט איהרע טרוקענע פינגער.

— איך בין בלינד געוואָרען... — האָט זי געזאָגט מיט א טרויעריגער רוהיגקייט, און שעווירעוו האָט שפּעטער געהערט, ווי זי האָט געוויזען דאָס געלד דער נייטאָרין און זי האָט געענטפערט זילבעריג און קלינגענדיג, מיינענדיג, ווי אַלע טויבע, אז מען הערט איהר ניט:

— ריכטיג, ריכטיג, מאקסימאָווּנא!

אזוי איז שעווירעוו געזעסען א דריי שטונדען, קיין איין מאָל ניט ענדערענדיג זיין פּאָזע און נור מיט די פינגער האָט ער אַלץ פלינקער און פלינקער געפיהרט. אויפמערקזאם און ערנסט האָט ער איינגעזויגט די אַלע פארבלאָזע קלאנגען, וואָס האָבען אָהן ווערטער דערצעהלט וועגען דעם, ווי אָרים און נעבעכדיג דאָס מענשליכע לעבען קען זיין.

דערנאָך איז ער שנעל אויפגעשטאנען, האָט זיך שנעל אָנגעטהאָן און איז אוועק פון הויז.

3.

שעווירעוו איז געשטאנען אין'ם הויף פון דער פאבריק און דורך דעם נעבעלהאפטען גרויסען פענסטער, וועלכעס איז געווען

פערשטעלט מיט אייזערנע שטאַנגען, האָט ער געקוקט אין דער מאַ־שינען־אבטהיילונג.

אינווייניג האָט עפּעס געזומט און געקלאַפּט, און די גלעזערנע פענסטער האָבען שטיל געציטערט. די אונגעהייער גרויסע פענסטער האָבען, ווייזט אויס, אריינגעלאָזט אין דער פאַבריק זעהר פיעל ליכט, אָבער פון'ם דרויסען, איבער וועלכען עס האָט זיך צושפרייט אזא העלער, ליכטיגער, פרייער הימעל, האָט זיך געדוכט, אז אין דער פאבריק הערשט א טיעפע פינסטערניש. מען האָט געקענט זעהן, ווי געהיימניספול עס זיינען געקראָכען אין דער הויך און אראָב־צו עפּעס קייטען, ווי אימפּעטיג, און דאָך קוים הערבאר האָבען זיך געטראָגען די רעדער און ארומגעפלויגען אונענדליכע פאַסען. אלעס האָט זיך בעוועגט, געדרעהט, געלאָפען, אָבער קיין מענשען האָבען זיך ניט אָנגעזעהן. נור פון צייט צו צייט האָט זיך צווישען די שווארצע, קאַלטע מאָנסטרען בעוויזען א בלייך מענשליך פּנים מיט אויגען, ווי ביי א טויטען, און איז באלד איינגעשלונגען געוואָרען פון דער נעבעלהאפטער פינסטערניש, וועלכע איז געווען אָנגעפילט מיט טומעל און בעוועגונג. דער דאָזיגער שרעקליכער טומעל איז, דוכט זיך, אלץ געוואקסען און געוואקסען, אָבער אין אמת'ן איז ער געבליבען דערזעלבער — א שווערער און מאָנאָטאָנער. און די שטויביגע פענסטער האָבען אלעס צוזאמענגעמישט אין עפּעס פארבלאָזטעס, גרויהעס און פלאכעס, ווי אויף א לייוואנד פון א זעהר גרויסען קינעמאטאָגראַף.

נעבען דעם פענסטער האָט א קליינער מאָנסטער פון שטאָהל און אייזען, מיאוס קרימענדיג זיך און צופייפענדיג, שנעל געהו־בעלט די קאַלטע, קופערנע בלעטער און דינינקע, גאָלדענע פאסלעך האָבען זיך האסטיג ארויסגעפלאָכטען פון זיינע שארפע מעטאַ־לישע ציינדלעך. איבער דער מאשין האָט זיך געוויזען א געבויגענער מענשליכער רוקען און עס האָבען זיך בעוועגט גרויסע, אומריינע הענד. דאָס איז געווען א ריטמישע און מאָנאָטאָנע בעוועגונג, וואָס האָט זיך צוזאמענגעגאָסען מיט די בעוועגונגען פון דער קליינער, פלינקער מאשין.

שעווירעוו האָט געקוקט אויפמערקזאם אויף דעם ארבייטער. ער איז געווען איהם נאָהענט. די מאשין האָט ער געקענט — נעבען אזא איינער האָט ער זיך געשטעלט ארבייטען מיט פינף יאָהר צו־

ריק, טראָגענדיג אין זיך אזעלכע גרויסע האָפנונגען. די האָפנונגען האָבען איהם גענארט. פינף לאַנגע יאָהר האָט ער געטהון זיין אר־בייט פון טאָג צו טאָג, פון פריהמאָרגען ביז אָבענד־צייט, אויפ׳ן אָרט געשטאַנען א געזונדער און א קראַנקער, א פרעהליכער און א פערטרויערטער, א פערליעבטער און געפייניגטער פון גערראַנקען וועגען יענע, צו וועלכע עס האָט זיך געצויגען זיין נשמה.

ווען אימיצער וואָלט איצט א קוק געטהאָן שעווירעוו׳ן אין די אויגען, וואָלט ער זיך פערוואונדערט: אזוי אונגעוועהנליך זיינען זיי געווען. דאָס זיינען ניט געווען די געוועהנליכע קאַלטע און קלאָרע אויגען, אין זיי האָט געגליהט עפּעס א צאַרטער טרויער און שאַרף האָט ארויסגעקוקט פון זיי א איינגע׳עקש׳נטע אייזערנע פיינדשאַפט.

פון צייט צו צייט האָבען געציטערט זיינע ליפּען און עס איז שווער געווען צו טרעפען צי איז דאָס א שמייכעל אָדער שעווירעוו רעדט שטיל, אָהן ווערטער, צו זיך אליין.

אזוי איז ער אָבגעשטאַנען א לאַנגע צייט, האָט זיך שאַרף אומגעדרעהט, ווי לויט א מיליטערישען בעפעהל, און איז מיט פעס־טע טריט אוועקגעגאַנגען.

— וואו איז די קאַנטאָר? — האָט ער געפרעגט אַן ארבייטער, וועלכער איז איהם געגאַנגען אנטקעגען און האָט געהאַט אזא בלייכען און פערשטויבטען געזיכט, אז זיינע לעבעדיגע מענשליכע אוי־גען זיינען געווען ווי איבריגע.

— דאָ איז׳ס. דער צווייטער טויער, — האָט געענטפערט דער ארבייטער און איז געבליבען שטעהן.

— פערשרייבען ווילט איהר זיך? זיי נעהמען ניט צו. — האָט ער געזאָגט האלב מיטליידיג, האלב בייזווילליג־צופריעדען און האָט געשמייכעלט בעוויזענדיג פון אונטער די דיקע בלאָהליכע ליפּען ברייטע, ווייסע, ווי ביי א שווארצען, הונגעריגע צייהן.

שעווירעוו האָט איהם קאַלט געקוקט אין די אויגען, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט איהם זאָגען:

— כ׳ווייס.

ער האָט געעפענט די טהיר און איז אריינגעגאַנגען אין קאַנטאָר.

אינווייניג האָבען שוין געוואַרט א מענשען צעהן, וועלכע זיינען

געזעסען ארום צוויי הויכע, ווייסע פענסטער. אויפ'ן העלען פאָן האָבען זיך געזעהן נור טונקעלע סילועטען, און אונקלאָר האָט געגלאנצט דער בלאַהליכער פלעק אויף עמיצענס גלאַטצ־קאָפּ, וואָס איז עהנליך געווען צו א שארבען. סילועטען אָהן אויגען און פּנימער האָבען זיך א רוק געטהאָן אין שעווירעוו'ס ריכטונג און בערוהיגט זיך, געדולדיג ווארטענדיג, ווי געוועהנליך. שעווירעוו האָט זיך געשטעלט נעבען טהיר און איז פערגליווערט געוואָרען, ווי א זעלנער, וואָס שטעהט אויף דער וואך.

לאנג איז געווען שטיל. פון צייט צו צייט האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט ווערטער, איינבויגענדיג זיך איינער צום אנדערען, די אויגענלאָזע שארבענס. די דריי ביורא־אנגעשטעלטע האָבען געקריצט מיט די פעדערען איבער'ן פּאַפּיר און אזוי שנעל געקנאקט מיט די פינגער איבער די רעכען־ברעטלעך, אז מען האָט געקענט מיינען, אז זיי ווילען בעווייזען, ווי שנעל זיי קענען רעכענען. דערנאָך האָט, ענדליך, א קלאַפּ געטהאָן די אינווענינגסטע טהיר און א פּעטער, קורצהאלזיגער מענש איז שנעל אריינגעגאנגען אין קאנטאָר.

— ניקיפאָראָוו, דערלאנג די שטראָף־ליסטען! — האָט ער מיט א זעלבסטצופריעדענעם, זיכערען קול א געשריי געטהאָן.

דער אָנגעשטעלטער האָט אוועקגעוואָרפען די פעדער און אָנגעהויבען צו גראָבען זיך אין די הויפענס בלאָהע ביכער. אין דערזעלבער צייט האָבען זיך די אלע סילועטען, וואָס זיינען אויפגעשטאנען, בשעת דער מייסטער איז אריינגעגאנגען, א רוק געטהאָן זיך פון אלע זייטען און מיט אמאָל צוזאמענגעשטעלט זיך ארום איהם. מען האָט איצט געקענט זעהן זייערע אָבגעניצטע פּידזשאַקען, די צוריסענע היטלעך, די שמוציגע שטיוולען, די גרויהע פּנימ'ער מיט הונגעריגע אויגען און די אראָבהענגענדיגע מאָגערע הענד.

— הערר מייסטער! — האָבען מיט אמאָל עטליכע הייזעריגע שטימען א זאָג געטהאָן.

דער פּעטער מענש האָט גראָב און אויפגערעגט ארויסגעכאַפּט דאָס בוך פון'ם אָנגעשטעלטען'ס האנד און זיך געווענדעט צו זיי:

— ווידער! — האָט ער אוננאטירליך הויך געשריען — איהר האָט ניט געזעהען דאָס אויסגעהאנגענע פּאַפּיר? ניין?

— ערלויבט מיר צו ערקלעהרען, — האָט אָנגעהויבען א הוי־

כער, גלאַץ־קעפּיגער, אַלטער מענש, ארויסרוקענדיג זיך צום פאַ־רענט צו.

— וואָס איז דאָ צו ערקלעהרען! ניטאָ קיין ארבייט, איז ניטאָ!... ניטאָ קיין בעשטעלונגען... פערשטאַנען? אינגיכען וועט לען מיר אונזערע אייגענע ארבייטער אָבזאָגען.

אין א מינוט זיינען אַלע שטיל געוואָרען און צוטומעלט. אָבער דער הויכער, גלאַצקאָפּיגער אַלטער האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט אַן אָבגעריסענעם, וויינענדיגען טאָן.

— מיר פערשטעהען, פערשטעהט זיך, אז ס'איז ניטאָ קיין ארבייט... וואָס קען מען טהון? שלעכט איז נור, וואָס ס'איז ניט צום אויסהאַלטען... מיר הונגערען... מיר וואָלטען געדארפט זעהן דעם אינזשיניער פּוסטאָוואַיטאָוו... דאָס לעצטע מאָל האָבען זיי צו־געזאָגט א קוק טהאָן...

דעם אַלטען'ס הונגעריגע, גלאַנצענדע אויגעלעך האָבען מיט שרעק און רחמנות געקוקט אויף'ן מייסטער.

— אונמעגליך! — האָט אָבגעשניטען דער מייסטער, ווע־רענדיג אונערוואַרטעט שרעקליך בייז און זיין פּנים האָט זיך אָנ־געגאָסען מיט בלוט.

— פיאָדאָר קאַרלאָוויטש — האָט עקשנות'דיג, גלייך ווי ניט צו איהם האָט מען גערעדט, געצויגען דער אַלטער.

— איך האָב אייך שוין הונדערט מאָל געזאָגט, — האָט מיט א שטאַרקען דייטשען אקצענט, אָבער שטילער ווי פריהער, א זאָג געטהאָן דער מייסטער, — אז דער אינזשענער האָט דערמיט גאָר ניט צו טהאָן.

— אָבער זיי...

— זיי זיינען דאָך איצט גאָר ניטאָ אין דער פאַבריק — האָט איבערגעשלאָגען דער דייטש און זיך אָבגעקעהרט.

— נישטאָ, אָט שטעהט דאָך דער עקיפּאַזש זייערער ביי'ם טויער — האָט עמיצער פון'ם עולם בעמערקט.

דער מייסטער האָט שנעל אומגעקעהרט זיך אהין־צו און זיין געזיכט האָט זיך פערצויגען מיט קאַלטער בייזקייט.

— נו... שטעהט ער! איז אייך גוט! — האָט ער לאַכענדיג אויסגערעדט און געלאָזט זיך צו דער טהיר.

— פיאָדאָר קארלאָוויטש ! — האָט האסטיג געשריען דער אַל־טער, טהוענדיג א לאָז זיך נאָך איהם.

דער דייטש האָט אויף א סעקונדע אָנגעשטעלט זיינע אויגען אויף דעם אלטען'ס געזיכט און אפילו ניט אויפ'ן געזיכט, נור אויפ'ן גלאצקאָפּ.

— און דו — האָט ער לאנגזאם און בייזוויליג־צופריעדען אויסגערעדט — האָסט גאָר ניט וואָס צו קומען. אויך מיר אַן ארבייטער !

— פיאָדאָר קארלאָוויטש — האָט מיט א יאוש אין דער שטי־מע ארויסגעשריען דער אלטער : — גאָט איז מיט אייך... איך בין דען עפּעס... איך בין דאָך פון די בעסטע ארבייטער שטענדיג....

— דאָס איז שטענדיג, און היינט איז עפּעס אנדערש, — האָט כלומר'שט נאכלעסיג ארייננגעוואָרפען דער דייטש — ביזט אַלט געוואָרען, צייט שוין אויסצורוהען זיך... בעסער ניט קום, אַלץ איינס !

ער האָט גענומען זיך פאַר'ן הענטעל פון טהיר.

— אָבער אום גאָטעס ווילען, איך...

אָבער די טהיר האָט א קלאַפּ געטהאָן און דער אלטער האָט זיך אָנגעשטויסען אָן דער געלער, אָבלאַכערישער וואנד. ער איז גע־שטאנען אביסעל, געמאכט מיט די הענד און אויסגעדרעהט זיך, ווי איינער רעדט :

— נו, האָסטו דיר... וואס איצט

און פּלוצלינג האָבען אלע אָנגעטהון די היטלען און אָנגעהויבען ארויסצוגעהן אין הויף.

אָבער זיי זיינען זיך ניט צוגאנגען. זיי זיינען געבליבען שטעהן נעבען טויער, מיט די קעפּ צום אריינגאנג צו, ווי פערוואָגעלטע לאַסט־פיה. און מעהרערע פון זיי האָבען טאקי ניט געהאט וואוהין צו געהן, אזוי זינלאָז, האלב צוטומעלט, האלב־גלייכגילטיג, האָבען זיי געקוקט זיך אונטער די פיס. איינער האָט פעררויכערט, האָבען די איבעריגע אויפמערקזאם בעטראכט וואס ער טהוט. די צו־קנייטשטע פאפּיראָס האָט זיך אַלץ ניט אָנגעצונדען.

— דו געה אוועק פון דער ווינד־זייט,—האָט פערזאָרגט איינער בעמערקט.

— א, א רוח אין דיין מאמע'ן אריין ! — האָט אונערוואר־

טעט א געשריי געטהאָן יענער, וואָס האָט געפּרובט פּעררויכערען, האָט מיט כעס א וואָרף געטהאָן די פּאַפּיראָס אין וואַנד און גע־בליבען שטעהן, ניט וויסענדיג, וואָס ווייטער צו טהון.

— פערשטעהסט איהר מיך א געשיכטע... שוין דעם דריטען טאָג א ניט־געגעסענער... — האָט אויסגעמורמעלט א גרינער בחור און האָט זיך אונערוואַרטעט צושמייכעלט, ערוואַרטענדיג, אז אלע זאָ־לען הנאה האָבען פון דעם וויץ.

— און אויפ'ן פערטען האָט אונזער איינער אויך ניט וואָס צו עסען! — האָט גאַנץ גלייכגילטיג זיך אָבגערופען יענער, וואָס האָט פעררויכערט.

פּלוצלינג איז פון'ם אנדערען אריינגאַנג שנעל און פּראַנטיש ארויסגעלאָפען א פעסטגעבויטער, העל־בלאָנדער הערר מיט אויפגע־הויבענע פוכיגע וואָנצען. א קוים־בעמערקבארע בעוועגונג איז דורכגעלאָפען איבער די ארבייטער רייהען. זיי האָבען אלע נערוועז א ציטער געטהאָן, א רוק געטהאָן זיך און געבליבען שטעהן. נור איינער, דער אלטער, האָט אראָבגענומען דאָס היטעל, אויפדעקענדיג זיין אומריינעם גלאַץ־קאָפּ.

איבער'ן אינזשעניער'ס זאַטען, פעסטען פּנים האָט דורכגע־שלייכט א קורצער שאָטען. ער האָט עפּעס ווי געוואָלט זאָגען, אבער אנשטאט דעם האָט ער אויסדרוקספול א מאַך געטהאָן מיט די אקס־לען, א קוק געטהאָן מיט פאַרוואָרף ארויף־צו און א געשריי געטהאָן אן אויפגערעגטער:

— סטעפּאַן! דערלאַנג! וואָס שטעהסטו דאָרט!...

דער פעטער קוטשער מיט'ן זייגער אויפ'ן בויך האָט די פערד א טרייב געטהאָן צום אריינגאַנג צו. דער אינזשעניער האָט שנעל און לייכט זיך אויפגעהויבען אויף דעם טרעפּעל פון וואָגען און זיך פעסט אראָבגעלאָזט אויפ'ן לעדערנעם זיץ. דאָס געלע פערד האָט מיט א מאָל שפּילענדיג געלאָזט זיך פון'ם אָרט. דאָס גומי פון די רעדער האָט ווייך בעשריבען א האלב־קרייז און דער וואָגען האָט זיך לייכט א טראָג געטהאָן איבער דער גאַס. נאָך איינמאָל האָט ער דורכגעבליצט און איז פערשוואונדען.

מיט א מאָל האָבען זיך די ארבייטער אָנגעהויבען צו צוגעהן.

שעווירעוו איז ארויסגעגאַנגען דער לעצטער. ער האָט אריינ־גערוקט די הענד אין די טאַשען, האָט זיך אויסגעגלייכט, הויך אויפ־

געהויבען דעם קאָפּ און איז שנעל אוועקגעגאַנגען איבער'ן גאַס.

אין'ם וואסערדיגען ליכט פון'ם הערבסט־טאָג האָט די גרויסע שטאָדט אויסגעזעהן בעזונדערס שמוציג און קאַלט. די נאַסע, פייד לען־גלייכע גאַסען זיינען געווען איינגעטהון אין א בלאָהליכען נעבעל. מענשען, פערד, הייזער, לאַמטערנען האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין וואסעריגע בלאָהקייט און איבער איהר האָט שאָטענהאַפט געשיינט אין גאָלד דער דינער שפּיץ פון דעם מארינען־אמט, וועלכער איז ווי געהאַנגען אין לופטען.

שעווירעוו איז געגאַנגען איבער די גלאַטיגע, קלעפּיגע טראָ־ טוארען, אין מיטען פון א האסטיג־לויפענדיגען, פער'דאגה'טען עולם, פארביי די אָפענע טהירען פון גרין־געלע ביר־שטובען און רויטע טראַקטירען, פארביי אונענדליכע רייהען פון בלינדע פענס־ טער, וואָס האָבען געהאַנגען עטאַזשען־הויך איבער דער אונרוהי־ גער, פערטומעלטער גאַס.

מענשען זיינען געגאַנגען אנטקעגען שעווירעוו'ן, האָבען איהם אריבערגעיאָגט, איבערגעגאַנגען די גאַס, זיך אָבגעשטעלט עפּעס קויפען, פערשוואונדען הינטער טויערען, וואָס זיינען געווען עהנליך צו קעלערס, און זיינען ווידער פון דאָרט ארויסגעקראָכען. אָבגע־ ריסענע מענשען האָבען זיך מיאוס און שענדליך געזידעלט: אין לופטען האָט ארום זיי געהאַנגען עפּעס שווערעס. אלע זיינען זיי געווען אזעלכע שמוציגע, מיאוס'ע, אָבגעריסענע, אז עס איז גע־ ווען גאַנץ אונפערשטענדליך, ווי שעהמען זיי זיך ניט מיט זייער חיה'שען אויסזעהן און צולויפען זיך ניט איבער אלע פיער עקען וועלט, ערגעץ אין די וועלדער, כדי זיך בעהאַלטען דאָרט אין פינס־ טערע הייל'ען. און איבער די דאָזיגע שמוציגע מאסען האָבען זיך הויך און שלאַנק אויסגעצויגען די עלעקטרישע לאַמטערנען און גע־ צויגען זיך די אונענדליכע ליניען פון די טעלעגראַף־און טעלעפאָן־ דראָטען.

פון די פאנאנדערגעעפענטע טהירען פון די טומעלדיגע און פארדויכערטע ביר־שטובען האָבען זיך געריסען אין דער גאס אריין הייזעריגע געשרייען פון די גראמאָפאָנען און געשאָטען זיך שיכור'ע שטיקער פלייש, וואָס זיינען גאָר ניט עהנליך געווען צו מענשען. זיי זיינען געפאלען אויפ'ן אָרט אין דער פערשפּייעטער

בלאַטע אָדער, שטויסענדיג די פארבייגעהער, אוועקגעוואקעלט ער־געץ אין דעם ווייסליכען נעבעל פון דער אונענדליכער גאס. ערגעץ אין דער ווייט האָבען זיך געהערט ווילדע יאָמער־געשרייען און ניט שטענדיג האָט מען געקענט אונטערשיידען, צי דאָס שרייט א חיה, וואָס איז משוגע געוואָרען פון הונגער און וועהטאָג, אָדער עס זינגט א שכור'ער מענש.

אויף די קרייץ־וועגען זיינען אונבעוועגליך געזעסען אויף זייע־רע פערד ווי פון אייזען געגאָסענע פאָליציילייט און גלייכגילטיג געקוקט ערגעץ וואוהין איבער די מענשען מאסען. פון צייט צו צייט האָבען זיי געהויבען זייערע הענד אין ווייסע האנדשוה, און די שטארקע פערד זייערע האָבען אונפערשטענדליך געפאָכעט מיט די גרויסע, קלוגע געזיכטער.

4.

אין'ם קעלער־רעסטאָראן, וואו שעווירעוו האָט געמיטאָגט, איז געוועזען אזוי טומעלדיג, ווי בשעת א שריפה און פון'ם טאבאק, שוויים, די קיך־גערוכען איז געשטאנען אזא געדיכטער, קלעפּיגער דאמפף, אז מענשען זיינען געשוואומען אין איהם, ווי אין א זומ־פּיג־וואסערדיגען נעבעל.

שעווירעוו איז געזעסען נעבען פענסטער, הינטער וועלכען עס האָבען זיך געדרעהט אהין און אהער אונאויפהערליך מענשליכע פיס און, אנידערלעגענדיג זיינע עלענבויגענס אויף דעם פון פעטס צואווייקטען טישטוך, האָט ער גלייכגילטיג געקוקט אין דעם צוויי־טען צימער אריין, וואו ארום א צובראָכענעם ביליארד אין'ם טאַ־באַק־רויך האָבען זיך בעוועגט עפּעס שאָטענס מיט שטעקענס אין די הענד. געלעכטער און זידלערייען האָבען זיך פון דאָרט גע־טראָגען, ארום א צווייטען טישעל האָט זיך צוזעצט א קאָמפּאניע שכור'ע שוסטער. איינער פון זיי, א דארער, מיט א אויער־רינגעל אין'ם רעכטען אויער, האָט, ווייזט אויס, אלעמען אמוזירט, מאַ־כענדיג זיך שפּאס פון א נארישליכען פּויערעל, וועלכער האָט איהם געקוקט אין מויל מיט זינלאָזע, פעראינטערעסירטע אויגען. דער בחור מיט'ן אויער־רינגעל האָט עפּעס דערצעהלט, געזאָגט ליגענס, געליינט מיט היץ, מיט ליידענשאַפט, פערגעהענדיג פון פערגניגען און פלוצלינג ווערט עס איהם אליין נמאס, ער צונעמט א גליק־

ליבער די הענד, ווענדעט זיך צום פובליקום און רופט אויס מיט א צופריעדען־גליקליכער שטימע.

— איז דאָס א נאר, ברידערלעך! איך לייג איהם, לייג און ער גלויבט!... גלויבט אויף אַן אמת אין יעדען וואָרט, ברידערלעך.

דאָס פויערעל שמייכעלט צוטומעלט, מאַכט מיט דער האַנד, קעהרט זיך אָב, אָבער פּלוצלינג לעגט זיך דער בחור מיט'ן רינג אין אויער אויפ'ן טיש, מיט דער ברוסט צום טיש צו, עפענט ברייט דעם מויל און הויבט אָן פייערליך:

— און נאָך איז געשעהן אזא געשיכטע, ווען איך בין געווען אין פּענזא...

דאָס פויערעל ציטערט אויף, ציהט אויס דעם האַלז און קוקט אונבעהאָלפען און געהאַרכזאם דעם ערצעהלער אין מויל אריין.

די טהיר אויפ'ן בלאָק האָט געהאַלטען אין איין יאָמערען, אריינלאָזענדיג צוזאַמען מיט דער גאַסען־פייכטקייט אלץ נייע און נייע געסט, וועלכע האָבען זיך געזידעלט נאָך שטעהענדיג אין פאַר־הויז, אויף די טרעפּ.

אלץ פינסטערער איז געוואָרען, געדיכטער דער נעבעל און א געפילדער איז געהאַנגען אונטער דעם נידריגען סופיט, גלייך ווי די זידלערייען, מענשען, דאַמפּף, געשטאַנק, קולות האָבען זיך צו־זאַמען געפלאָכטען אין איין שמוציגען קאָשמאַר, פון וועלכען איהר האָט ניט געקענט ארויסקריכען.

ביי'ם זעלבען טישעל, וואו שעווירעוו איז געזעסען, האָט זיך באַלד נאָך איהם געזעצט א מאָגערער לאַנג־האַלזיגער מענש מיט א זעהר שוואַרצען און בעגייסטערטען געזיכט. ער איז, ווייזט אויס, די גאַנצע צייט געווען שטאַרק אויפגערעגט: אָט האָט ער אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט די הענד, אָט האָט ער זיך אומ־געקוקט אין אלע זייטען, אָט האָט ער זיך געוואָרפען אין שטוהל, עפּעס זוכענדיג ביי זיך אין אלע טאַשען און ניט געפינענדיג. צייי־טענווייז האָט ער געוואָרפען בליקען אויף שעווירעוו'ן און האָט, דוכט זיך, זעהר שטאַרק געוואָלט אָנהויבען צו רעדען מיט איהם, אָבער ער האָט ניט ענטשלאָסען זיך. שעווירעוו האָט דאָס בע־מערקט, אָבער ער האָט געקוקט קאַלט און ניט ארויסגעוויזען קיין חשק צו פערפיהרען מיט איהם א געשפּרעך.

ענדליך, נאָך א זעהר געלונגענער הוצפה'דיגער חכמה, אין וועלכער דער בחור מיט דעם אויער־רינגעל האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט, א חכמה, וואָס האָט ארויסגערופען א דונערדיגען געלעכטער פון די בעלי־מלאכות און אינגאנצען צוטומעלט דעם לייכט־גלויביגען פויער'על, האָט דער מענש מיט'ן לאנגען האלז זיך א קעהר געטהון צו שעווירעוו'ן, און חניפה'דיג שמייכלענדיג, האָט ער מיט'ן קאָפּ אָנגעוויזען אויפ'ן בחור.

— א פערפאלענער מענש! — האָט ער העפליך בעמערקט.

— יאָ... — האָט ניט גערן זיך אָבגערופען שעווירעוו.

דער מענש מיט'ן לאנגען האלז האָט, ווייזט אויס, טאקי נור אויף דעם געווארט און ווי איינער, וואָס האָט שוין ניט וואָס צו פערלירען, האָט ער געפרעגט:

— איהר, חבר, זייט פון אונזערע... אן ארבייטער, ווייזט אויס?

— יאָ, — האָט ווידער קורץ געענטפערט שעווירעוו.

דער מענש מיט'ן לאנגען האלז האָט אויפגעציטערט.

— הערט, ביטע... איך בין ערשט דריי טעג אין דער הויפּט־שטאָדט... קען איך ביי אייך ניט דערגעהן, ווי זאָל איך זוכען אר־בייט? איך בין א שוסטער... הא?

דעם מענשען'ס אויגען האָבען געקוקט אויף שעווירעוו'ן דער־שראָקען און מיט א געבעט, אָבער זיין געזיכט האָט נאָך אלץ גע־האט אן אויסדרוק פון בעגייסטערונג.

שעווירעוו איז אנטשוויגען געוואָרען.

— איך ווייס ניט, — האָט ער געענטפערט — איך בין אליין אָהן ארבייט. ניטאָ קיין ארבייט אין ערגעץ ניט... א קריזיס... צעהנדליגע טויזענדער ארבייטסלאָזע דרעהען זיך איצט ארום אין שטאָדט...

דער מענש מיט'ן בעגייסטערטען געזיכט האָט אביסעל גע־עפענט דאָס מויל און שווייגענדיג געקוקט אויף שעווירעוו'ן. דער־נאָך האָט זיין פּנים זיך גענומען בייטען, בלייך ווערען און האָט פּלוצלינג אָנגענומען דעם אויסדרוק פון א נאאיווען אָהנמעכטיגען יאוש. ער האָט זיך אָנגעשפּארט אן'ם שטוהל און צופיהרט די הענד.

— וואָס זייט איהר אהער געקומען צופאָהרען? — האָט אונ־

ערוואַרטעט און אפילו פערביטערט נעפּרעגט שעווירעוו. — צי ווייסט איהר ניט, וויפיעל הונגעריגע האָבען זיך א לאָז געטהון אהער? איהר האָט געמעגט בלייבען זיצען, וואו איהר זייט געווען.

דער מענש האָט ווידער צופיהרט די הענד.

— ניט געקענט... מען האָט מיך אין ערגעץ ניט געוואָלט צונעהמען... טו וואָס האָב איך געקענט טהון?

— פאַרוואָס? — האָט כמעט גלייכגילטיג געפּרעגט שעווירעוו.

— אזוי... א סטרייק... נו... האָבען די חברים מיך אויסגעקליבען פאַר א דעפּוטאַט... דאַמאָלס האָבען זיי מורא געהאַט צו ריהרען, און איצט, רוהיגער געוואָרען, האָבען זיי זיך דערמאָהנט, הייסט עס... נו, און ארויסגעטריבען!...

— און וואו האָט איהר געאַרבייט?

— אין די שאַכטען... א שלאָסער געווען.

— א דעפּוטאַט געווען? טו וואָס האָבען אייך די חברים ניט אויסגעלעזט?

שעווירעוו האָט ארויסגערעדט די ווערטער מיט א שלעכטער און אונגעוועהנליכער אינטאָנאַציע, און קוקען האָט ער געקוקט אין זייט אריין, גלייך ווי איהם האָט שטאַרק אינטערעסירט די נייע המצאה פון'ם בחור מיט'ן אויער־רינג.

דער שלאָסער האָט פערוואונדערט געקוקט אויף שעווירעוו'ן.

— ווער אויסלעזען!... אָנגעקומען דריי קאָמפּאַניען סאָלדאַטען, קאַנאָנען... און א סוף!

— און איהר האָט ניט געוואוסט, אז עס וועט זיך אזוי ענדיגען?

— דאָס הייסט... אין צוקונפט, פערשטעהט זיך... און דערווייל, פערשטעהט זיך, געוואוסט...

— צו וואָס זייט איהר געגאַנגען?

— וואָס הייסט צו וואָס?... די חברים האָבען אויסגעקליבען...

— און איהר האָט זיך גענדאַרפט אָבזאָגען, — האָט ווי פריהער, קוקענדיג אָן א זייט, גלייכגילטיג געענטפערט שעווירעוו.

— נו, ווי קען דאָס זיין... אויב אלע וועלען זיך אָבזאָגען, טו וואָס...

— אָבער אנטקעגען קאַזאַק זיינען זיי ניט געגאַנגען?

— דאָס איז אַן אנדער זאַך... טויט, א קליינינקייט!... פאמי־ליען־מענשען, ווייבער, קינדער!

— נו, און איהר זייט אָהן א פאמיליע?

דער שלאָסער האָט לייכט א ציטער געטהון, זיך צוטומעלט, אָבגעווישט דעם שטערן און שטיל געענטפערט:

— איך האָב א מוטער...

ער האָט געשוויגען, קוקענדיג אין ווינקעל און עס האָט זיך געדוכט, אז ער הערט זיך צו זעהר אויפמערקזאם צו די מעשיות פון'ם חוצפה'דיגען בחור מיט'ן אויער־רינג.

— און געוואָלט האָט דער אינזשענער דערנאָך אויסגעבען פאר מיר זיין טאָכטער, אָבער איך האָב זיך אָבגעזאָגט...

— פ־פאר־וואס? — האָט דאָס פויער'על מיט א נעבעכ'דיגען אונפערטרויען געפרעגט, אריינטהוענדיג א בעגייסטערטען קוק דעם בחור אין מויל אריין.

— אָט דאָס, מיין ליעבער, וואס איך בין א בעל־מלאכה, א פראָלעטאריער, און זי איז אַן ארעליגע. פערשטעהט זיך, זי איז מיר שרעקליך געפעלען, אָבער ניט אונזער גלייכען... געזעגענענ־דיג זיך האָט זי מיר, הייסט עס, אליין שאמפאניער ארויסגעטראָגען און דערביי געזאָגט: „איך האלט פון אייך, עליאזאר איוואניטש, זעהר שטארק און וועל אייך שטענדיג געדענקען... נו, און דערביי... א גאָלדענעם רינג געגעבען... וואָס דען!

— נו? — האָט זיך צוגערוקט דאָס פויער'על.

— נו, איז וואָס... גארנישט... דער רינג איז איצט... אין לאָמ־בארד... ליגט נאָך... פינף רובעל האָט מען מיר געגעבען פאר איהם. איצטער האָב איך קיין געלד ניט, שפעטער צו וועל איך עם אויס־קויפען און וועל איהם טראָגען... מען טאָר ניט... א זאַך צום גע־דענקען!

— און איך, ברידערלעך, וועל אייך דערצעהלען! — האָט דער בחור פלוצלינג נאָר מיט אַן אנדערער שטימע א זאָג געטהאָן, ווענ־דענדיג זיך צו די אנדערע צוהערער, — בין איך אין פענזא אריינ־געפאלען אין א ענגלאנדישע פאבריק... די ברידער באָרים געהיי־סען... איז דאָרט געוועז, ברידערלעך, גוט! — קיינע שטראפען, פאר ארבייטער שטיינערנע פליגלען, פיינע מעבעל, ווערסטו קראנק, צאָהלט מען... א גן עדן אַ אמת'ער... די בעהאנדלונג א דעלי־

קאַטע, דער אַלטער, דער ענגלענדער אַליין רעדט אַזוי ווייך, אירצט אייך, גיט די האַנד, ווי א חבר... ניט אַזוי, ווי ביי אונז, נאָר פּשוט אַן אַרבייטס־מענש האָט דאָרט אַ מענשליך לעבען.

— נו, גענוג גערעדעהט אַ קאָפּ! — האָט זיך פּלוצלינג צו־בייזערט דאָס פּויער'על און איז אוועקגעגאַנגען אָן ענטווישטער, — פּלאַפּלעט און ווייסט ניט וואָס. און איך, נאַר, הער...

— אויף מיין וואָרט! — האָט היציג און ערנסט פּערזיכערט דער בחור.

— געה, געה! — איז אַלץ בעסער געוואָרען דער פּויער'על.

— איהר לייגט דאָס! פּו!

ער האָט זיך ווייטער גערוקט צום ווינקעל צו, בעליידיגט צו־ברומענדיג עפּעס פאַר זיך.

דער שלאָסער האָט זיך שנעל צוגעבויגען צו שעווירעוו'ן און אַ מורמעל געטהאָן:

— שוין דעם זעקסטען מאָנאַט פון הויז... אפשר איז מיין אַלטע שוין געשטאָרבען, פון הונגער...

זיין שוואַרץ פּנים האָט זיך פערקרימט.

— נו יאָ, אויב איהר זאָגט אָן אמת, אַז קיין אַרבייט איז ניטאָ, בלייבט איינס... פון בריק אין וואַסער אַריין!

ער האָט שנעל צושטעלט די עלענבויגען אויפ'ן טיש און אַריינגעזעצט די פינגער איז די האָר.

— נאַרישקייטען, — האָט געענטפערט שעווירעוו.

— און ווי אַנדערש? — האָט ער מאָמענטאַל אויפגעהויבען דעם קאָפּ. — שטאַרבען פון הונגער, הא!

שעווירעוו האָט לאַנגזאַם און ניט גוט געשמייכעלט. — מען זאָגט טרינקען זיך איז דער ערגסטער טויט... פון הונגער איז, אפשר, בעסער...

דער שוואַרץ־פּנים'דיגער שלאָסער האָט ברייט צועפענט די אויגען און געקוקט אויף שעווירעוו'ן, ווי איינער, וואָס פרעגט, צי האָט ער זיך ניט פערהערט.

— און וואָס וועט איהר בעווייזען דערמיט, וואָס איהר וועט זיך דערטרינקען?... וועט זיין ווייניגער מיט איין הונגעריגען, זיי וועט נאָך בעסער זיין.

— טו וואָס זאָל מען טהון?

— זוכט ארבייט, אויב איהר וועט ניט אויסטראכטען א קלי־נערע זאך, — האט נאכלעסיג בעמערקט שעווירעוו.

דער שלאָסער האט געמאכט מיט דער האנד, ווי איינער, וואס האט זיך מיאש געווען.

— איך זוך שוין זעקס מאָנאטען... זיי וועלען מיך ניט נעה־מען — א פּאָליטישען דארפען זיי ניט! נעכטיג אין די ביליגע נאכט־הייזער, הונגער צו דריי טעג... שטעלען זיך איצט צו דער ארבייט? ווער ווייסט, אפשר, וועל איך קיין כח ניט האָבען... אייערנעכטען האָב איך געבעטען נדבה... צו וואָס א מענש קען דערגעהן...

— נדבה?

— נו, יאָ... געבעטען און א סוף... געגאנגען עפּעס א דאמע, נו, האָב איך איהר געבעטען...

— זי האט געגעבען?

— ניין, זי האט געזאָגט, אז זי האט קיין קליינגעלד ניט...

— אהא, קליינגעלד! — האט שעווירעוו בייז פערצויגען די ליפּען.

ער האט אנידערגעלעגט די האנד אויפ׳ן טיש און האט גע־קלאפּט איבער׳ן טיש מיט א פינגער. דער שלאָסער האט זיך אויפמערקזאם און ענטוישט איינגעהערט אין שעווירעוו׳ס נערוועזע בעוועגונגען. ארום האָבען מענשען געשריען, געטומעלט, געזידעלט זיך, אין׳ם ביליארד־צימער האָבען טעמפּ געקלאפּט די שפּיל־קוגלען און איינע, ווייזט אויס, א צובראָכענע, האט זיך געקייקעלט מיט א גערויש, עפּעס ווי ערגעץ וואָלט געגאנגען א צוג. דער בחור מיט׳ן רינג האט זיך אריבערגעקליבען אין ביליארד־צימער און פון דאָרט האט זיך געטראָגען זיין חוצפה׳דיגע שטימע. פארביי דעם פענסטער האָבען זיך אהין און אהער דורכגעטראָגען פיס. עס האט זיך געדוכט, אז דיזעלבע מענשען געהען אומיסטען פארביי די פענסטער: געהען דורך און קומען צוריק, שטעהען א ווייל אין ווינקעל און לויפען ווידער פארביי.

— נו, גוט... האט איהר זיך עפּעס דערשלאָגען וועניגס־טענס? — האט א זאָג געטהאָן שעווירעוו.

— נו געוויס!

זיין שווארץ, ענטטוישט געזיכט האט זיך פּלוצלינג איבער־

געביטען: די אויגען האָבען צובליצט זיך, דער קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבען און דער פריהערדיגער בעגייסטערטער אויסדרוק האָט זיך צוגאָסען איבער זיין גאנצער קאָמיש־לאַנגער פיגור.

— - מיר, פערשטעהט איהר, די בערג־ארבייטער זיינען שווערע מענשען. און וואָס קען מען פון זיי פאָדערען? א גאַנצען טאָג, פון פינף אין דער פריה ביז אכט אָבענד, ליגען אונטער דער ערד איז ניט קיין קלייניגקייט. אָבענד־צייט קומט ער אהיים, כאַפּט איבער עפּעס און געהט שלאָפען. און פּיער א זייגער א פּייף — שטעה אויף! א חוץ וואסער, פערקיהלונג, שטענדיגע געפאהר פון עקספּלאָזיאָנען... אין אונזער שאַכט צוויי עקספּלאָזיאָנען געווען... איינמאָל אכצעהן מענשען געטויטעט; דאָס אנדערע מאָל — צוויי הונדערט זעכציג צוויי... ניט קיין לעבען, נור קאַטאָרג... א בערג־ארבייטער איז בעסער אויפ'ן קאטאָרג ווי ביי דער ארבייט... נו, פערשטעהט זיך, דערשלאָגענע מענשען ביז גאָר.... די בעלי מלאכות, די געלערנטע ארבייטער, יענע זיינען ענטוויקעלטער... פּארטיי־מענשען. מיר האָבען טאקי געארבייט, שווער געווען. א גרויסע שפּיאָנעריי, דערוויסען זיי עפּעס — שוין געלאָפען צום אינזשענער, אין אויער אריין: איוואנאָוו, פּעטראָוו פיהרט זיך ניט גוט. נו, האָט שוין איוואנאָוו, פּעטראוו געהאַט זיין פּסק. אין 24 שעה ניטאָ קיין זכר פון זיי... ארויסגעשיקט... שווער געווען צו פּראָפּאגאנדירען, זעהר שווער... אָבער ענדליך האָבען מיר זיי צוטאָרעט, צונומען . . .

דער שלאָסער האָט שטאָלץ און בעגייסטערט געשמייכעלט.

באלד האָט מען געקענט אָן איהם זעהן, וואסערע אונמענשליכע אָנשטרענגונגען עס האָט איהם געקאָסט דאָס צוטאָרען, צונעהמען די מענשען, וויפיעל שרעק און ליידען ער האָט איבערגעלעבט, ארבייטענדיג בעהאַלטענערהייט און וויפיעל פרייד — דערזעהענדיג די ערשטע ערפאָלגען.

שעווירעוו האָט אויפמערקזאם געקוקט אויף איהם.

— אַלץ דערשלאָגען זיך: ארבייטער־פערטרעטערשאַפט, פרייהייט פון פערזאמלונג, פערבעסערט דעם האָספּיטאל, דעם אַלטען דאָקטאָר ארויסגעטריבען — א מיאוסער נפש געווען — א ביבליאָטעק געגרינדעט, אונזערע אהין אריינגעזעצט...

— און וויפיעל מענשען צו'הרג'עט — האָט נאכלעסיג בע־מערקט שעווירעוו.

— ניין, דאמאָלס נישט... סאָלדאטען זיינען געווען, אָבער זיי האָבען נישט געוואגט צו שיסען. געשראקען זיך דאמאלס. אָבער שפּעטער.... ווירקליך.

דער שלאָסער האָט א מאך געטהאָן מיט דער האנד, און די פריהערדיגע בעגייסטערונג איז ביסלעכווייז אראבגעגאנגען פון זיין שווארצען געזיכט.

— עס האָבען זיך בעוויזען ביי אונז די שווארץ־מאה'דיגע, ווי עס פיהרט זיך. עס האָבען זיך אָנגעהויבען קריגערייען, און די אדמיניסטראציאָן, ווי זי האָט דערזעהן, אז ביי אונז איז קיין איינינקייט נישטאָ, האָט זיך אנגעכאפּט אָן דער ערשטער געלע־גענהייט — און ס'איז אוועק! די דעלעגאטען, וואס מיר האָבען גע־שיקט אין קאָמיסיאָן, האָט מען ארויסגעטריבען, אריינגעזעצט אהין שווארץ־מאה'ניקעס און מייסטערס, די ביבליאטעק פערמאכט, די דעלעגאטען פערשפּארט אין געפענגניסען.

— און וואס האָט איהר געטהאָן?

— איך בין דאמאָלס געזעסען אין געפענגניס.

— ניט איהר איינער, נור איהר אַלע?

— דאָס הייסט, וואס פאר א אלע? די דעפּוטאַטען?

— ניט די דעפּוטאַטען, נור די אלטע ארבייטער... וועלכע איהר האָט צוטאָרעט, צונומען?

— נו, איך זאָג דאך אייך, אז סאָלדאטען און קאנאָנען האָט מען צושטעלט ארום די גאסען...

— א... יאָ.. סאָלדאטען, קאָזאקען... — האָט אונבעשטימט ארויסגערעדט שעווירעוו.

דער שלאָסער האָט געשוויגען א מינוט, און זיין פּנים האָט זיך אלץ מעהר און מעהר געקרימט.

— ווייסט איהר, וואָס זיי האָבען אונז פאר צרות אָנגעטהון! אלץ געווען — אי שמיץ, אי שיסעריי, אי גוואלדטאטען, אי פער־גוואלטיגונגען פון פרויען... די דעפּוטאטען האָבען געהאט די גרעס־טע צרות... מיר האָט אָבגעגליקט, דערפאר וואס ערשטענס האָט מען מיך ארעסטירט... און אנדערע זיינען אָבגעקומען... דעם ביבליאָ־טעקער אונזערען האָט אַ קאזאק צום זאָטעל צוגעבונדען און אוועק־

געגאַלאָפּירט אין שטאָדט אריין... די הענד זיינען ביי'ם אָרימען מענשען געווען פערבונדען אויף הינטען אזוי, אז ווען ער איז אָבגעשטאַנען, האָט עס זיי אויסגעדרעהט און ער איז געפאַלען אין זומפּ און געוואַלגערט זיך איבער דער ערד... און הינטער איהם איז געפאָהרען אן אנדער קאזאק און געשטאָכען איהם מיט דער פּיקע, ביז ער איז פון דער ערד אויפגעשטאַנען... א טייפעל!... אונזערע האָבען געוויינט, זעהענדיג ווי זיי האָבען געפּייניגט איהם...

— א, געוויינט! — האָט איבערגע'חזר'ט שעווירעוו.

אין זיין קאַלטער שטימע האָט דורכגעציטערט א בייזע, שרעקליכע פּעראַכטונג, אָבער דאָס פּנים איז געווען אונבעוועגליך ווי פריהער און נור די פינגער זיינע האָבען שנעלער געקלאַפּט איבער'ן טיש.

דער שלאָסער האָט, ווייזט אויס, פערשטאַנען, ווייל די אויגען זיינע האָבען אויפגעבליצט.

— יאָ! געוויינט, און מיר וועלען נאָך וויינען... אָבער מיר וויינען דאָך מיט בלוטיגע טרעהרען.

ער האָט אויפגעהויבען די האַנד און געדראָהעט מיט'ן שוואַרצען פינגער. זיין געזיכט איז געוואָרען אָנגעשטרענגט, אויפגערעגט, עפּעס ווי זיין גאַנצע נשמה האָט אָנגעכאַפּט אַן אונגעוועהנליכע פרייד און שרעקליכע ענטשלאָסענקייט.

שעווירעוו האָט קאַלט געשמייכעלט.

— צו ביליג שאַצט איהר אָב אייערע בלוטיגע טרעהרען. — האָט ער מיט פעראַכטונג געזאָגט.

— ביליג אָדער טהייער, אָבער ניט אייביג וועלען זיי פליסען!

— האָט דער שלאָסער געענטפערט און אין זיינע ווערטער האָט זיך געהערט אַן אונבויגזאַמער, כמעט משוגע'נער גלויבען.

— ניט אייביג?... אָבער ווען וועט ווערען גרינגער... ווען איהר וועט שוין פון הונגער האָבען אויסגע'פּגר'ט?

דער שלאָסער האָט דערשראָקען א קוק געטהאָן איהם אין די אויגען. עפּעס א שרעקליכער קאַמפּף האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויף זיין הונגעריגען, שוואַרצען פּנים מיט די גלענצענדע אויגען פון א פאַנאַטיקער. א מינוט האָבען זיי ביידע געקוקט איינער דעם אַנדערען אין די אויגען. שעווירעוו האָט זיך ניט בעוועגט. דער שלאָסער האָט פּלוצלינג אראָבגעלאָזט די אויגען, זיין לאַנגער קער־

פער איז ווי אָבגעשוואכט געוואָרען און, אנידערלעגענדיג דעם קאָפּ אויף די הענד, האָט ער עקשנות'דיג געענטפערט:

— נו, וועל איך פּגר'ן... וואָס פאר א ווערט האָט מיין לעבען אין פערגלייך...

— ניין, עס איז גאָרניט ווערט! — האָט גרויזאם איהם איבערגעריסען שעווירעוו און איז אויפגעשטאנען.

דער שלאָסער האָט שנעל אויפגעהויבען דעם קאָפּ, געוואָלט עפּעס זאָגען און אראָבגעלאָזט איהם ווידער.

— זעה נור, ווי ער האָט דאָ אָנגעטרונקען זיך! — האָט עמיצער א געשריי געטהאָן פון'ם דערנעבענדיגען טישעל און האָט זיך צולאכט מיט א שכור'ען, אידיאָטישען געלעכטער.

שעווירעוו איז אביסעל געשטאנען, עפּעס געטראכט, זיינע ליפּען האָבען זיך געריהרט, אָבער ער האָט גאָר'ניט געזאָגט, האָט זיך קרום צושמייכעלט און, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, אוועקגע־גאנגען.

דער שווארצער שלאָסער האָט ניט אויפגעהויבען זיין געזיכט.

5

דער ברייטער און שלאנקער פּראָספּעקט, אונטער'ן ווייסען קאַלטען הימעל, איז פערגאנגען אין דער בלאָהער ווייטקייט. אויף וויפיעל עס האָט געקענט האַפּען דאָס אויג, האָט די בונט־שווארצע און אויפגעלעגטע מענשענמאַסע זיך בעוועגט אָהן אויפהער. אלע האָבען זיך געאיילט. מענשען האָבען זיך געשטויסען, געמישט, צומישט, צוגאנגען און די מאַסע איז אלץ געבליבען די זעלבע, האָט זיך געדרוכט.

אויסגעפּוצט זיינען געוועזען די הייזער, גרויס און שפּיגעלדיג— די פענסטער, לייכט און עלעגאַנט — די לאָמטערנען. די לופט אליין און דאָס ליכט, וואָס האָט גענידערט פון הימעל, איז אויפ'ן פּראָספּעקט געוועזען עפּעס ריינער, ווייסער. עס האָט זיך געאָטהעמט לייכטער; און דאָס בלוט איז העלער און פרעהליכער געלאָפען אי־בער די גלידער.

פון פאָרענט, פון הינטען, און פון דער זייט איז שעווירעוו געוועזען ארומגערינגעלט מיט אונענדליכע רייהען אויפגעלעגטע, יום־טוב'דיגע געזיכטער. עס האָבען זיך געוויגט צווישען דעם

עולם די דינע פרויען־טאַליען און זייערע אָריגינעלע קאָסטיומען און די אונגעוועהנליך־גרויסע היט, פערפלייצענדיג מיט זייער בונטקייט דאָס שווארצע מאָנאָטאָנקייט פון די מענערישע פאַלטאָ, צילינדרען, היטלעך און קעפּ, טאַנצענדיג און לאָקענדיג, זייענען זיי געגאַנגען אַנטקעגען די מענער, גלייך ווי זיי איילען זיך זעהר און זיינען אויפגערעגט, און זייערע בעשפּיצטע אונטערקלייער האָבען געהיימניספול וויברירט צום טאַקט דער קלאַפּעריי פון די קליינע קנאָפּעל. פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט צולאָזענע שטימען, פרעהליכע געלעכטערס, דאָס פּלאַטערען פון זיידענע שטאָפען און איבער דעם בונטען געמיש איז געהאַנגען די קלינגעריי פונ'ם טראַם און דער וויכער רויש פון די עקיפּאַזשען.

שעווירעוו איז געגאַנגען, פערדרוקענדיג די הענד אין די טאַשען און מיט א הויך־פעררייסענעם קאָפּ.

אויף דעמזעלבען טראָטואר איז געגאַנגען פאַרוים שוין א לאַנגע צייט א פולער, סאָלידער הערר אין א קאָקעטישען, אין דער זייט צוקנייטשטען הוט, וועלכער איז געווען ניט לויט זיינע יאָהרען. פון אונטער דעם הוט האָט זיך געזעהן א דאָפּעלטער ראָז־פאַרביגער נאַקען מיט א ווייכען פעלבעל. ער איז געגאַנגען לייכט און אין דערזעלבער צייט סאָליד, פּאָבענדיג אָהן אנשטרענגונג מיט א שטעקעל אין דער האַנד, אין א ברוינעם האַנדשוה.

זיין קאָפּ, וואָס איז געזעסען אויף א קורצען ראָז־פאַרביגען האַלז, האָט זיך געמיטליך געדרעהט אין אַלע זייטען, קעהרענדיג זיך אָט צו די פענסטער פון די גרויסע מאַגאַזינען, און אָט צו די אַרומיגע פרויען. פרויען האָט ער בעטראַכט לייכט און מיט פערגניגען. אָן אַלע זיינע בעוועגונגען האָט מען געקענט מערקען, אז ער קען פרויען, האָט זיי ליעב, האָט א שטאַרקען אַפּעטיט צו זיי, אָבער האָט זיך אָנגעפרעסען געגנוג, אז ער קען זיך איצט, א צייט, אַרומגעהן רוהיג, כמעט אָהן יעדער ליידענשאַפט.

דאָס האָבען אודאי געפיהלט אויך די פרויען. שווארצע, גראָהע, ברוינע אויגלעך פון אונטער די אַביסעל צוגעפאַרבטע וויעמפערען האָבען קאָקעטיש געגליטשט זיך איבער זיין פּנים און געמאַכט־צוטומעלט אַראָבגעלאָזט זיך, ווען ער האָט זיכער געשמייכעלט און אונבעשטימט איז געווען, צי שמייכעלט ער צו די פרויען, צי — צו זיך אַליין. אָבער זיין בליק האָט זיך אויף קיינער ניט

אבגעשטעלט. ער האט, ווייזט אויס, ניט לאנג אבגעגעסען און פיהלט זיך אזוי פרעהליך, בעפרידיגט, איז א גוטער, איהם ווילט זיך איינפאך אטהעמען א ביסעל פרישע לופט, פלאטאניש קיצלענדיג די פונ׳ם מיטאג צואווייכטע נערוועז מיט שענינקע פרויען־געזיכטער.

שעווירעוו האט דעם הערר לאנג ניט בעמערקט, אבער זיין ראז־פארביגער נאקען האט זיך עקשנות׳דיג גערוקט אין די אויגען און דאס פעלבעל אויפ׳ן האלז האט אויף יעדען שריט אויפגעציטערט פויל און זאפטיג. ענדליך האט זיך שעווירעוו׳ס קאלטער און הארטער בליק אבגעשטעלט אויף איהם.

א שווערער און טעמפער געדאנק האט לאנג געפרואווט זיך קאנצענטרירען אין די דאזיגע מעטאלישע אויגען און פלוצלינג האבען זיי אנגענומען א מאדנעם און פאטאלען אויסדרוק.

שעווירעוו האט שוין אליין אנגעהויבען צו יאגען זיך נאך׳ן נאקען. ווען א גרופע דאמען האט איהם פארשטעלט דעם וועג, האט ער שנעל, אבער, ווייזט אויס, מעכאניש, אויסגעקירעוועט זיך, א שטויס געטהון עפעס אן אפיציר און, ניט הערענדיג זיין עמפערטען נעשריי „נאר!“, איז ער ווייטער אוועקגעגאנגען נאך׳ן ראזיגפארביגען נאקען, — לאנגזאם, עקשנות׳דיג און אונערשראקען.

א אונגעוועהנליכער אויסדרוק האט אלץ מעהר און מעהר זיך אנגעצונדען אין די העלע אויגען און געווען איז אין זיי עפעס א הורכזיכטיגע קלארקייט — עפעס פעסטעס, אונרחמנות׳דיגעס. ווען א לאקאמאטיוו, וואס יאגט זיך נאך א מענשען, וועלכען ער דארף באלד צוטרעטען, וואלט געקענט קוקען, וואלט ער געקוקט אזוי קאלט און בעשטימט, ווי שעווירעוו.

און ווען דער עלעגאנטער הערר מיט׳ן ראז־פארביגען נאקען וואלט זיך אומגעקוקט, דערזעהן און פערשטאנען דעם אויסדרוק פון די דאזיגע קלארע אויגען, וואלט ער זיך ארייגעווארפען אין די געדיכטע מענשען־רייהען, פערלארען אלעם מענשליכע, פערזענליבע און מיט שרעק געשריען: „ראטעוועט, ראטעוועט!“

שעווירעוו׳ס געדאנקען האבען זיך אין זיין ברענענדיגען קאפ געדרעהט מיט א משוגע׳נער שנעלקייט, אלץ פערענגענדיג מעהר זייערע קרייזען און זיינען ענדליך מיט א קאשמארען־אימפעטיגקייט געבליבען שטעהן איבער׳ן ראזא־פארביגען נאקען, ווי א טוי־

זענד־פודיגער שטיין, וועלכער איז געבליבען הענגען איבער א מענ־שענס קאָפּ. עפּעס דינס, ווי א פּעדעמעל, האָט נאָך געהאַלטען דעם דאָזיגען שרעקליכען שטיין, און א פון קיינעם ניט געזעהענער שרעק איז געוואקסען און געשטארקט זיך אין לופטען איבער דער פרעה־ליכער, אויסגעפּוצטער גאַס.

אויב מען וואָלט געקענט מיט ווערטער אויסדריקען דעם שרעק־ליכען תוך פון דעם געדאנק, וואָס האָט איצט בעזעצט זיך אין שע־ווירעוו'ס קאָפּ, וואָלט דאָס געווען עפּעס ענליכעס צו די ווערטער:

— דו געהסט... געה!... אָבער ווייס, אז אויב עמיצער א גליקליכער, א זאטער, א פרעהליכער געהט פארויס מיר, זאָג איך זיך: דו ביסט גליקליך, גוט, פרעהליך נור דערפאר, וואָס איך ער־לויב עס דיר!... אפשר וועל איך איבערקלערען איצט, אין דער מינוט, און דיר וועט בלייבען צו לעבען צוויי סעקונדען, איינע, א האַלבע... ניט פאר מיר זיינען די נארישע ווערטער וועגען דעם הייליגען רעכט פון יעדען מענשען אויף לעבען! איך בין דער בעל הבית פון דיין לעבען!... און קיינער ווייסט ניט דעם טאָג און ניט די שעה, ווען די מאָס פון מיין געדולד וועט איבערפילט ווערען, און איך וועל אויפשטעהן און משפט'ען אייך אלע, וואָס פייניגען אונז דאָס גאנצע לעבען, נעהמען צו ביי אונז זון, שעהנהייט, ליעבע, הייסען אונז שטענדיג ארבייטען אָהן פרייד און גליק!... און איך וועל אפשר דיר, גראָד דיר, פארוועהרען צו לעבען און געניסען... אָט שטרעק איך אויס מיין האנד, און פון דיין ראָז־פארביגען שאר־בען וועט א שפריץ טהון בלוט און מארך און צושיטען זיך איבער די שטיינער פון'ם טראָטואר!... און אויף דיין אָרט וועט זיין א פּגר, א מיאוסער, א עקעלהאפטער. ווער האָט עס געזאָגט, אז איך טאָר דאָס ניט? ווער זאָגט, אז איך מוז ליידען און שווייגען?... איך מעג אלץ, ווייל איך בין — איינער, דער איינציגער!... איך אליין בין דער ריכטער פון מיין נשמה און איהר הענקער... אין מיינע הענד ליגט דאָס לעבען פון יעדען מענשען און איך וועל עס ארייננוואַרפען אין שטויב און בלאָטע, אויב מיר וועט זיך עס פער־גלוסטען!... ווייס דאָס, געדענק דאָס און גיב עס איבער דער גאנ־צער וועלט!... אזוי רעד איך.

און א שרעקליכער, אונמענשליכער צאָרן האָט ארומגעכאפּט שעווירעוו'ס הארץ. אויף א מינוט איז אלץ פערשוואונדען פון זיי־

נע אויגען און געפּינטעלט האָט אין'ם ווייסען טונקעל נור דער איינער ראָז־פאַרביגער מענשליכער נאַקען, דאָס קאַלטע שטאָהל פון'ם רעוואָלווער אין די צוזאַמענגעדריקטע הענד און דאָס ראָז־פאַרביגע שטיקעל פלייש פון פאַרענט...

דער הערר איז זיך געגאַנגען, פאַכענדיג מיט'ן האַנדשוה, און דאָס ראָז־פאַרביגע פעלבעל האָט זיך אונשולדיג וויברירט איבער'ן האַרטען, ווי שניי ווייסען, קאַלנערעל.

שעווירעוו האָט געמאַכט אַ שאַרפען טראָט און נערוועז אַ ריס געטהון מיט'ן קאָפּ פון אונטען אַרויף־צו, אַזוי ווי ער וואָלט גע־וואָלט אַריינוואַרפען אין לופט אַ ווילדען געשריי פון נקמה און כעס... אָבער פּלוצלינג איז ער געבליבען שטעהן.

אַן אונפערשטענדליך געלעכטער האָט דורכגעשלייכט די דינע, אויסגעקרימטע ליפּען, די פינגער האָבען זיך צועפּענט און פּלוצלינג האָט זיך שעווירעוו שנעל פערקירעוועט און אוועקגעגאַנגען צוריק.

דער הערר מיט'ן ראָז־פאַרביגען פעלבעל אונטער'ן קאַקעטישען הוט איז אוועקגעגאַנגען ווייטער, שנעל, ווי אַ שטויבעל, פאַכענדיג מיט'ן שטעקעל און אַריינקוקענדיג די שעהנינקע פרויען אין די אויגען און באַלד האָט ער זיך פערלוירען אין דער טומעלדיגער, האַסטיג זיך בעוועגענדער מאַסע.

און שעווירעוו איז געגאַנגען ניט אומקוקענדיג זיך און האָט אפילו ניט בעמערקט, אַז ער איז כמעט געלאָפען אונטער די רעדער פון'ם טראַם, האָט אַריבערגעשפּאַנט די גאַס און פערשוואונדען אין די לעדיגע געסלעך אויפ'ן וועג צו זיין לעדיגען צימער, ווי אַ שאָ־טען, וואָס איז אַרויסגעשוואומען פון פינסטערניש און פערגעהט אין פינסטערניש. זיינע אויגען זיינען געווען, ווי געוועהנליך, רוהיג און העל.

6.

נאָך געהענדיג איבער די טרעפּ, האָט שעווירעוו דערהערט אַ צובראָכענעם, שרעקליכען פרויען־געשריי און ווען ער איז דורכגע־גאַנגען דעם פינסטערען קאָרידאָר, האָט זיך איהם געוואָרפען אין די אויגען אַן אָפענע טהיר אין'ם צימער, פון וועלכען עס האָט זיך דערטראָגען אין דער פריה די קוויטשעריי פון די קינדער. ווי שנעל ער איז ניט געגאַנגען, האָט ער דאָך בעמערקט עפּעס בעטען,

קאַסטענס, פערוואָרפענע מיט אַלטוואַרג און שמאַטעס, צוויי קליי־ניקע האַלב־נאַקעטע אינגעלעך, וואָס זיינען געזעסען אויפ'ן בעט איינער נעבען דעם אַנדערען, מיט אויסגעצוויגענע פיסלעך און דער־שראָקענע פּנים'ער, אַ פּיער יעהריגע מיידעלע, וואָס האָט זיך אָנ־געשפּאַרט און צוגעדריקט צום טיש און אַ הויכע מאָגערע פרוי, וועלכע האָט מיט ביידע הענד זיך געריסען פאַר די צופּאַטעלטע, צוקראַכענע האָר.

— און וואָס וועלען מיר טהון? דו האָסט געטראַכט וועגען דעם, דו נאַר אָבגעריסענער! — האָט זי געשריען מיט אַ בענומענעם קול, ווי אַ פּערלאָרענע.

ניט אָבשטעלענדיג זיך, איז שעווירעוו וויי‏טער געגאַנגען צו זיך אין צימער, זיך אויסגעטהון און געזעצט אויפ'ן בעט, צוהער־רענדיג זיך אויפמערקזאַם.

די פרוי האָט וויי‏טער געשריען און געמאַכט גוואַלדען, און די געשרייען איהרע, קרענקליכע און אָבגעריסענע, האָבען זיך פער־שפּרייט איבער'ן קוואַרטיר ווי זיפצען פון איינער, וואָס טרינקט זיך. אין איהרע געשרייען האָט זיך ניט געהערט קיין בעזונדערער כעס, ניט קוקענדיג, וואָס זי האָט פערשאָלטען עמיצען, איהם עפּעס פאַרגעוואָרפען און געזידעלט זיך. ס'איז גלאַט געווען אַ געשריי פון לעצטער, הילפלאָזער האָפנונגסלאָזיגקייט.

— וואוהין וועלען מיר מיט זיי געהן?... פּגר'ן אויף דער גאַס פון הונגער?... נדבות בעטען ... וואָס ווילסטו, כ'זאָל זיך אפשר פערקויפען, אבי דיינע קינדער אויפצוהאַלטען? וואָס שוויי‏גסטו דו, רעד!... וואָס האָסטו זיך געטראַכט?... וואוהין זאָ־לען מיר איצט געהן?...

איהר שטימע איז געוואָרען אַלץ קלינגענדיגער, אַלץ שריי־עריש‏ער, און די שרעקליכע שווינדזוכט־נאָטען האָבען זיך געהערט אין איהר גאַנץ קלאָר.

— ווי געפעלט עס אייך!... און וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו צו פּראָטעסטירען, אַז מען האַלט דיך גלאַט אויס רחמנות?... קריכט אויף!... ווער ביסט דו אזוינס!... אַ פּאַרשוין!.. בעסערע מענשען פון דיר ליידען און האַלטען זיך... ווי געפעלט ער אייך, ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטען!... און ווען מען וואָלט דיר אין צורה געשפּיגען, וואָלסט דו אויך געדאַרפט שווייגען... און

גערענקען, אז ביי דיר זיינען אין דער היים פינף הונגעריגע קינ־דער!.. ער האט איינגענליעבע! וואס פאר אן אייגענליעבע קען האבען אן ארימאן! דו דארפסט א שטיק ברויט האבען, און נים קיין אייגענליעבע!.. וואס דען, קען נים, א לעהרער, וויל נים אונטער'חנפ'ענען זיך!.. דו נאר!.. דו אומגליקליכער אידיאט!

די פרויען־שטימע האט זיך אבגעריסען, איז אבגעפאלען, היי־זעריג געווארען, אויסברעכענדיג פלוצלונג אין א פייניגענדיגען הוסט, וועלכער האט ארויסגענומען אלע געדערים. זי האט זיך, ווייזט אוים, געשטיקט, געשפיגען, געכריפעט און ענדליך אנגע־הויבען כהאפען, ווי א אויף טויט צודריקטער הונד.

— מאשענקא... האב רחמנות... — האט קוים־קוים ארויס־געמורמעלט א דערשלאגען, שוואך קול'כעל, אין וועלכען עס האבען זיך געהערט טרערען פון האפנונגסלאזיגקייט און זאנפטען, הילפ־לאזען בעוואוסטזיין פון אן אומזיסטער און גרויזאמער בעליידיגונג. — איך האב דאך נים געקענט.. איך בין דאך פארט א מענש און נים קיין הונד...

די פרוי האט היסטעריש און ווילד זיך צולאכט.

— וואס פאר א מענש ביסט דו! א הונד ביסט דו!... האסט דו געבראכט אויף דער וועלט הינטלעך, טו שווייג און לייד... ווען דו וואלסט זיין א מענש, וואלטען מיר נים געוואוינט אין אזא הייל, נים געהונגערט צו דריי טעג... וואלט מיר נים אויסגעקומען לויפען בארוועסערהייט און וואשען פרעמדע טראנטעס! א מענש! זעה נור... א מיתה משונה זאלסטו איינגעהמען צוזאמען מיט דיין מענש־ליכקייט!... א יאהר און א האלב האבען מיר געהונגערט, ביז איך האב דיר אן ארט אויסגעבעטען, אין טרעהרען האב איך זיך גע־וואשען, ביי מענשען זיך געבעטען, ווי א בעטלערין צו די פים געפאלען!... שוין נים דאס ערשטע מאל... רוסלאנד געוואלט רעטען... א העלד! אליין שיער נים גע'פגר'ט פון הונגער. א נאט! פערשאלטען זאל ווערען דער טאג, ווען איך האב דיך דער־זעהען!...

— מאשענקא, האב רחמנות! — האט דורכגעריסען זיך דורך איהרע ווילדע קולות א יאמערדיגע מענשליכע שטימע, — האב איך דען געקענט אנדערש טהון? אלע זיינען געגאנגען... האבען געהאפט... האב איך דען געוואוסט, אז...

— האָסט געדאַרפט וויסען ! געדאַרפט !... אנדערע האָבען, אפשר, ניט געהאַט קיין הונגעריגע מיילער אין הויז. אָבער דו, וואָס פאַר א רעכט האָסטו געהאַט צו ריזיקירען אויף אונזער חשבון ? אונז האָסטו געפרעגט ? די קינדער האָסטו געפרעגט, צי האָבען זיי א חשק פון הונגער אומצוקומען צוליעב דיין רוסלאַנד ! האָסט געפרעגט ?

— איך האָב דאָך דערפון ניט געטראַכט... איך האָב, ווי אַלע, געוואָלט א בעסער לעבען... טאַקי פאַר אייך, פאַר דיר.

— א בעסער לעבען ! — האָט זיך די פרוי היסטעריש צו־קוויטשעט. — וואָס פאַר א רעכט האָסטו געהאַט צו חלום'ען וועגען א בעסערען לעבען, ווען דו האָסט קיין ערגערס ניט געהאַט, ווען מיר האָבען כמעט ארומגעבעטעלט איבער'ן דאָרף !... ווען איך בין, א נאַקעטע, א הוילע, צום טייכעל געגאַנגען דיינע טראַנ־טעס שווענקען... ווען איך... איך האָב שווינדזוכט געכאַפּט...

א הילכענדיגער, ווי אויף שטיקלעך צוריסענער הוסט האָט פערשטיקט דער פרוי'ס געשרייען. א פּאָר מינוט האָט זיך פון איהר בריפּעניש גאַרניט געקענט ארויסהערען, אָבער שפּעטער האָט זי מיט א נערוועזער, געפּאַלענער שטימע פון איינער, וואָס לאָזט ארויס דעם לעצטען וואָרט פאַר'ן טויט, ארויסגערעדט :

— דו זעהסט... איך... איך געה אויס...

— מאַשענקאַ ! — האָט אויסגערופען דער מאַן, און זיין שוואַ־כער געשריי האָט אויפגעציטערט פון אזא אויסגאַנגסלאָזען טרויער, חרטה, ליעבע און רחמנות, אז אפילו שעווירעוו'ס רוהיג געזיכט האָט זיך פערצויגען מיט א קאָנוואולסיווער גרימאַסע.

— וואָס, מאַשענקאַ ! — האָט טריאומפירענדיג געשריען די פרוי מיט דער אונ'רחמנות'דיגער גרויזאַמקייט פון א אונגליקליכען מענשען. — פריהער האָסטו געדאַרפט שרייען מאַשענקאַ !... וואָס פאַר א מאַשענקאַ בין איך דיר איצט, איך בין א פּגר... פערשטעהסט, א פּגר !...

— מאַמעלע ! — האָט פּלוצלינג געקלונגען א קינדער שטימע.

— רעד ניט אזוי ! מאַמעלע !...

די פרוי איז פּלוצלינג שטיל געוואָרען. עס איז געוועזן שטיל, און אין דער שטילקייט האָבען זיך דערהערט נייע מאָדנע קלאַנגען : עמיצער, האָט זיך געדרוכט, בילט אָדער פערכלינעט זיך.

— וויין דו ניט... אום גאָטעס ווילען! — האָט ניט א גע־שריי געטהון, נור געיאָמערט דער מאנספארשוין. — אָבער... אָבער... כ'האָב ניט געקענט... אז מיר... אין די אויגען... זאָגט מען בהמה, נאַר... אָבער... ניט וויין, ניט וויין, ניט וויין אום גאָטעס ווילען!... איך... איך וועל זיך אויפהענגען... אויב... פערשטעהסט...

— אהא, אויפהענגען זיך! — האָט עפּעס מיט א שרעקליכער קלאָרקייט, כמעט רוהיג געזאָגט די פרוי. — דו וועסט זיך אויפ־הענגען, און מיר וואָס?... איך קען זיך דאָך אפילו ניט אויפהענ־גען. דו וועסט זיך אויפהענגען; און זיי זאָלען פון הונגער פגר'ן... ליזעניו וועט אויפ'ן פּראָספּעקט געהן, האָ?... נו, גוט, הענג זיך, הענג זיך!. נור געדענק, אז איך וועל דיך א הענגענדיגען אויפ'ן שטריק פערשעלטען!...

— אך, גאָט מיינער! — האָט אויסגעשריען דער מאן מיט אן אָבגעריסענעם, שוין גאָר ניט הערבארען קול, און א מאָדנער טעמפּער קלאנג פון איינעם, וואָס קלאַפּט זיך מיט'ן קאָפּ אָן וואנד, איז צוגעשוואומען צו שעווירעוו'ן.

— לאָז אָב, ניט דערוועג! — האָט געשריען ווארפענדיג זיך צו איהם די פרוי. — לאָז אָב! לעשא!

עס איז געפאלען אויפ'ן דיל דער שטול. מענשען האָבען זיך קאָנוואולסיוו געריסען, געדרעהט זיך, דער מאנספארשוין האָט גע־כריפּעט און די עקעלהאפטע, טעמפּע קלעפּ פון א מענשליכען שאר־בען אָן וואנד האָבען זיך געלאָזט הערען פון צווישען די געשרייען און כליפּעריי.

— לעשא, לעשענקא, הער אויף! — האָט היסטעריש גע־שריען דאָס פרויענצימער און פּלוצלינג האָט זיך דערהערט א נייער קלאנג, אזוי ווי דער קאָפּ וואָלט זיך אָנגעשטויסען אָן עפּעס ווייכעס.. ווייזט אויס, אז זי האָט אונטערגעלעגט איהרע הענד צווישען דעם מאנ'ס קאָפּ און דער וואנד, אָן וועלכע ער האָט זיך געוואָרפען אין'ם אָנפאל פון א שרעקליכער אונמענשליכער היסטעריע.

פּלוצלינג האָבען זיך צוואויינט די קינדער. פריהער די עלט־סטע מיידעל, דערנאָך מיט א מאָל צוויי אינגלעך, וואָס זיינען גע־זעסען אויפ'ן בעט, מיט אויסגעצויגענע פיסלעך.

— לעשא, לעשענקא! — האָט דאָס פרויענצימער געמור־מעלט, ווי אין פיבער. — מען דארף ניט, מען דארף ניט... פער־

צייה... מען דאַרף ניט! נו, גאַרנישט... ווי ניט איז... נו, מיר וועלען זיך דורכשלאָגען... דו האָסט דאָך ניט געקענט אַנדערש, דיך האָט מען בעליידיגט... לעשענקאַ־אַ!...

און זי האָט זיך צעוויינט מיט אַן אָבגעריסענעם, קלאָגענ־דיגען געיאָמער.

שעווירעוו איז געזעסען, אויסציהענדיג דעם האַלז אויף יענער זייט, און זיין בליק געזיכט האָט פיינליך און קאָנוואולסיוו גע־ציטערט.

און דאָרט איז אַלץ שטיל געוואָרען. געהערט האָט מען נור, ווי איינער כליפּעט אָהן קרעפטען און פערשטעהן האָט מען ניט געקענט, צי ס׳איז אַ קינד אָדער אַן ערוואַקסענער.

די דעמערונג האָט זיך דערנעהנטערט און אין איהר אונזיכער־רען, ווי שניי־ווייס בלאַהליכען ליכט איז געוואָרען אונערטרעגליך שווער און שרעקליך צו איבערטראָגען דאָס דאָזיגע שטילע געוויין.

ענדליך איז דאָס אויך איינגעשטילט געוואָרען.

אין׳ם קאָרידאָר הינטער׳ן פאַרהענגעל האָבען האַסטיג און אָבגעריסען געשעפּטשעט מענשען. צוויי מענשען האָבען עפּעס איינגערוימט איינער דעם אַנדערן, שטיל געוואָרען, עפּעס ווי צו־געהערט זיך, צי הערט ניט אונטער עמיצער אַ שרעקליכער און ווידער גערעדט האַסטיג. עפּעס האָבען זיי פון שרעק גאָר ניט געקענט פערשטעהן און האָבען זיך געקלאָגט אויף עמיצען, אָבער אזוי שטיל און שרעקעדיג, אַז ס׳האָט זיך געדוכט, אז דאָס זיינען ניט קיין מענשען, נור צוויי אַלטע איבערגעשראָקענע מייז. שעווי־רעוו האָט זיך צוגעהערט.

— ניט אויסגעהאַלטען, אַ?... גערעדט גראָב מיט׳ן עלטסטען.

דער עלטסטער האָט איהם געזאָגט: נאַר... אַ! ניטאָ קיין אונטער־נעגעבענקייט אין מענשען... אַ? קיין אונטערגעגעבענקייט ניטאָ... אַ! ווי געפעלט אייך... דעם עלטסטען אַ גראָבהייט געזאָגט... דעם עלטסטען... דעם וואוילטעטער... אַ!...

שעווירעוו׳ס פינגער האָבען אַלץ שנעלער און שנעלער גע־שפּאַנט איבער די קניה.

דאָס גלעקעל האָט שאַרף געקלונגען אין קאָרידאָר. דיביידע אַלטיטשקע זיינען מיט אַ מאָל שטיל געוואָרען. קיינער האָט ניט געעפענט. ווידער האָט געקלונגען דאָס גלעקעל. הינטער׳ן פאַר־

הענגעל האָבעןביידע אָנגעהויבען האסטיג שעפטשען; דער האָט דעם געשיקט, יענער האָט זיך אָבגעזאָגט. דאָס גלעקעל האָט דאָס דריטע מאָל גערופען נאָך הילף.

הינטער'ן פאָרהענגעל איז עפּעס אונרוהיג געוואָרען, עמיצער האָט זיך גענומען איילען און באלד האָבען זיך אין'ם קאָרידאָר רערשראָקען דורכגעשאַרט וואקעלדיגע פיס

— וואָס עפּעס איהר ניט?... איהר זייט געשלאָפען, הא?

— האָט געפרעגט אונצופריעדען אלאדיעוו, אריינגעהענדיג אין הויז.

קיינער האָט איהם ניט געענטפערט, נור עפּעס האָט הכנעה'דיג געפישטשעט.

אלאדיעוו איז געגאנגען איבער'ן קאָרידאָר מיט ברייטע טריט, האָט געעפענט די טהיר פון זיין צימער און א געשריי געטהון מיט א פרעהליכען און גוטמוטהיגען באַס:

— מאקסימאָוונא!... א סאמאָוואר'על, הא?

מאָדנע האָט געקלונגען זיין לעבענס־פריידיגע שטימע אין דער ארומיגער דערשטיקטער און שטיקענדיגער שטילקייט. קיינער האָט זיך ניט אָבגערופען. האָט אלאדיעוו ארויסגערוקט דעם קאָפּ אין קאָרידאָר און געפרעגט:

— איוואן פעדאָסעיעוויטש, מאקסימאָוונא איז ניט אין דער היים?

א הכנעה'דיגע קלעפּעדיגע שטימע האָט געענטפערט פון הינ־טער'ן פאָרהאנג.

— מאקסימאָוונא, סערגעי איוואנאָוויטש, זיינען אוועקגעגאנ־גען ניט אויף לאנג... אין קירכע געגאנגען מיט אָלגא איוואנאָוונא.

— אהא, — האָט טיפזיניג בעמערקט אלאדיעוו, — און איהר איוואן פעדאָסעיעוויטש, וועט אפשר זיין אזוי גוט שטעלען דעם סאמאָוואר'על?

— באלד, די מינוט, — האָט הכנע'דיג געענטפערט דער אלטישקער פון הינטער'ן פאָרהענגעל, און, שארענדיג מיט די קאַ־לאָשען, וועלכע ער האָט אָנגעטהון אויף די באָרוועסע פיס, האָט ער זיך א רוק געטהאָן אין קיך.

אלאדיעוו האָט עפּעס א זונג געטהאָן מיט'ן באַס, דערנאָך געגענעצט, און דערנאָך געקלאפּט צו שעווירעוו'ן אין טהיר.

— שכן, איהר זייט אין דער היים? — האָט ער אויף א קול א געשריי געטהאָן. איהם איז, ווייזט אויס, געווען לאַנגווייליג און ס'האָט זיך געוואָלט זעהען א לעבעדיגען מענשען.

שעווירעוו האָט געשוויגען.

אַלאַדיעוו איז אביסעל געשטאנען און געוואַרט, א שטארקען גענעץ געטהון און איז אוועקגעגאנגען. א לאַנגע צייט איז געווען שטיל. אין דער קיך האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון'ם סאַמאָוואר־קוימען, א געמורמעל פון וואסער, דערנאָך האָט אָנגעהויבען צו שמעקען מיט צוברענטע שפּענדלעך. די אַלטיטשקע איז אויך ארויסגעקראָכען פון הינטער'ן פאַרהענגעל, דערשראָקען אומקוקענדיג זיך אויף'ן צימער פון'ם לעהרער, פון וועלכען, האָט זיך געדוכט, איז געקראָכען שווער און שווייגענדיג א האָפנונגסלאָזיגקייט און האָט זיך צושפּרייט איבער'ן גאַנצען קוואַרטיר. ווייזט אויס, אַלאַדיעוו האָט אויך עפּעס דערפיהלט, ווייל ער האָט אונרוהיג בעוועגט זיך, איז עטליכע מאָל אויפגעשטאנען און האָט, דוכט זיך, עטליכע מאָל געזיפצט. עפּעס שווערעס, דריקענדעס איז געהאנגען אין לופטען. די אַלטיטשקע איז צוגעקראָכען אין קיך אריין, האָט געקלאַפּט מיט די גלעזער און אוועקגעטראָגען טהעע־געשיר אין אַלאַדיעוו'ס צימער.

— אומזיסט בעאונרוהיגט איהר זיך, מאַריאַ פּעדראָסעיעווגא, — האָט פויל און צערטליך בעמערקט אַלאַדיעוו.

— וואָס רעדט איהר, סערגעי איוואַניטש, איך מוז אייך שטענדיג בעדינען, איהר אליין קענט ניט, — האָט האסטיג, שרעקעדיג און דאָך פרעהליך אָבגעענטפערט די אַלטיטשקע. איהר האָט ווירקליך, ווייזט אויס, פערשאַפט פערגניגען עמיצען צו בעדינען. זי איז געבליבען שטעהן נעבען דער טהיר און האָט געקוקט אויף אַלאַדיעוו'ן מיט קליינינקע, שקלאַפּישע אויגעלעך.

— וואָס וועט איהר זאָגען? — האָט געפרעגט אַלאַדיעוו, אָנשטויסענדיג זיך, אז זי וויל אביסעל דורכשמועסען זיך און הילכיג א גענעץ געטהון.

די אַלטיטשקע איז באלד צוגעגאנגען צו אַלאַדיעוו'ן, האסטיג און שטיל, ווי א מויז, דרעהענדיג מיט די פינגערלעך און האָט שטיל געשעפּטשעט:

— און אונזער לעהרער האָט מען פון דער שטעלע אָבגעזאָגט.

געזאָגט האָט זי דאָס מיט א מורא, נור אויך עפּעס ווי מיט א געוויסער פרייד. געזאָגט און פערגליווערט געוואָרען, קוקענדיג דערשראָקען אויף אלאדיעוו'ן.

— וואָס רעדט איהר? נאָר וואָס? — האָט יענער געפרעגט, האָבענדיג מיטלייד מיט די אָרימע מענשען.

די אלטיטשקע איז צוגעגאנגען נאָך נאָהענטער און האָט ארויסגערעדט שוין קוים צו הערען:

— האָט דעם עלטסטען בעליידיגט... דער עלטסטער האָט איהם עפּעס געזאָגט און ער האָט עס געדארפט פארליב נעהמען, מילא, האָט ער איהם גאָר אָבגעענטפערט.

— ע... א רחמנות! — האָט פערדראָסיג געזאָגט אלאדיעוו. טו וואָס וועלען זיי איצט טהון? זיי זיינען דאָך גאָר אָרימע מענשען, בעטלער!

— בעטלער, סערגעי איוואניטש, אמת'ע בעטלער! — האָט דערפרעהט געוואונקען דאָס איינגעפאלענע קעפּעל.

— און מיר האָט מאַקסימאָוונא נאָך נעכטען געקלאָגט זיך, אז זיי האָבען איהר שוין צוויי מאָנאטען קיין קוואַרטיר־געלד ניט געצאָהלט... — האָט פערטראכט ארויסגערעדט אלאדיעוו.

— ניט געצאָהלט, ניט געצאָהלט... — האָט געשאָקעלט דאָס קעפּעל און מען האָט ניט געקענט פערשטעהן, צי זי האָט עגמת נפש, צי זי פרעהט זיך.

— שלעכט! — האָט געזיפצט אלאדיעוו. — איצט וועלען זיי אינגאנצען פערפאלען ווערען.

— פערפאלען ווערען, סערגעי איוואניטש, זיכער וועלען זיי פערפאלען ווערען... ווי זאָלען זיי ניט פערפאלען ווערען... ער האָט געדארפט איבערטראָגען, פערשווייגען, אויף די קניה פאלען, וואָלט מען איהם מוחל געווען... גאָט וואָלט זיך מרחם געווען... און זיי זיינען שטאָלצע; זאָגען: מיר זיינען אדעליגע... האָט מען איהם ארויסגעטריבען... אדעליגע... האָט געדארפט צו די פיס צופאלען...

— נו ווי האָט ער געקענט צו די פיס צופאלען, אז איהם האָט מען געזידעלט אין די אויגען, — האָט פערדראָסיג געזאָגט אלאדיעוו, טראכטענדיג וועגען עפּעס.

— וואָס רעדט איהר, מיין ליעבער! קליינע מיידלעך... אָבגעזידעלט — איז וואָס... און דו פערשווייג און גאָרניט... וואָלט זיך

אַלץ געענדיגט גוט, שטיל. פערשווייגען דאַרף אַ מענש.

— ניט שטענדיג קען מען פערשווייגען...

— מען קען, מיין ליעבענקער, שטענדיג קען מען... אַ קליין מענשעל דאַרף אַלץ קענען איבערטראָגען. ווען איך בין אינגער געווען, האָב איך גערינט ביי די גראפען אראקסין, אַ דינסטמיידעל געווען. איהר קענט די אראקסין'ס, די גראפען?

— דער טייפעל ווייסט זיי!

די אַלטיטשקע האָט זיך דערשראָקען און עפּעס ווי בעליידיגט.

— וואָס הייסט טייפעל. דער גראף אַליין זיצט אין סענאַט, און הייזער האָבען זיי אין פעטערסבורג און מאָסקווע...

— נו גוט, איז וואָס געווען דאָרט?

—איז ביי דער עלטערער טאָכטער דער גראף'ס אַ בראַס־לעט'על פערלאָרען געגאַנגען, האָט מען געהאַט אויף מיר אַ חשד. דער גראף איז אין כעס געוואָרען, — אַ בייזער מענש געווען, — האָט ער מיר דריי מאָל איבער'ן באַק געגעבען און צוויי צייהן אויסגעקלאַפּט... אַן אַנדערע וואָלט, אפשר, אין געריכט געגאַנגען, און איך האָב פערשוויגען... און ווייסט איהר וואָס, סערגעי איוואַ־ניטש: עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען, אַז דאָס בראַסלעט'על האָט דער בחור'על זייערער, דער פירשט ניקאָלאַי איגנאַטיעוויטש, צוגענומען, האָט זיך שטאַרק פער'שכור'ט און צוגענומען. און ווען אַלץ האָט זיך אַנטפּלעקט און קלאָר געוואָרען, האָט מיר דער גראף אַליין הונדערט רובעל געגעבען...

די אַלטיטשקע האָט זיך פערכליפּעט פון פרייד און איהר איינגעפאַלענע פּנים'על האָט זיך צושוואָומען אין אַ טריאומפירענדען געלעכטער.

— און ווען איך וואָלט ניט פערשוויגען דאַמאָלט, וואָלט איך גאָרנישט אויסגעפיהרט. פון'ם גראף וואָלט איך גאָרנישט געקראָ־גען מיט בייזען... קיין עדות האָב איך ניט געהאַט, אויסער מיין איוואַן פּעטראָסעיטש'ען — ער האָט גערינט ביי זיי. נו, און איוואַן פּעדראָסעיטש האָט דאָך ניט געקענט געגען דעם גראף ארויס־טרעטען.

— פאַרוואָס? — האָט בייז געפרעגט אַלאדיעוו און אָנגע־בלאָזען זיך.

— וואָס רעדט איהר, געגען דעם גראף...

— איהר זאָגט דאָך, אז ער איז געווען אייער חתן...

— נו, איז וואָס, אז מיין חתן... — האָט זיך פערוואונדערט די אלטיטשקע — א חתן געווען, אָבער געגען אזעלכע אריסטאָ־קראַטען קען ער דאָך ניט געהן... א קליינער מענשעלע... און איך, טראַכט זיך, וויל בעסער פערשוויינען... און גערעכט בין איך געווען.

— פו! — האָט בייז אויסגעשפּיגען אלאדיעוו און אָבגע־קעהרט זיך.

די אלטיטשקע האָט ערשטוינט געקוקט אויף איהם און די קליינינקע אויגעלעך איהרע האָבען געטרעהרט זיך מיט דערשראָ־קענע טרעהרעלעך.

דערווייל האָט דער אלטיטשקער, אריינרוקענדיג זיך מיט דער זייט אין טהיר, אריינגעטראָגען דעם סאַמאָוואַר. אנידער־שטעלענדיג איהם אויפ'ן טיש, האָט ער דערשראָקען אומגעקוקט זיך אויפ'ן ווייב, א קוק געטהון אויף אלאדיעוו'ן, וועלכער האָט זיך אָבגעקעהרט אָן א זייט און האָט א ציה געטהון די אלטיטשקע פאר'ן ארבעל.

— דו! — האָט ער א זאָג געטהאָן מיט דער היציגקייט פון א לאקיי, וועלכער איז גרייט זיך אויפאָפּפערען צוליעב'ן בעל־הבית.

די אלטיטשקע האָט זיך דערשראָקען אומגעקוקט אויף איהם. די פּנים'לעך פון די אלטע מענשען האָבען אויסגעדריקט א פאַל־שטענדיגע דערשלאָגענהייט און דעמוטיגקייט; איינער נאָך דעם אנדערען מיט טריט פון מייזלעך זיינען זיי זיך אָבגעטראָטען אין קאָרידאָר און באלד האָבען זיך ווייטער הינטער'ן פאָרהענגעל דער־הערט זייערע האסטיגע, אָבגעריסענע, קוים הערבארע שמועסען.

אלאדיעוו האָט אָנגעגאָסען טהעע. און ווי נור ער האָט זיך געזעצט טרינקען, האָט מען אָנגעהויבען צו קלינגען אין קאָרידאָר.

— אלאדיעוו איז אין דער היים? — האָט געפרעגט א מע־נערישע, האסטיגע שטימע.

— אין דער היים, זייט אזוי גוט געהט אריין, געעהרטער הערר, — האָט שטיל געענטפערט דער אלטיטשקער, עפענענדיג די טהיר.

עס האָבען זיך דערהערט אימפּעטיגע טריט און צו אַלאַדיעוו'ן אין טהיר האָט אימיצער אָנגעקלאַפּט.

עס איז אריינגעגאנגען א ניט־הויכער, שווארצער מענשעל, מיט א געזיכט פון א רויב־פויגעל אין רונדע, שרעקליכע ברילען.

— א! — האָט געצוויגען אַלאַדיעוו און אָן זיין שטימע האָט מען געקענט דערקענען, אז ער האָט ניט זעהר דערפרעהט זיך מיט'ן גאסט און אפילו אביסעל ניט צופריעדען געווען מיט'ן בעזוך.

גוט מאָרגען, — האָט אימפּעטיג געזאָגט דער מענש מיט'ן רויב־פויגעל געזיכט.

— גוט מאָרגען... טהעע ווילט איהר?

— וואָס פאַר א טהעע צו אַלדי רוחות!... — האָט ברוגז געזאָגט דאָס מענשעל.

ער האָט פאַרזיכטיג אויסגעטהאָן דעם פּאַלטאָ און האָט ארויסגענומען א זאַך, וועלכע איז געווען פעסט איינגעוויקעלט אין א פּאַפּיר.

— וואָס איז דאָס? — האָט אונפריינדליך געפרעגט אַלאַדיעוו.

דאָס מענשעל האָט אוועקגעלייגט די זאַך אויפ'ן טיש און פאַרזיכטיג ארומגעלעגט עס מיט ביכער, כדי עס זאָל ניט אראָבפאַלען אויפ'ן דיל. אַלאַדיעוו האָט פערזאָרגט געקוקט.

— אזא געשיכטע, — האָט זיך צו איהם אָבגעקעהרט דאָס רויבפויגעל־געזיכט: — שיער ניט געכאַפּט מיך... קוים אנטלאָפען... מיט קווארטירען איז איצט צרות!... כ'האָב עס אייך געבראכט, בעהאַלט... און נאָך דאָס...

ער האָט האסטיג א זוך געטהאָן אין דער הויזענטאש, ארויסגענומען עפּעס א פּאַקעט און איהם אויך אנידערגעלעגט אויפ'ן טיש.

— איך וועל מאָרגען נעהמען עס... — האָט אָבגעריסען געזאָגט דער מענש.

אַלאַדיעוו האָט געשוויגען.

— איהר, סעניאָר, זייט, דוכט זיך, אונצופריעדען? — האָט און אביסעל מיט פעראַכטונג געזאָגט דאָס מענשעל. — קענט איהר אפשר דאָס לעצטע מאָל טהון אונז די דאָזיגע קליינע טובה? איהר זייט דאָך איצט אויסער יעדער געפאַהר?

אַלאַדיעוו איז אויפגעשטאַנען און איז דורכגעגאנגען זיך אי־

בער׳ן צימער. אַן זיין געזיכט האָט מען געמערקט, אז ער שלאָגט זיך מיט דער דעה.

— איהר זייט דאָך איצט גאָר קיין רעוואָלוציאָנער ניט, א אידעאליסט, א גאַנצער אַנהענגער פון טאָלסטאָי׳ען! — האָט גע־שאָטען, ווי פון א זאק, דאָס רויב פויגעל־געזיכט, ניט בלייבענדיג רוהיג אויף א מינוט.

— אומזיסט ווילט איהר מיך בעליידיגען, וויקטאָר, — האָט מיט א שווערען, פּויערישען פערדראָס געענטפערט אלאַדיעוו. — דאָס וועל איך, פערשטעהט זיך, נעמען... ביז מאָרגען... אָבער איהר דארפט פערשטעהן...

— איהר וועט נעהמען — האָט לעבעדיג געפרעגט דאָס מענשעל — דאָס איז דאָס וויכטיגסטע, און אלעם איבעריגע ארט מיך ניט, אייער זאַך און פאָלעמיזירען האָבען מיר ניט וואָס.

— ניין, מיר וועלען פאָלעמיזירען! — האָט שארף געענט־פערט אלאַדיעוו און געבליבען שטעהן, ווערענדיג רויט און בליש־צענדיג מיט די אויגלעך.

— צו וואָס? — האָט כלומרשט גלייכגילטיג געענטפערט דאָס מענשעל, און אָבגעקעהרט זיך, ווי איינער וואָס לאַנגווייל־ט זיך.

—איהר מוזט, — האָט פערדראָסיג געזאָגט אלאַדיעוו. — שוין דערפאר אליין, וואָס מיר זיינען מיט אייך געוועזן אזוי פיעל יאָהר נאָהענט און...

— אָ, לאָזט אָב... וואָס פאר א זין האָט צו דערמאָנען אזעל־כע נארישקייטען.

אלאַדיעוו איז שטארק רויט געוואָרען און האָט אָנגעהויבען צו אטהעמען שווער.

— אפשר זיינען דאָס פאר אייך נארישקייטען... איבריגענס גלויב איך דאָס ניט... ווי איהר זאָלט ניט בראַווירען און מאכען אָן אָנשטעל... אָבער פאר מיר איז דאָס ניט קיין נארישקייטען און מיר ווילט זיך, איהר זאָלט מיך כאָטש איין מאָל פערשטעהן... לאָמיר זיך דורכריידען אביסעל.

— אייגענטליך, האָב איך קיין צייט ניט... — האָט נאָאיוו געענטפערט דאָס מענשעל און זיינע דורכדרינגענדע אויגלעך האָ־

בען זיך צולאָפּען אהין און אהער, — נור אויב אייך ווילט זיך אזוי שטארק...

— יא, מיר ווילט זיך! — האָט געזאָגט אַלאַדיעוו.

דאָס מענשעל האָט א ציה געטהון מיט די פּלייצעס און האָט זיך באלד געזעצט מיט דער מינע פון א מענשען, וואָס איז גרייט צו ברענגען אן אָפּפער.

אַלאַדיעוו האָט דאָס בעמערקט, אָבער ער האָט זיך אָנגעטהון א כח און האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט א קינסטליכער רוּ־היגקייט.

—פריהער פאר אלעמען בין איך אוועקגעגאנגען פון אייך ניט דערפאר, וואָס איך האָב זיך דערשראָקען, אָדער... איהר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, וויקטאָר, זייט כאָטש דאָס מאָל אויפריכטיג!

— קיינער מיינט דאָס ניט... — האָט נאכלעסיג א וואָרף געטהון דער מענש מיט'ן רויבפויגעל־געזיכט.

— הייסט עס, בין איך אוועקגעגאנגען פון אייך נור דערפאר, וואָס מיינע מיינונגען האָבען זיך ראדיקאל איבערגעביטען. אויב איך קוק ניט אנדערש אויף אייער אידעע, קוק איך אינגאנצען אנ־דערש אויף אייער טאקטיק. איך האָב פערשטאנען...

— אך, גאָט מיינער, — האָט זיך מאָמענטאל אויפגעכאפּט דאָס מענשעל, — בעפרייט מיך פון אזעלכע רייד... מיר ווייסען... איהר האָט פערשטאנען... מיר ווייסען... איהר האָט פערשטאנען, אז מיט גוואלדטאטען דערגרייכט מען קיין פרייהייט ניט, אז מען דאַרף ערציהען דאָס פאָלק, און אזוי ווייטער. מיר ווייסען!...

ווערטער זיינען געפלויגען אזוי שנעל פון זיין מויל, אז עס האָט געדוכט, דאָס זיי זיינען דאָרט א לאנגע צייט געלעגען פער־שלאָסענע און ענדליך האָבען זיי זיך ארויסגעריסען פון'ם געפענג־ניש. אליין איז ער ארומגעשפרונגען איבער'ן צימער, האָט גע־דרעהט אין אלע זייטען מיט זיין רויבפויגעל־געזיכט, און געמאכט מיט די הענד — און אויסגעזעהען האָבען זיינע אויגען ניט ווי מענשליכע, נור ווי פון א פויגעל.

אַלאַדיעוו איז געשטאנען אין מיטען צימער און האָט ניט געקענט זאָגען קיין איין וואָרט. ווערטער הייסע, טיפע, וואָס קענען דערגעהן צו די טיפענישען פון'ם מענשליכען הארץ, האָט ער געהאט אין קאָפּ. עס האָט זיך געדוכט, אז עס איז אונמעגליך

מען זאָל איהם ניט פערשטעהן, יעדענפאלס האָט געדאַרפט איהם פארשטעהן דער דאָזיגער מענש, וועלכער איז יאָהרען לאנג געווען אזוי נאָהענט צו איהם, האָט געלעבט מיט איהם, האָט איהם א מאָל ליעב געהאט און געגלויבט אין איהם, און דאָך האָט אלאדיעוו געפיהלט, אז וואָס א מינוט ווערט אלץ ברייטער צווישען זיי דער אָבגרונד, איבער וועלכען ווערטער וועלען ניט אריבערשפּרינגען. ווי וואונדערבאר: נאָך גאָר ניט לאנג זיינען זיי געווען אזוי נאָהענט, זייערע אָפענע הערצער האָבען זיך אזוי ווי צוזאמענגעגאָסען און איצט האָט זיך זיי געדוכט, אז זיי זיינען אינגאנצען פרעמדע, רעדען אויף פערשיעדענע שפּראכען און זיינען אפילו אביסעל פיינדליך איינער צום אנדערען. און דאָס אלץ נור דערפאר, וואָס אלאדיעוו האָט ענדליך פערשטאנען, אז טויטען א מענשען איז א זינד, צוליעב וואָס פאר א הויכער זאך דו זאָלסט עס ניט טהון, און אז פערגאָסענע בלוט קען ניט צוזאמענבינדען די צוריסענע מענשהייט. נור ליעבע, די אונענדליכע ליעבע, וואָס דערנעהענטערט די מענשען טריט נאָך טריט אין משך פון יאָהרהונדערטער, וועט פערברידערען די מענשען, א סוף מאכען צום קאמפּף און גוואלד־טהאטען, וואָס האָבען פערבאָווערדיגט ביז איצט די געשיכטע פון דער מענשהייט. אלאדיעוו האָט געגלויבט מיט׳ן גאנצען הארצען, אז אזוי איז דאָס און וועט זיין. ער האָט געוואוסט, אז הונדער־טער יאָהרען וועט געוועלטיגען נאָך שנאה, אָבער וואָס זיינען הונ־דערטער יאָהרען אין פערגלייך מיט דער אייביגקייט און דער העלער זון פון ליעבע, וועלכע וועט ווען עס איז אויפגעהן און אויסטריקנען דאָס פערגאָסענע בלוט. וואָס פאר א ווערט האָט אנטקעגען דער ריזיגער, טיטאַנישער ארבייט א שטיקעל דינאַמיט, וואָס ווערט אויפגעריסען פון א פערביטערטער האנד און רופט ארויס די גייס־טען פון נקמה און שנאה. דאָס איז דאָך אזוי איינפאך, אזוי קלאָר און אזוי מאַיעסטעטיש אין איהר וועלט־איינפאכקייט, אז ס׳איז א רחמנות אויף דעם דאָזיגען גוטען, אָפענהערציגען, ליע־בענדען מענשעל, וועלכער איז גרייט צו געהן אויפאָפּפערען זיין לעבען, און קען ניט פארשטעהן אזא איינפאכען אמת, און טומעלט, היצט זיך, טוידט זיין לעבען, קלאָרען פערשטאנד און גרויסע נשמה, כדי צו צושטערען, פערדערבען, ברענגען טויט און ליידען.

אַלאַדיעוו האָט שווער געזיפצט און אין פיין צוזאמענגעדריקט זיינע גרויסע ארבייטער־הענד.

— נו, וואָס איז דאָ צו רעדען... מיר וועלען, ווייזט אויס, איינער דעם אנדערען קיינמאָל ניט פערשטעהן, — האָט ער גע־זאָגט מיט טרויער, אוועקגעגאנגען צום טיש און געזעצט זיך, טרויעריג אראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ. איהם איז געווען שווער, גלייך ווי ער רייסט איצט איבער מיט'ן טייערסטען אין זיין לעבען.

— יאָ, מיר וועלען ניט פערשטעהן! — האָט אימפּעטיג מסכים געווען דאָס מענשעל מיט דעם רויב־פויגעל־געזיכט. — און עס לוינט זיך ניט צו פערלירען ווערטער.

אַלאַדיעוו האָט געקנאַקט די פינגער און געשוויגען.

דאָס מענשעל האָט ארום א מיגוט געוואַרט אונענטשלאָסען, קוקענדיג גלייך אויף אַלאַדיעוו'ן מיט זיינע רונדע, גלאנצענדיגע ברילען, הינטער וועלכע מען האָט ניט אָנגעזעהען קיין אויגען. דערנאָך האָט ער פּלוצלינג זיך א כאַפּ געטהאָן, און אָנגעהויבען בעוועגען זיך מיט א גרויסען אימפּעט.

— הייסט עס, קען מען דאָס פּאָרט ביי אייך לאָזען ביז מאָרגען — האָט ער אויספאָרשענדיג געפרעגט.

— אָה, גאָט... — האָט טרויעריג געענטפערט אַלאַדיעוו, — געהט עס מיר דען אָן דעם, נור זאָל זיין... נארישקייטען... נו דאָ, נו דאָרט, אַלץ איינס... מיר איז ניט דאָס וויכטיג.

— נו, גוט... און דערווייַלע אדיע... מאָרגען וועל איך קומען.

דאָס מענשעל האָט אימפּעטיג א כאַפּ געטהאָן דאָס היטעל און אויסגעצויגען זיין האנד.

אַלאַדיעוו האָט לאנגזאם אויסגעשטרעקט זיינע.

אונערוואַרטעטערהייט האָט דאָס מענשעל ניט באלד ארויס־גענומען די האנד, די רונדע ברילען האָבען זיך אזוי ווי פערקלערט. ער האָט ענדליך ניט אָבגעלאָזט, נור אָבגעוואָרפען פון זיך אַלאַ־דיעוו'ס האנד און האָט געזאָגט:

— איך וועל, אפשר, ניט קומען... עמיצער אנדערש... דער פּאַראָל: איוואן איוואַניטש.

— גוט, — האָט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ געענטפערט אַלאַדיעוו.

— אַלזאָ, אדיע!

דאָס מענשעל האָט א רוק געטהאָן דאָס היטעל אויף זיין רונדען פויגעלשען קעפעל און האָט זיך האסטיג געלאָזט צום טהיר. נעבען דער טהיר איז ער מיט א מאָל געבליבען שטעהן.

— א שאָד! — האָט ער געזאָגט געהיימניספול און זיינע, קליינע, שארפע אויגען זיינען געוואָרען פייכט און פערטרויערט. אָבער ער האָט זיך באלד בייגעקומען, א וואונק געטהאָן מיט'ן קאָפּ און ארויסגעשפרונגען אין קאָרידאָר. דאָרט האָט ער זיך אומ־געקוקט אויף די פאָרהענגלעך, אריינגעקוקט אין א פּאָר טהירען, אזוי ווי ער וואָלט געשמעקט די לופט און איז פערשוואונדען אויף די טרעפּ.

אַלאָדיעוו איז געזעסען ביי'ם טיש אָן איינגעבויגענער און האָט געשוויגען.

7.

אָבענדצייט זיינען געקומען פון דער קירכע מאקסימאָוונא און די נייטאָרין אַלענקא. זיי האָבען מיט זיך געבראכט דעם דינעם אראָמאט פון ווייה־רויך, און א פער'חלומ'טע דעמוטיגקייט האָט נאָך געשפּיעלט אויף זייערע פּנימ'ער, וועלכע זיינען געוועזן ווי בע־שיינט פון אינוועניג מיט'ן שטילען ליכט פון לעמפּלעך, וואָס האָ־בען ארומגערינגעלט די הייליגע בילדער.

אַלענקא האָט אפילו ניט אראָבגענומען פון זיך דאָס טיכעל, זי האָט איהר נור אראָבגערוקט טיפער און זיך געזעצט ביי'ם טיש מיט פער'חלומ'ט־פריידיגע אויגען, אנידערלייגענדיג אויף די קניה איהרע דינע, בלייכע הענד. מאקסימאָוונא איז אויך געשטאנען אין שטילער פערטראכטקייט, דערנאָך א זיפץ געטהון, ווי איינע וואָס קומט צו זיך, און גענומען פּאנאנדערוויקלען איהרע שווערע, ברוינע טיכלעך. איהר פּנים איז פּלוצלינג געוואָרען געוועהנליך־פערזאָרגט און טרוקען. זי האָט א קוק געטהאָן אויף אַלענקא'ן און געזאָגט אזוי ווי צו זיך:

— מען וואָלט זיך געדארפט צוגרייטען...

— וואָס? — האָט דערשראָקען איבערגעפרעגט דאָס מיידעל, אויפגעהויבען איהרע ריינע, העלע אויגען און פּלוצלונג איז איהר גאנצער פּנים אָנגעצונדען געוואָרען פון א שוואכער, בלייכער, ראָ־זענפאַרביגער רויטקייט.

— גרייט זיך צו, מיין טייערע, כ'מיין... — האָט העכער געזאָגט מאַקסימאָווגאַ, — וואָסילי סטעפּאַנאָוויטש האָט צוגעזאָגט צו קומען זיבען אַ זייגער, וואַלסטו זיך אפשר צוגעפּוצט, הא...

— היינט! — האָט מיט אַ שרעק פון הילפלאָזיגקייט אויסגערופען אַלענקאַ און איז פּלוצלונג ווידער געוואָרען דורכזיכטיגבלייך, אַזוי ווי איהר גאַנץ לעבען וואָלט אויסגערונען פון איהר לייב און געבליבען איז עס נור אין די גרויסע אויגען, וועלכע זיינען געווען פול מיט שעמעוודיגקייט און בענקעניש.

— און וואָס? — האָט מיט אַן אונגעדולד פון איינער, וואָס ליידט, געענטפערט די אַלטיטשקע, — ניט היינט, איז מאָרגען. אַלץ איינס, פון'ם שיקזאַל קען מען ניט אַנטלויפען און נאָכאַמאָל אַזאַ גליק וועסטו ניט גיך דערוואַרטען זיך. אַזעלכע, ווי דו, פעהלען ניט אויס. ניט אַזאַ גרויסע מציאה.

אַלענקאַ'ס הענד האָבען אַ ציטער געטהאָן ביז די שפּיץ פינגער, וואָס זיינען געווען צושטאָכען פון די נאָדלען. זי האָט געקוקט אויף דער אַלטער מיט פערטרערטע אויגען, בעטענדיג רחמנות.

— מאַקסימאָווגאַ... זאָל בעסער מאָרגען זיין. מיר... מיר טהוט וועה דער קאָפּ, מאַקסימאָווגאַ.

איהר נאַאיווו שטימעלע האָט אָבגעקלונגען מיט אַזאַ ריהרענדען, זאַנפטען געבעט, מיט אַזאַ אונענדליכען שרעק, אַז שעוויררעוו, וועלכער איז געזעסען הינטער'ן טיר, אינ'ם פינסטערן צימער, האָט אַ דרעה געטהאָן מיט'ן קאָפּ און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט.

מאַקסימאָווגאַ האָט אַ צייט געשוויגען.

— וועה איז מיר, מיין אָרימע! — האָט זי געזאָגט און צוכליפּעט זיך. — וואָס אָבער וועסט דו טהאָן... איך וויים אַליין...

— ס'אַראַ אומגליק דאָס איז! — האָט זי געוואָלט זאָגען, אָבער האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן און נור איבערגע'חזר'ט:

— מילא, וואָס קען מען טהאָן...

— מאַקסימאָווגאַ, — האָט, מיט אַ ציטערדיגער שטימע און צונויפלייגענדיג די הענד צום געבעט, אויסגערעדט אַלענקאַ, — איך וועל בעסער... אַרבייטען...

— אַ סך וועסט דו אָנאַרבייטען זיך, — האָט מיט אַ ביטערען פערדראָס געענטפערט מאַקסימאָווגאַ, — צו וואָס טויגסט דו! מיידלעך פלינקערע פון דיר מוזען געהן „אין גאַס“, און דו... אי־

א טויבע, אי א נארישע... וועסט פערפאלען ווערען אומזיסט און אומנישט. דו פאלג בעסער מיך, ערגער וועט דיר ניט זיין... אט שטארב איך אוועק אדער ווער בלינד... וואס וועט דאמאלס פון דיר ווערען...

— איך, מאקסימאוונא, וועל דאמאלס אין א קלויסטער געהן... מיר ווילט זיך זיין א נאנע. אין מאנאסטיר איז גוט... שטיל...

און פלוצלונג, גאנץ אונערווארטעט, האט אלענקא ברייט צו־עפענט די פער'חלומ'טע אויגען און האט געזאגט, פערטראכט און בעגייסטערט קוקענדיג ערגעץ ווייט־ווייט איבער די ווענט:

— מיר וואלט זיך געוואלט זיין א גרויסער ווייסער פויגעל און אוועקפליהען ערגעץ ווייט־ווייט!.. און אונטער מיר זאלען זיין בלומען, גרינע פעלדער, און איבער מיר — דער הימעל... ווי אין חלום!...

מאקסימאוונא האט א זיפץ געטהאן.

— ביסט א נאר!.. און אין מאנאסטיר וועט מען דיך ניט נעהמען... אהין דארף מען אריינלעגען געלד, א נדר טהאן אדער צו דער שווארצער ארבייט געהן. וואס פאר אן ארבייטערין ביסט דו, הע!

די אלטיטשקע האט מיט פעראכטונג א מאך געטהאן מיט דער האנד.

— נו, וואס איז דא צו רעדען... דו האב חתונה מיט וואסילי סטעפאנאוויטש'ען. וועסט ווענינגסטענס אליין זיין א בעל־הבית־טע און מיר בעהילפיג זיין... וואסילי סטעפאנאוויטש, זאגט מען, האט אין באנק א זיבען טויזענד רובעל.

— ער איז אזא שרעקליכער, מאקסימאוונא, — האט ציטער־רענדיג געמורמעלט אלענקא, ווי זי וואלט געבעטען פערצייהונג, — א רויהער, גאר א פויער!

— און דו דארפסט א פריץ? פריצים זיינען ניט פאר אונז, אלענקא... אבי ער זאל זיין א גוטער מענש, דאס איז דער עיקר...

— ער האט אפילו גאר ניט געלעזען, מאקסימאוונא. איך פרעג איהם: ווי געפעלט אייך טשעכאוו, און ער זאגט: אונזער געשעפט איז אזא, אז מיר קענען ניט פערנעמען זיך מיט נאריש־קייטען...

אלענקא האט איבערגעקרימט עמיצענס טעמפען, רויהען

באָס, איבערגעקרימט און צואווויינט זיך. איהרע גרויסע אויגען האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט גרויסע, העלע טרערען, און איהרע הענד זיינען ווידער פערציטערט געוואָרען.

— וואָס מיינסטו, ער איז גערעכט! — האָט מיט כעס גערעדט מאַקסימאָוונאַ, אָבער מען האָט געזעהן, אַז זי שטרענגט זיך אָן צו זיין אין כעס. — אַן אומגליק! ער האָט ניט געלעזען!... ווער דאַרף זיין לעזען האָבען?... ער איז אַ פערנומענער מענש, ניט קיין פער'חלום'טער נאַרעל, ווי דו!...

אָלענקאַ האָט אויפגעהערט צו וויינען און האָט ווידער ברייט און פער'חלום'ט צועפענט די אויגען.

— הער נור, מאַקסימאָוונאַ, דו פערשטעהסט גאָרנישט און רעדסט!... דאָס איינציג גוטע, וואָס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט, איז ביכער. טשעכאָוו, צום ביישפּיעל!... ווען דו לעזט איהם — ווילט זיך פשוט וויינען: אַזאַ פערגניגען, אַזאַ!

אָלענקאַ האָט צוגעדריקטביידע הענד איהרע צו די באַקען און האָט צושאָקעלט דעם קאָפּ.

— געה זיך מיט דיינע ביכלעך! — האָט האַלב בעז, האַלב מיטליידיג זיך גע'כעס'ט די אַלטיטשקע. — אפשר איז דאָס טאַקי גוט, אָבער ניט פאַר אונז. איך ווער בלינדער פון טאָג צו טאָג... נעכטען פון טיש אָראָבגענומען — צובראָכען אַ גלאָז. ווער ווייס, אפשר אין אַ מאָנאַט וועל איך מוזען געהן אין אַ מושב זקנים... און איך האָב דאָך אויך געלעבט, ווי דו — גענעהט, גענעהט דאָס גאַנצע לעבען, נו האָב איך זיך דערנעהט... און איך בין ניט געווען אַזאַ שלים־מזל, ווי דו! אַליין געהט אַרום נאַקעט און וויל אויך... ביכלעך! וואָס איז דאָ צו רעדען.

אינ'ם צימער איז שטילערהייט אַריינגעקראָכען די אַלטיטשקע פון קאָרידאָר. איהרע קליינינקע אויגעלעך האָבען געקוקט דערשראָקען און נייגיריג.

— מאַקסימאָוונאַ, אָבער עס קען נאָך ערגער זיין פון טויט!.. ער איז אַ גראָבער יונג, אַ פּויער... ער וועט מיך שלאָגען! — האָט מיט אַ האָפענונגסלאָזען געיאָמער אַ געשריי געטהאָן אָלענקאַ.

— נו, וואָס עפּעס שלאָגען! — האָט די אַלטע געזאָגט, ניט געענדיגט און ווידער האָפענונגסלאָז אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

— נו וועט ער שלאָגען! — האָט די אַלטיטשקע, שטעהענ־

דיג נעבען טיר, ארויסגערעדט מיט'ן מויל אָהן ציין. — און איהר. אַלגא איוואַנאָוונא, נעהמט עס פאַר ליעב, פערשווייגט.

— וואָס! — האָט דערשראָקען איבערגעפרעגט אַלענקא.

— און איהר פערשווייגט... זאָג איך... — האָט ווידער געזאָגט די אַלטיטשקע. — וועט שלאָגען איין מאָל, צוויי מאָל, און ס'וועט איהם נמאס ווערען... זיי זיינען אַלע אַזעלכע... צו זיי דאַרף מען גוטסקייט האָבען. זאָל ער זיך שלאָגען, און איהר ליידט... וועט ער אָבטרעטען, נישקשה!

אַלענקא האָט געקוקט אויף איהר מיט שרעק, עפּעס אַזוי ווי פונ'ם פינסטערען קאָרידאָר איז אַרויסגעקראָכען און קריכט אַלץ נאָהענטער צו אַ שרעקליכער רמש. זי האָט אפילו אביסעל אויפגעהויבען איהר קלייד און זיך צוגעטוליעט מיט'ן אַקסעל צום טיש. אָבער די אַלטיטשקע איז פון איהר אָבגעטראָטען און האָט זיך האַסטיג געווענדט צו מאַקסימאָוונא. איהרע קליינינקע אויגעלעך האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק פון שלאַנגיגער נקמה־פרייד.

— און אונזער לעהרער האָט מען דאָך פון דער שטעלע אָבגעזאָגט!

— וואָס? — האָט אויסגעשריען מאַקסימאָוונא — וואָס הייסט אָבגעזאָגט? פאַר וואָס?

— דערפאַר, וואָס ער האָט געזאָגט אַ גראָב וואָרט דעם עלטסטען. יענער האָט איהם עפּעס געזידעלט, און ער האָט איהם גראָב געענטפערט... נו, האָט מען איהם אַרויסגעטריבען. מאַריא פעטראָוונא האָט זיך דאָס היינט שטאַרק צום האַרצען גענומען! — האָט איילענדיג, קוים־צו־הערען, אָבשטעלענדיג זיך ביי יעדען וואָרט און קוקענדיג איפ'ן טיר, דערצעהלט די אַלטיטשקע.

מאַקסימאָוונא האָט אַ פערוואונדערטע געקוקט אויף איהר מיט איהרע ווייסע בלינדע אויגען.

— זיי זיינען דאָך מיר פאַר דריי חדשים שולדיג. היינט האָט זי אַליין מיר צוגעזאָגט געבען אַ טייל... וואָס וועט איצט זיין? — האָט זי צוטראָגען געמורמעלט.

— איצט וועלען זיי שוין ניט אָבגעבען. וואָס רעדט איהר! זיי וועלען דאָך אַליין מוזען הונגערען, — האָט כמעט מיט פערגעניגען געענטפערט די אַלטיטשקע.

מאַקסימאָווגאַ האָט אַ מינוט צייט געקוקט אויף איהר שוויי־גענדיג, עפּעס ווי זי וואָלט וועלען פערשטעהן, וואָס פּרעהט זי זיך אַזוי. זי האָט ניט פערשטאַנען, האָט ענטשלאָסען אַ ריס געטהאָן דאָס טיכעל פון איהרע גרויע גלאַט־צוגעקעמטע האָר און געוואָרפען איהם אויפ'ן בעט.

— וואָס מיינען זיי זיך! וואָס, וועל איך זיי אָהן געלד האַל־טען? געפונען דעם אָרט!.. איך האָב אַליין ניט וואָס צו פרעסען...

זי האָט נאָך אַביסעל געטראַכט און איז פּלוצלונג, שנעל אויס־דרעהענדיג זיך, אַרויסגעגאַנגען פון צימער. אָלענקאַ, וועלכע האָט כמעט גאָרניט פערשטאַנען, האָט דערשראָקען נאָכגעקוקט איהר, און די אָלטיטשקע האָט זיך ציטערענדיג געשלעפּט איבער'ן קאָ־רידאָר און בעהאַלטען זיך הינטער'ן פאַרהאַנגעל, פון וועלכען עס האָבען באַלד אַרויסגעקוקט צוויי פּאָר נייגיריגע מייז־אויגען.

ביים לעהרער אין צימער איז געוועזען פינסטער. די קינדער האָבען זיך פערבעהאַלטען ערגעץ אין די ווינקלען, און מען האָט זיי ניט געזעהן, ניט געהערט. דער לעהרער און זיין ווייב זיינען געזעסען צוזאַמען נעבען פענסטער און אינ'ם אונבעשטימטען העל האָבען זיך אָבגעצייכענט די סילועטען פון צוויי אין האַפענונגסלאָזע געדאַנקען איינגעבויגענע קעפּ.

— מאַריאַ פּעטראָווגאַ! — האָט איינגעהאַלטען, אָבער בע־דייטונגספול, ווי איינע, וואָס האָט מאַכט, גערופען מאַקסימאָווגאַ.

דער לעהרער און זיין ווייב האָבען שנעל אויפגעהויבען די קעפּ. קיין פּנים'ער האָט מען ניט געזעהען, אָבער אין דער בעווע־גונג איז געוועזען אַ דערשלאָגענקייט און דעמוטיגקייט.

— פאַר'ן צימער, ווי איהר האָט צוגעזאָגט... היינט... איהר וועט באַלד צאָהלען? — האָט איינגעהאַלטען געזאָגט די אַלטע.

די צוויי טונקעלע סילועטען האָבען זיך אַ ריהר געטהאָן און אנשווייגען געוואָרען. געוועזען איז אין זיי אַ שרעקליכע הילפלאָ־זיגקייט, אַזאַ הילפלאָזיגקייט, ווען אַ מענש האָט אפילו ניט וואָס צו זאָגען.

— איז אַזוי... — האָט מיט אַ בערוהיגטער שטימע געזאָגט די אַלטע. — איהר וועט זיך, הייסט עס, קלייבען, מאָרגען גיב איך אָב דאָס צימער... דאָס, וואָס קומט פון אייך פאַר דריי חדשים, זאָל שוין בלייבען אויף אייער געוויסען... בין אַליין, נאַר, שולדיג,

וואָס איך האָב געגלויבט... און מעהר ליידען קען איך ניט... ווי איהר ווילט זיך!

דעם לעהרער'ס ווייב האָט זיך ניט גערירט, אָבער דער לעה־רער אַליין איז אויפגעשטאַנען און איז האַסטיג ארויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, האָבענדיג כמעט מיט געוואַלט ארויסגעשטופּט אַהין מאַקסימאָוונאַ'ן.

— איהר פערשטעהט... איך האָב אייך געוואָלט זאָגען... צי קענט איהר ניט לייהען ווי ס'איז! איך וועל זוכען עפּעס אַן אָרט, אַ שטעלע. מיר האָט מען צוגעזאָגט... איז אַזוי... דאָס הייסט...

זיינע אויגען זיינען ארומגעלאָפען, און אַ שווינדזוכט־רויט־קייט האָט פערדעקט די בלייכע באַקען. מאַקסימאָוונאַ האָט אַ זיפץ געטהאָן און אַזאַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, אַז דער לעה־רער האָט פערשטאַנען אַז ער וועט ביי איהר גאָר ניט פּועל'ן.

— ניין, אויף אַן אמת צוגעזאָגט! — האָט זיך געאיילט דער לעהרער, ווערענדיג אַלץ רויטער און וואַרפענדיג נאַריש מיט די הענד. — און בכלל וועל איך אַ זוך טהאָן, מען קען דאָך ניט... איהר זעהט אַליין.

— איך קען ניט, מיין הערר, — האָט אָבטרעטענדיג און צופיהרענדיג מיט די הענד געענטפערט מאַקסימאָוונאַ. — איך זאָל אַליין ניט דאַרפען! אָבער צו מיר קומט מען יעדען טאָג מאָהנען געלד... איך וועל מוזען אַליין אַוועקגעהן, לאָזען די קוואַרטיר... אויף אייך נור האָב איך זיך פערלאָזען. און יעצט, זעהט!

— מאַקסימאָוונאַ! — האָט שנעל, בעטענדיג זיך, קוים צו הערען, אומקוקענדיג זיך אויפ'ן טיר, אַ זאָג געטהאָן דער לעהרער.— איהר בעטראַכט נאָר די זאַך! וואוהין וועלען מיר געהן? איהר מוזט וויסען, אַז איך האָב פערלאָרען די שטעלע, און איצט... איך האָב היינט גערעכענט צו נעהמען אַביסעל געלד פאָראויס, ווייל איך האָב שוין פריהער פערנומען... די קינדער האָבען געדאַרפט האָבען שיכלעך און מיין ווייב — אויך עפּעס... ווייל, איהר פער־שטעהט, עס איז קאַלט, ביטער קאַלט, און זי הוסט... און איצט האָב איך קיין קאָפּיקע ניט! וואוהין וועלען מיר זיך קלייבען, אומעטום וועט מען פאָראויס מאָהנען געלד, און איהר קענט דאָך אונז... מאַקסימאָוונאַ, בעטראַכט אונזער לאַגע!

ער האָט איהר קאָנוואולסיוו געכאַפּט פאַר'ן האַנד און פיבער־ריש געבליצט מיט די אויגען.

— מאַקסימאָוונא, אום גאָטעס ווילען!

— ניין, איך קען ניט... דאָס אייגענע העמד איז נאָהענטער צום לייב... איהר טהוט, ווי איהר ווילט זיך. איך האָב אויף אייך, פערשטעהט זיך, זעהר שטאַרק רחמנות, אָבער איך קען גאָר נישט טהאָן... געווען אויף אַן אָרט, האָט איהר זיך געדאַרפט אָן איהם האַלטען מיט צייהן. און איהר זעהט, וואָס איהר האָט אָנ־געמאַכט. אַליין זייט איהר שולדיג.

דער לעהרער האָט אַ ציטער געטהאָן פון גרויסע יסורים, אָבער ער האָט געמאַכט אַן אונמענשליכע אָנשטרענגונג צו האַל־טען זיך אין די הענד. נאָר די אויגען זיינע זיינען צולאָפען זיך נאָך פיבערישער און דאָס געזיכט איז רויט געוואָרען, גלייך ווי איהם וואָלט געווען זעהר הייס.

— יא, פערשטעהט זיך... איך בין שולדיג. אָבער דאָס בין איך דאָך שולדיג, אָבער ניט די קינדער...

— אייערע קינדער... יא, יא... צוליעב די קינדער האָט איהר געדאַרפט פערשווייגען...

— איהר פערשטעהט, מאַקסימאָוונא...

— וואָס פערשטעה איך! — האָט איהם גראָב איבערגעריי־סען די אַלטיטשקע. — וואָס געהט איהר זיך ערנידעריגען פאַר מיר! איך קען גאָרניט טהאָן. אַזוי האָט איהר געדאַרפט האָרט רעדען.

— מאַקסימאָוונא!

פּלוצלונג האָט זיך אין דער טונקעלער טיר בעוויזען אַ דינע פרויען־פיגור מיט צופּאַטעלטע האָר.

— לעשא, לאָז אָב! — האָט זי היסטעריש צושריען זיך — די דאָזיגע מענשען האָבען קיין רחמנות ניט! זאָלען זיי אַלע געהן צו אַלדי רוחות! זיי זיינען ניט ווערט דיין מינדסטען פינגער, און דו געהסט מיט זיי...

— וואָס שעלט איהר זיך, — האָט אַ בעליידיגטע געזאָגט מאַקסימאָוונא, — מיר האָבען אפשר רחמנות מעהר ווי איהר...

— איהר האָט רחמנות? איהר זייט דאָך חיות, און ניט קיין מענשען! אַ מענש טרינקט זיך, און איהר זאָגט איהם מוסר...

איהר בעליידיגט איהם און שפעטער וועט איהר איהם ארויסוואר־פען אויפ'ן גאס!.. און ער געהט איהר נאך ערקלערען... — האט זי געשריען מיט עמפערונג און גרויסען צער. — ארויס פון דאנען!

— דאס הייסט, ווי זאגט איהר — ארויס? — האט שוין העכער געזעצט מאקסימאוונא. — איך האב ניט וואוהין צו געהן, מיין קווארטיר...

— ארויס! — האט מיט אן אבגעריסענער שטימע היסטע־ריש געשריען די קראנקע און אויסגעשטרעקט איהר דינע האנד אין א כמעט טראגישען זשעסט. — וואס ווילט איהר פון אונז, מיר זאלען אוועקגעהן? בערוהיגט זיך, מיר וועלען אוועקגעהן... מאר־גען שוין געהען מיר אוועק, און דערווייל ארויס, ארויס!

— מאשענקא, — האט אונזיכער געמורמעלט דער לעהרער.— מען דארף ניט!

— ארויס, ארויס, פערשאלטענע!.. פערפייניגט האבען זיי מיך! — האט היסטעריש געשריען די פרוי און פלוצלונג געכאפט זיך פאר די האר און געווארפען זיך אן דער זייט.

דער מאן האט זיך געלאזט לויפען נאך איהר, און עס האט זיך געהערט, ווי א מורמעל, ווי די קראנקע רעדט שנעל־שנעל מיט כעס און אהן קרעפטען, און וואס זי זאגט האט מען ניט געקענט פערשטעהן.

מאקסימאוונא האט געשוויגען, דערנאך טרויעריג פאנאנדער־געפיהרט מיט די הענד און איז אוועקגעגאנגען, עפעס מורמלענדיג פאר זיך, גלייך ווי זי וואלט געפיהלט זיך שולדיג.

נעבען זיין טיר איז געשטאנען אלאדיעוו. ער האט איהר אבגערופען:

— מאקסימאוונא, קומט אהער אויף א מינוט...

די אלטע איז ארייגעגאנגען צו איהם, מיט דעמזעלבען אויס־דרוק פון פייניגענדער צוטומעלטקייט אויפ'ן פנים.

—זאגט מיר, כ'בעט אייך — האט אונענטשלאסען און קור־קענדיג אן א זייט א זאג געטהאן אלאדיעוו — קענט איהר טאקי ווירקליך ניט אביסעל צוווארטען... איהר זעהט דאך אליין, אין וועלכער לאגע... הא?

מאקסימאוונא האט, ווי פריהער, פאנאנדערגעפיהרט מיט די הענד.

— איך קען גאָר ניט טהאָן... בין איך דען אַזאַ שלעכטע? מען האָט מיר אָבגעלעגט ביז איבערמאָרגען, וועל איך ניט בעצאָהלען — וועט מען מיך אַרויסטרייבען!.. איך האָב דאָך אויף זיי זיך פערלאָזט.

— און דאָך?

— איהר מיינט, איך האָב טאַקי גאָר קיין רחמנות ניט? איך בין אַן אַלטער מענש, דאַרף גיך שטאַרבען... ניין, סערגעי איוואַנאָוויטש, ווען זי האָט אויף מיר געשריען, האָט זי מיך געשניטען, ווי מיט מעסערס. נאָר וואָס זאָל איך טהאָן? איך האָב געליטען דריי חדשים צייט, האָב געקושט דעם דוואָרניק'ס טריט... צוליב וואָס, מיינט איהר? אַ רחמנות אויף זיי... מיר, אָרעמע מענשען, זאָלען איינער אויפ'ן אַנדערן קיין מיטלייד ניט האָבען, וועלען מיר דאָך גאָר פערפאַלען ווערען! מיט רחמנות לעבט די קבצנ'ישע וועלט. אָבער אַן אָרימאַן טאָר ניט פערגעסען, וואו ער איז אויף דער וועלט... אַז זיך דאַרף מען אויך ניט פערגעסן; ניט איך בין אונרחמנות'דיג, — דאָס לעבען וויים פון קיין רחמנות ניט!

די שטימע פון דער אַלטיטשקער מיט די ווייסע בלינדע אויגען האָט געקלונגען מיט אַ שטרענגען, טראַגישען טרויער. אַלאַדייעוו האָט געקוקט אויף איהר מיט פערוואונדערטע אויגען און געפיהלט זיך אַזוי קליין און לייכטזיניג אין פערגלייך מיט איהר.

— אַזוי, אַזוי, סערגעי איוואַנאָוויטש. אונזערען אַ ברודער, דעם אָרימאַן, איז שווערער אויף יענעם רחמנות צו האָבען... אונזער רחמנות לעבט פון אונזער בלוט... אַ רייכער מענש גיט אַ נדבה אַ קאָפּיקע,—האָט ער פערגעניגען, און איך זאָל געבען אַ קאָפּיקע— ריים איך אַרויס אַ שטיק ברויט פון מיין מויל. און צוליעב דעם דאָזיגען שטיקעל ברויט האָב איך זיך געבלענדט מיינע אויגען, ניטאָ מיט וואָס צו קוקען אויף דער זון... און וועלען פרעמדע מענשען אויך מיר קיין רחמנות ניט האָבען, וועל איך פגר'ן אויף דער גאַס, ווי אַן אַלטער הונד!.. און זיי רעדען וועגען אונרחמנות'דיגקייט!... פערשטעהן דאַרף מען!...

די אַלטע האָט אַ זיפץ געטהאָן. אַלאַדייעוו האָט געקוקט אויף איהר, אַראָבלאָזענדיג הילפלאָז די לאַנגע הענד.

— אַזעלכע געשעפטען!... יאַ, יאַ... און אַ רחמנות האָב איך

אויף זיי שרעקליך! איהר מיינט, אז איך פערשטעה ניט, אז ער האט אנדערש ניט געקענט טהאן? איך פערשטעה זעהר גוט! אן ארעמער מענש, זאל נאך דעם שטאלץ זיינעם פערלירען, איז איהם בעסער ניט געבארען ווערען. נאר וואס קענען מיר טהאן?

— הערט, מאקסימאוונא, — האט אונטערשלאסען געזאגט אלאדייעוו. — נו, און ווען זיי וואלטען אייך געצאהלט פאר א מאנאט... וואלט איהר דאמאלס געוואָרט?

— יא, זיכער!... איך בין ניט קיין חיה! איך וואלט זיך ווי ניט איז ארויסגעדרעהט. פערזעצען קען מען עפעס... אבער ניין, זיי האבען גארנישט!

— איך וועל קריגען, מאקסימאוונא, — האט, קוקענדיג אויפ'ן דיל און שעמעוודיג זיך שרעקליך, ארויסגערעדט אלאדייעוו.

די אלטע האט אנגעשטרענגט געקוקט אויף איהם, אבער זי האט ניט געקענט זעהן דעם אויסדרוק פון זיין פנים.

— איהר? אבער איהר האט דאך אליין גארניט...

— יא, איך וועל קריגען... איך וועל לייהען ביי א חבר... איהר ריהרט זיי היינט ניט, און איך וועל א לויף טהאן, ניט ווייט דא... יא... איהר גיט זיי שוין א ביסעל טעע און פייער... אט נעמט צוקער, טעע, בייגעל, נעמט מיינע... איך וועל א לויף טהאן...

מאקסימאוונא האט שווייגענדיג געקוקט אויף איהם, דערנאך האט זי געזיפצט, גארנישט געזאגט, גענומען טעע און צוקער און אוועקגעגאנגען, שאקלענדיג מיט'ן גראהען קאפ.

אלאדיעוו איז געשטאנען א צייט א צוטומעלטער אין מיטען צימער. איהם האט זיך געדוכט, אז ער האט געטהאן עפעס אומ־געלומפערטעס. אבער ער האט ניט געטראכט פארוואס דאס איז אזוי, נאר געפרובט זיך דערמאהנען, וואו ער קען אם גיכסטען קריגען געלד. און באלד איז ער טאקי, אנטהוענדיג שנעל דעם פאלטא און היטעל, ארויסגעלאפען פון קארידאר, שפרייזענדיג מיט זיינע לאנגע פיס איבער די טרעפ.

8.

א זייגער זיבען איז געקומען צוגעהן דער קרעמער.

ער האט לאנג געקלאפט אין קארידאר מיט די נייע גאלאשען, האט פלייסיג און אנגעשטרענגט אויסגעווישט מיט'ן טיכעל דאס

רויטע פּנים און, פאַרזיכטיג סקריפּענדיג איבער'ן דיל, איז ער אריינגעגאַנגען צו אַלענקאַ'ן אין צימער.

מאַקסימאָווּנאַ האָט צוגעגרייט דעם סאַמאָוואַר, בראָנפען און הערינג אויף א טעלער. אַלענקאַ איז געזעסען נעבען טיש, ווי א צובראָכען בוימעל, און האָט מיט גרויסע, טרויעריגע אויגען גע־קוקט אויפ'ן טהיר.

— אַלענקאַ, דו זעה נאַר, וואָס פאַר א טייערען גאַסט מיר האָבען! — האָט מאַקסימאָווּנאַ געזאָגט מיט אזא אוננאַטירליך פערצערטעלטער שטימע, מיט וועלכער מען רעדט מיט קינדער.

דער קרעמער איז אריינגעגאַנגען, טרעטענדיג מיט די פיס אזוי, ווי ווען ער וואָלט געגאַנגען איבער'ן אייז אין לאַקירטע שיך.

— גוטען אבענד, — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיג איהר זיין גרויסע, שווייסיגע האַנד מיט פינגער, וואָס האָבען זיך ניט איינ־געבויגען.

אַלענקאַ האָט שטילערהייט און ניט אויפהויבענדיג די אויגען דערלאַנגט איהם איהרע דינע, בלייכע פינגער. מען האָט געקענט זעהן, ווי עס האָט געברענט איהר איינגעצויגען פּנים און שווער גע־אָטעמט האָט איהר נידריגע, נאָך גאַנץ מיידעלשע ברוסט.

— נו, גוט... איהר וועט זיך דורכשמועסען, און איך וועל געהן מאַכען טעע... — האָט געזאָגט מאַקסימאָווּנאַ מיט דעמזעל־ביגען אוננאַטירליכען טאָן, און איז אוועקגעגאַנגען, פערקלאַפּענדיג פעסט די טהיר. ביי זיך אין קיך איז זי געבליבען שטעהן, פער־טראַכט זיך און א זיפץ געטהאָן. דיזעלבע שטרענגע, כמעט גרוי־זאַמע מיטליידיגקייט איז געוועזען אויף איהר טרוקענעם, בלינדען געזיכט.

אַלענקאַ איז געזעסען ביים טיש, ארויפלעגענדיג אויף איהם די האַנד, און דער בויג פון דער האַנד איז געווען א דינער און ריינער, ווי פון מאַרמאָר. דער קרעמער איז געזעסען אַנטקעגען איהר, שווער צודריקענדיג דעם שטוהל מיט זיין אונגע־הייער גרויסען, ווי א זאַק מעהל, לייב. די אויגלעך זיינע זיינען געווען גראָהע, קליינינקע, ווי שפּעלטלעך, און געקוקט האָבען זיי שאַרף און גיריג־חיה'יש. ביז איצט האָט ער אַלענקאַ'ן געזעהן נור אין קירכע און ביי זיך אין קראָם, וואוהין זי פלעג אריינלויפען אויף א מינוט. איצט האָט ער איהר ארומגעקוקט אויפמערקזאַם

און גענוי, אזוי ווי ער וואָלט געדאַרפט עפּעס איינהאנדלען און מורא געהאט בעצאָהלען צו טייער. אַלענקא האָט זיינע אויגעלעך געפיהלט אויף איהר ברוסט, אויף די פיס און פּנים, און דאָס דאָזיגע קליינע געזיכט האָט געברענט פון שרעק און שאַנדע.

זי איז געווען א דינענקע, א צאַרטע און א שוואכע. עס איז געווען שווער און קאָמיש פון'ם געדאנק, אז איהר לייכטער, ברע־כיגער קערפּער קען דינען רויהע, אומריינע, חיה'שע אינסטינקטען. און אין דער דאָזיגער שוואכקייט איהרער, ריינקייט און הילפסלאָ־זיגקייט, איז געווען עפּעס אונגעוועהנליך רייצענדעס פאר דער פעטער, גראָבער חיה, וואס האָט קוים געקענט כאַפּען דעם אָטעם פון דעם קאָכיגען, אומריינעם בלוט. דעם קרעמער'ס אויגעלעך האָבען זיך פערצויגען מיט א וואסערדיגער פליסיגקייט, און פּלוצ־לונג איז ער אינגאנצען אויפגעבלאָזען געווארען, גלייך ווי ער איז גרעסער און פעטער געווארען.

— מיט וואס פערנעהמען זיי זיך, אויב עס איז ערלויבט צו פרעגען — האָט ער געפרעגט מיט א דינענקער שטימעלע, וואס האָט זיך קוים ארויסגעשפּארט פון'ם פעטען האלז, וועלכער איז געווען צוזאמענגעפּרעסט פון לײדענשאַפט און דעם בעוואוסטזיין פון פאָלשטענדיגער מאכט. — כ'האָב אייך אפשר געשטערט, אה?

— וואס? — האָט דערשראקען איבערגעפרעגט אלענקא, אויף א מינוט אויפהויבענדיג די בעטענדיגע, העלע אויגען.

— זעה נור, זי איז טאַקי א טויבע! — האָט געטראכט דער קרעמער, — נור דאָס איז נאָך בעסער! א וואוילע מויד!

ער האָט ווידער געקוקט אויף איהר ברוסט און בויך, וואס האָט זיך ווייך און צאַרט צוזאמענגעגאָסען מיט די שלאַנקע פיס, וועלכע האָבען זיך קלאָהר ארויסגעזעהן פון אונטער דעם דינעם, בלאָהען אונטערקליידעל. ער האָט שוין ווי געזעהן איהר נאַקע־טען לייב און האָט איהם אָנגעטאַפּט, בעלעקענדיג זיך און הירזשענ־דיג.

— איך פרעג: מיט וואס זיי פערנעהמען זיך?

— איך?... מיט גאָר נישט... — האָט דערשראָקען געענט־פערט אָלענקא, פיהלענדיג מיט'ן גאנצען לייב, אז די אונפער־שעמטע קליינינקע אויגעלעך טהוען איהר אויס, צונעהמען זי און לעקען אויס איהרע גלידער.

דער קרעמער האָט זעלבסטצופרידען צוכיכיקעט זיך.

— וואס הייסט, מיט גאָר נישט! יונגע מאַמזעלען האָבען ליעב צו אַמוזירען זיך!... איך קען אבסאָלוט ניט גלויבען, אז אזא שעהנע מאדמאזעל זאָל א גאנצען טאָג זיך די אויגען ארויסנעהמען ארבייטענדיג. אייערע אויגעלעך זיינען ניט דערצו בעשאַפען געװארען!

אָלענקא האָט ווידער אויפגעהויבען אויף איהם איהרע גרויסע העלע אויגען. איהר האָט זיך פּלוצלונג אויסגעדוכט, אז ער האָט אויף איהר רחמנות. און, ווייזט אויס, האָט זי זיך אַ טראַכט געטהאָן, אז אפשר איז ער גאָר א גוטער, וואוילער מענש.

— איך... לעז ביכער... — האָט זי פערשעמט געזאָגט און שטיל געשמייכעלט.

— נו, ביכער! וואס איז דאָס פאר א פערגניגען?... אז מיר וועלען זיך מיט אייך נעהענטער בעקענען, וועט איהר מיר שוין ערלויבען אייך... אין טעאַטער נעהמען. דאָס וועט זיין אינטערעסאנטער, ווי זיצען ביי די ביכלעך.

אָלענקא איז פּלוצלונג לעבעדיגער געווארען. אויף איהר שוין יוידער בלייך געווארענעם געזיכט האָט זיך בעוויזען א נייער, לייכטער און ריינער פאַס רויטקייט.

— ניין, ווי קענט איהר אזוינס זאגען? עס זיינען פאַראַן זעהר גוטע ביכער... צום ביישפּיעל, טשעכאָוו... ווען איך לעז עפּעס טשעכאָוו'ס, ווערן איך שטענדיג... אלע זיינע מענשען זיינען אזעלכע אומגליקליכע, נעבעכ'דיגע...

דער קרעמער האָט געהערט אלץ, איינבויגענדיג אָן א זייט דעם קאָפּ מיט'ן שמאָלען שטערען און פערנעבעלטע אויגען. דערנאָך האָט ער אַ טראַכט געטהאָן.

— זיינען דען אלע אזעלכע אומגליקליכע? — האָט ער מיט'ן פריהערדיגען זיסען און אויסדרוקספולען טאָן געזאָגט. — פאַראַן גליקליכע אויך... פערשטעהט זיך, האָט איינער ניט וואס צו עסען, איז ניט גוט. אבער, אז א מענש... איך וועל וועגען זיך רעדען.

ער האָט זיך צוגערוקט צו אָלענקא'ן, האָט אויסגעשטעלט די אויגעלעך זיינע אזוי, אז זיי זאָלען אויסקומען איבער זיין בויך און זיך געפּרואווט רעדען. אָבער אָלענקא, מיט פערנעבעלטע אויגען, האָט נאַאיוו און פער'חלומ'ט ווייטער גערעדט:

—ניין, אלע מענשען זיינען אומגליקליך... און יענע, וואס מיינען, אז זיי זיינען גליקליכע, זיינען אין אמת'ן אויך אומגליקליכע. איך וואלט געוואלט זיין א בארמהערציגע שוועסטער, איך זאל אלע אומגליקליכע קענען העלפען... אדער א נאנע.

— נו, צו וואס א נאנע? — האט געענטפערט דער קרעמער מיט א פערדעכטיגען און שרעקליכען אין זיין חוצפה'דיגקייט אויסדרוק. — זיינען דען אויף דער וועלט פארהאן וועניג מענער?

אלענקא האט געקוקט אויף איהם, ניט פערשטעהענדיג גארניט. איהר טויבקייט האט איהר דאס גאנצע לעבען בעשיצט פון אזעלכע ווערטער און געדאנקען און זי האט זיי שלעכט פערשטאנען. ווי ביי אלע טויבע, האט זיך איהר נשמה פארמירט אייגענארטיג. זי האט געלעבט אין אונשולד. און איהרע אויגען זיינען איצט אויך געווען רוהיגע און גאנץ דורכזיכטיגע.

— אך, ניין... וואס רעדט איהר! — האט זי זיך פערוואונדערט. — אין מאנאסטיר איז דאך אזוי גוט!... איך בין אמאל צוויי וואכען געווען צו גאסט ביי מיין טאנטע אין וואראנעש... אין מאנאסטיר... איך האב א טאנטע א נאנע, אן אלטענקע... א שווייגרין... שוין פערצעהן יאהר ווי זי שווייגט... א נדר געגעבען... א הייליגע! אך, וואלט דארט גוט געווען! אין קירכע שטיל — שטיל, פייערלעך גיסען זייער רוהיג ליכט... מען זינגט אזוי גוט... דו שטעהסט און ווייסט ניט, צי דו ביסט אויף דער ערד צי אין הימעל!... און ווילסטו, געהסט דו ארויס איבער'ן פלויט. דער מאנאסטיר איז אויפ'ן בארג, און אונטען איז דער טייך און פעלדער. זעהסט ווייט-ווייט! אויף די גרינע פעלדער שרייען די גענז, און די שוואלבען ציהען זייערע ליבליכע טענער. איך בין געווען דארט אין פריהלינג, האבען די עפעל בוימער געבליהט אינ'ם גארטען... צייטענווייז איז אזוי גוט, אז עס פערכאפט דער אטעם. עס דוכט זיך מיר, אז אט-אט רייס איך זיך אב פונ'ם בארג און פליה אוועק, ווי א פויגעל... ווייט-ווייט.

אלענקא'ס שטימע האט געציטערט פון בעגייסטערונג, אין איהרע גרויסע, העלע אויגען זיינען געשטאנען שטילע טרעהרען און איהרע ליפען האבען געציטערט. זי איז ווירקליך איצט געווען עהנליך צו א ווייסער נאנע.

דער קרעמער האט זיך צוגעהערט צו די אונפערשטענדליכע

רייד, איינבויגענדיג זיין פעטען, רויטען האלז אָן א זייט, ווי אַן אָקס.

— יאָ... — האָט ער געצויגען — דאָס זיינען, פערשטעהט זיך, חלומות... און אין לעבען... קען א שעהנענקע מאדמואזעל אויך אויסערן קלויסטער פערגניגען האָבען!

ער האָט געכיכיקעט, צואווינקענדיג מיט'ן אויג, אבער אָלעני־קא האָט דאָס ניט בעמערקט און האָט אלץ געקוקט ערגעץ אין דער הויך, גלייך ווי זי וואָלט ווירקליך געזעהן פאר זיך ווייטע פעל־דער, א בלאָהען הימעל, ברייטע טייכלעך און ווייסע קלויסטער־ווענט.

ווען מאקסימאוונא איז געקומען מיט'ן סאמאָוואר, האָט דער קרעמער, סענטימענטאל צערטלענדיג זיך, געזאָגט:

— איך האָב ליעב, אז פריילינס זאָלען האָבען אזא דינע טאַ־ליע, ווי איהר, אָלגא איוואנאוונא... און ווי קומט דאָס אויס ביי פרויען אזוי קונציג: אָט דוכט זיך, וועסטו דעם אָרט מיט די פינ־גער ארומנעהמען, און אָט, ענטשולדיגט, איז שוין רונד....

דאָס לעצטע וואָרט האָט ער צופעליג אָנגעכאַפּט, און זאָגען האָט ער געוואָלט עפּעס אַנדערש, — עפּעס אזוינס, פון וואָס ער איז רויט געוואָרען און אָנגעהויבען צו אָטהמען שווער, ווי א חזיר. ער האָט אפילו אויסגעשטרעקט זיין האנד, אבער ער האָט דערזעהן מאַקסימאוונא, און א כאַפּ געטהאָן זי צוריק. און נאָך דעם האָט ער לאנג געווישט דעם שוויים פונ'ם שטערען.

דערנאָך האָט ער געטרונקען מיט מאקסימאוונא'ן בראָנפען, האָט פערביסען מיט א הערינג און אָנגעהויבען חכמה'ענען זיך, אז אלע מיידלעך חלומ'ען ביז דער חתונה וועגען אָבשיידען זיך פון דער וועלט.

— און ווי זיי האָבען חתונה, און טרעפען אָן אויף א מאַן אן אלטען אדער שוואכען, וועלען זיי איהם, קען מען זאָגען, אין קבר פערטרייבען! אזוי, מאקסימאוונא?

— געוויס! — האָט אונגאטירליך־קריכעריש געענטפערט די אלטע — נו, וועגען אייך קען מען דאָס, וואסילי סטעפאנאָוויטש, ניט זאָגען... איהר וועט ניכער יעדע איינע אויסמאַטערען!

דער קרעמער האָט הויך געלאַכט און לאנג געקוקט אויף אָלענ־

קא'ן געהיימניספול און אין דער זעלבער צייט מיט האלב־פערמאכ־טע ליידענשאפטליכע אויגעלעך.

— יא! איך מעג דאס זאגען, ניט בעריהמענדיג זיך, מיין ווייב וועט זיך ניט האבען וואס צו קלאגען!

ער האט געלאכט, קוקענדיג אלץ גלייך אויף אלענקא'ן. ניט קענענדיג אויסהאלטען זיין קוק, האט דאס מיידעל אלץ מעהר ארונטערגעלאזט איהר בלייך פנים'על און געבויגען זיך, ווי א צו־בראכען ים־גרעזעל. און שרעקליך איז געווען צו הערען דעם פע־טען, טריאומפירענדען געלעכטער פון דער ווילדער חיה.

ווען דער קרעמער איז אוועקגעגאנגען און די אביסעל פער־שכור'טע מאקסימאוונא האט איהם בעגלייט ארויס, האט אלענקא פלוצלונג צואוויינט זיך. זי האט געוויינט לאנג, איינבויגענדיג דעם העל־האריגען קאפ צו די קניה, און די ווייכע אקסלען איהרע האבען געציטערט, און די האר, וואס האבען זיך צולאפען, האבען זיך בעוועגט אין דער לופטען, ווי לייכטער שנעע.

אין צימער האט נאך אלץ געשמעקט מיט הערינג, שטיוועל און שוויים. די לופט איז געווען א שווערע און די מיידעלשע פיגור האט אויסגעזעהן אזוי קליין, שוואך און ברעכיג.

9

ווען אלאדיעוו, אומקעהרענדיג זיך אהיים, האט זיך געזעצט ש־ייבען און האט זיך שטארק פערטהאן אין זיין ארבייט, אנרוי־כערענדיג א פולען צימער מיט טאבאק־רויך, איז צו איהם צו־געקומען אלענקא.

זי איז אריינגעגאנגען שטיל און דערשראקען. ווי שטענדיג, האט זי שוואך געדריקט אלאדיעוו'ס גרויסע האנד און זיך גע־זעצט ביים טיש, אזוי אז איהר פנים איז געבליבען אין שאטען און נור די בלייכע הענד זיינען געווען בעלויכטען פונ'ם לאמפ.

— נו, וואס וועט איהר זאגען גוטס, אלגא איוואנאוונא? — האט מיט א שעהמעוודיגקייט און צערטליכקייט אין די אויגען און אין דער שטימע געפרעגט אלאדיעוו.

אלענקא האט געשוויגען. איהר פנים איז געווען אויף דער שאטען־זייט, און נור די גרויסע אויגען האבען געשיינט אין דער האלב־פינסטערניש. אין איהר איז געווען עפעס צובראכענעס, און

עהנליך איז זי געווען צו א שטיל, גוט בלימעל, א צובראָכענע פונ'ם ווינד.

— איהר האָט דורכגעלעזען די ביכער מיינע? — האָט גע־פרעגט אַלאַדיעוו, — געפעלען אייך?

— געלעזען, — האָט טויט־שטיל געזאָגט אַלענקאַ און ווידער אַנטשוויגען געוואָרען, מאַכטלאָז אַראָבלאָזענדיג די הענד אויף די קניה.

— נו, איז גוט! — האָט מיט זיין גוטמוטיגען באַס געמאַכט אַלאַדיעוו. — איך האָב נאָך איין גוט ביכעל צוגעגרייט... די העל־דין פון יענער ערצעהלונג איז עהנליך צו אייך, אַזאַ שטילע און ליעבע, ווי איהר, און איז אין מאָנאַסטיר אוועקגעגאַנגען, ווי איהר חלומט...

אַלענקאַ איז פּערציטערט געוואָרען און האָט צוזאַמענגעדריקט די אַקסלען, גלייך ווי איהר איז געוואָרען זעהר קאַלט.

— איך וועל אין מאָנאַסטיר ניט געהן... — האָט קוים צו הערען געזאָגט זי, און די ליפּען איהרע זיינען פּערציטערט געוואָ־רען אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו אַלאַדיעוו האָט דאָס בעמערקט.

— נו, גאָט זיי דאַנק! — האָט שפּאַסענדיג געזאָגט אַלאַ־דיעוו, זיך איינקוקענדיג שטאַרק אין דעם מיידעל'ס געזיכט. — וואָס הערט זיך אַזוי?

אַלענקאַ איז געוואָרען פערטרויערט און צוטומעלט. און ניט קוקענדיג וואָס זי איז געווען אין שאַטען, האָט מען געקענט זעהן, ווי איהרע באַקען, אויערען און האַלז האָבען זיך אַנגעצונדען מיט עפּעס א פייער.

— איך געה חתונה האָבען... — האָט זי געענטפערט אַזוי, אַז מען האָט שוין כמעט קיין איין וואָרט ניט געקענט הערען.

— חתונה האָבען, הער נאָר א געשיכטע — מיט וועמען? — האָט אויסגעשריען אַלאַדיעוו און זיך א וואַקעל געטהאָן אָן א זייט. אויף זיין געזיכט איז דורכגעלאָפען א ציטער.

— מיט וואַסילי סטעפּאַנאָוויטש'ען... דער, וואָס האָט די קראָם ביי אונז אין הויז... — האָט גערעדט אָהן א קול אַלענקאַ.

— מיט איהם, מיט דעם דאָזיגען! — האָט פערוואונדערט איבערגעפרעגט אַלאַדיעוו און א גרימאַסע פון רחמנות און עקעל

האָט זיך דורכגעטראָגען איבער זיין פּנים. ער האָט זיך אָבער באַלד א כאַפּ געטהאָן און אָנגעשטרענגט צערטליך געזאָגט:

— נו, מילא... דאָס איז אויך גוט... איך ווינש אייך גליק...

אַלענקא האָט געשוויגען. זי האָט שטיל בעוועגט א פינגער און געקוקט אויפ'ן דיל. די פאַרב איז שוין אָבגעקראָכען פון איה־רע באַקען און איהר געזיכט איז געוואָרען ווידער ווייס, ווי דאָס געזיכט פון א בלייכער נאָנע. דאָס מיידעל האָט וועגען עפּעס געטראַכט, אָבער אַלאַדיעוו האָט טריוועריג געקוקט אויף איהר און האָט זיך פאַרגעשטעלטביידע צוזאַמען — דעם פעטען, חיה'שען קרעמער און די דינענקע, ברעכיגע פרויען־פיגור. א שווער גע־פיהל — א געמיש פון אייפערזוכט, רחמנות און עקעל — האָט זיך געריהרט ביי איהם אין הארצען.

פּלוצלונג האָט זיך אַלענקא א חאַפּ געטהאָן. זי האָט, ווייזט אויס, געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר זי האָט ניט געקענט. איהרע ליפּען האָבען געציטערט, די ברוסט האָט געאָטעמט שווער און א טויטליכע בלייכקייט האָט זיך אַלץ מעהר צוגאָסען איבער'ן איינ־געבויגענעם געזיכט, און אַן אונפערשטענדליכע אויפרעגונג האָט ארומגעכאַפּט אַלאַדיעוו'ן. ער האָט פּלוצלונג דערפיהלט, אַז עס דערנעהענטערט זיך א גרויסע, אונפערשטענדליכע פאַר איהם מינוט, וואָס האָט אָנגעפילט זיין נשמה מיט שרעק, שטאָלץ, פרייד און בושה.

— וואָס ווילט איהר זאָגען? — האָט ער געפרעגט מיט א פערציטערטער שטימע.

אַלענקא האָט געשוויגען און מען האָט געפיהלט אַז זי רייסט זיך ערגעץ, אָבער האָט ניט קיין מוט. אויף א מינוט האָט זי אויפגעהויבען די אויגען און אַלאַדיעוו האָט דערזעהן גרויסע, פער־טרויערטע, עפּעס פרעגענדיגע אויגען, וואָס האָבען זיך געבעטען רחמים, שטיל געמאָנט. זיי האָבען זיך שווייגענדיג אנגעקוקט איינער דעם אנדערן און אין'ם מיידעל'ס אויסדרוק פון געזיכט איז געווען עפּעס שרעקליכעס.

אָבער אַלאַדיעוו איז געשטאַנען א צוטומעלטער, א דערשראָ־קענער, מיט אונפערטרויען צו זיך.

אַלענקא'ס ליפּען האָבען נאָך שטאַרקער אויפגעציטערט, — אַזוי ווי זי וואָלט אין טרויער אויסברעכען זיך די דינע, ביינִיגע

הענד. אָבער אָנשטאָט דעם האָט זי זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען.

— וואוהין געהט איהר? זיצט, — האָט צוטומעלט געזאָגט אַלאַדיעוו, ניט־ווילענדיג אויפשטעהענדיג.

אָלענקא איז געשטאַנען אַנטקעגען איהם און ווידער געשוויגען, שטיל און כמעט אונבעמערקבאַר ברעכענדיג די פינגער פון די אַראָבגעלאָזטע הענד.

— זיצט אַביסעל... — האָט איבערגע'חזר'ט אַלאַדיעוו, פּיה־לענדיג, אַז ער רעדט ניט דאָס, וואָס מען דאַרף און פערלירענדיג זיך אַלץ מעהר.

— ניין... איך וועל געהן... — האָט קוים הערבאַר געענטפערט אָלענקא — אַדיע...

אלאַדיעוו האָט הילפלאָז צושפּרייט די הענד.

— ס'אַרא מאָדנע איהר זייט היינט! — האָט ער געזאָגט אין אויפרעגונג.

אָלענקא האָט נאָך געוואַרט. זי האָט זיך שטיל געריהרט. עפּעס א שרעקליכע מלחמה האָט פּייניגענדיג געבראָכען און גע־בויגען איהר דינענדיגען, שוואַכען פרויען־קערפּער. נאָך א מאָל האָט זי אויפגעהויבען אויף אַלאַדיעוו'ן איהרע גרויסע, אימגאַנצען פערגליווערטע אויגען און, פּלוצלינג אויסדרעהענדיג זיך, איז זי אוועק צו דער טהיר.

— און ביכער... איהר וועט ניט נעהמען? — האָט מעכאַניש געפרעגט אַלאַדיעוו.

אָלענקא איז געבליבען שטעהן.

—מען דאַרף ניט... מעהר — האָט זי אַרויסגערעדט מיט ליי־פּען, וואָס האָבען זיך קוים בעוועגט און האָט געעפענט די טהיר.

צוקומענדיג צו דער טהיר, איז זי געבליבען שטעהן און האָט לאַנג געטראַכט, אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ. זי האָט, ווייזט אויס, געוויינט. יעדענפאַלס האָט אַלאַדיעוו גוט געזעהן, ווי איהרע אַקסלען ציטערען אויף. אָבער איהם איז גאָר ניט איינגעפאַלען, וואָס צו זאָגען און ער האָט געשוויגען.

און אלאַדיעוו האָט פערשטאַנען, אַז זי איז אוועקגעגאַנגען אויף אייביג, און האָט דאָך געקענט בלייבען מיט איהם, אינגאַנצען אויף אייביג. א שווער אויפגערעגטער איז ער געשטאַנען אין צימער און א אונפערשטענדליכער טרויער האָט געפרעסן זיין האַרץ. ער

האָט געזעהן איצט, פערשטאַנען איצט, אַז דאָס מיידעל איז גע־קומען צו איהם מיט איהר גרויסען, אונענדליכען טרויער, זי האָט געוואָרט, ער זאָל איהר רעטען און ביסלעכווייז, ווי אין נעבעל, האָט ער אָנגעהויבען צו פערשטעהן, וואָס פאַר א וואָרט ער האָט געדאַרפט איהר זאָגען.

עמיצער האָט שאַרף געקלאַפּט אין טהיר.

— אַריין! — האָט פריידיג אויסגערופען אַלאַדיעוו, רעכע־נענדיג, אַז אַלענקא איז צוריק געקומען.

די טהיר האָט זיך געעפענט און שעווירעוו איז אַריינגעקומען.

אַלאַדיעוו האָט ניט באַלד איהם דערקענט.

— איך האָב געוואָלט מיט אייך רעדען וועגען אַן ענין! — האָט קאַלט און כמעט אָפיציעל געזאָגט שעווירעוו.

— א, דאָס זייט איהר!... ביטע! — האָט גוטמוטיג געענט־פערט אַלאַדיעוו. — זעצט זיך.

— אויף איין מינוט... א פּאָר ווערטער... — האָט געזאָגט שעווירעוו, זעצענדיג זיך ביים טיש, אויף יענעם אָרט, אויף וועל־כען נור וואָס איז געזעסען אַלענקא.

— איהר ווילט רויכערען?

—ניין, איך רויכער ניט. הערט, איהר האָט געגעבען געלד מאַקסימאָוונאַ'ן פאַר'ן לעהרער? — האָט שעווירעוו געפרעגט שנעל, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אָנגעפרעגט וועגען א וויכטיגען, אַל־געמיינעם און דערצו איילינען ענין.

אַלאַדיעוו איז צוזומעלט און רויט געוואָרען.

— יא... דאָס הייסט, דערווייל... זאָלען זיי זיך דערווייל אויסקירעווען.

שעווירעוו האָט געשוויגען אביסעל, קוקענדיג מיט פאַרשעג־דיגע, אָבער קאַלטע אויגען.

— רעכענט איהר צו העלפען אַלע אָרימע און הונגעריגע... איינער אליין? — פרעגט ער.

— ניין, — האָט פערוואונדערט געענטפערט אַלאַדיעוו — איך האָב וועגען דעם ניט געטראַכט... און געגעבען האָב איך אַזוי זיך, ווייל אַזוי האָט זיך געמאַכט.

— יא, אַזוי... און ווער וועט העלפען יענע, וואָס האָבען ניט אַזעלכע גוטע שכנים, ווי איהר?... און אַזעלכע איז פאַראַן גענוג!

— האָט געזאָגט שעווירעוו מיט א אונפערשטענדליכער בייזקייט.

— נו, וועגען דעם דאַרף מען ניט טראַכטען, — האָט גע־דריקט די אַקסלען אַלאַדיעוו, — מען דאַרף העלפען יענע מענשען, וועלכע דו קענסט העלפען, און ווייטער ניט טראַכט!

— גוט. ווייסט איהר, צו וואָס די דאָזיגע מיידעל איז צו אייך געקומען? — האָט שטרענג גערעדט שעווירעוו, קוקענדיג גלייך אויף אַלאַדיעוו'ן מיט דורכדרינגענדע, קאַלטע אויגען.

אַלאַדיעוו איז ווידער רויט געוואָרען. די גאַנצע געשיכטע האָט איהם אָנגעהויבען אויפצורעגען. א מאָדנער טאָן! מאָדנע פראגען!

— איך ווייס ניט, — האָט ער אונענטשלאָסען געענטפערט.

— זי איז געקומען צו אייך דערפאַר, וואָס זי האָט אייך ליעב... ווייל זי האָט א ריינע, זעלטענע, דורכזיכטיגע נשמה, וועל־כע איהר אליין האָט אויפגעוועקט... איצט, ווען זי קומט אום, איז זי געקומען צו אייך זוכען יענעם אמת, וועלכען איהר האָט איהר אויסגעלערענט הויך צו האַלטען... וואָס האָט איהר געקענט איהר זאָגען? גאָרנישט... איהר, דער בעל־חלומות, דער אידעאַליסט, פערשטעהט איהר, ווי אונמענשליך איהר זייט געוועזען? האָט איהר ניט מורא, אז ליגענדיג אין בעט א צודריקטע פון דער עקעלהאפ־טער, גרויזאמער, זעלענלאָזער חיה, וועט זי פערשעלטען אייך אַלע, יענע אלע, וואָס האָבען איהר גענאַרט מיט שעהנע חלומות וועגען א שעהנעם מענשליכען לעבען? דאָס איז דאָך — שרעק־ליך!

דאָס לעצטע וואָרט האָט שעווירעוו ארויסגערעדט אזוי גע־היימניספול און פערביטערט, מיט אזא אונפערשטענדליכער קראַפט, אז אַלאַדיעוו האָט דערפיהלט, ווי א אייזיגע קעלט לויפט איהם דורך איבער'ן רוקען.

— עס איז שרעקליך צו וועקען מתים, כדי זיי זאָלען זעהן, אז זיי זיינען צופאַלען און קענען קיין האָפנונג ניט האָבען... עס איז שרעקליך, וואָס מענשען פערויידלען, פערשענערען די מענש־ליכע נשמה, כדי די ליידען זאָלען זיין דינער, די פיין — שאַרפער...

— האָט שעווירעוו גערעדט כלומרשט קאַלטבלוטיג, אָבער מיט א שרעקליכען וועהטאָג.

— איהר האָט א טעות — האָט א פערלאָרענער געמורמעלט

אלאדיעוו, ענטפערענדיג איהם אייגענטליך אויף די ווערטער „זי האט אייך ליעב“.

— ניין... איך ווייס... איך בין א גאנצען טאג געזעסען ביי זיך אין פינסטערען צימער... דארט הערט מען אלץ... איך ווייס...

אלאדיעוו האט געשוויגען א פערטראכטער.

שעווירעוו איז אויפגעשטאנען.

— איהר חלומט אלץ וועגען דעם צוקונפטיגען גליק פון מענשען... ווייסט איהר, שטעלט איהר זיך קלאר פאר, וואס פאר א שרעקליכע טייכען בלוט פיהרען צו די אינזלען פון דער דאזיגער צוקונפט?... איהר נארט מענשען... איהר צווינגט זיי צו חלומ'ען וועגען דעם, וואס זיי וועלען קיין מאל ניט זעהן... איהר צווינגט זיי צו לעבען אין אומגליק און ווערען אויפגעפרעסען פון מיאוסע חזירים, וואס האבען א ווילדע הנאה דוקא דערפון, וואס זייער אפפער איז אזוי שעהן, ראפינירט, צארט און פיהלט אזוי שארף איהרע ליידען!... ווייסט איהר, וויפיעל אומגליקליכע מענשען, וועלכע איהר האט אבגענארט,ווארטען אויף עפעס אנשטאט צו טהון, וויינען אנשטאט צו אומקומען אדער אומברענגען, יאמערען צו גאט, ווייל זיי ווייסען ניט פון קיין אנדערען ריכטער און אן אנדערער גערעכטיגקייט...

שעווירעוו'ס שטימע איז געוואקסען מיט א אונבויגזאמער מעטאלישער קראפט. אויפגעשטאנען איז אויך אלאדיעוו, ניט בעמערקענדיג דאס אליין. איהם האט זיך געדוכט, אז ער איז אדער אין קאשמאר, אדער יענער, וואס רעדט צו איהם, איז משוגע.

דאס מאדנע העל בלאנדע געזיכט מיט קאלטע אויגען האט איהם געשראקען.

— פערשטעהט איהר דען ניט, אז אלע אייערע חלומות וועגען דעם צוקונפטיגען גליק, אפילו ווען עס וועט קומען, וועלען ניט קענען אויסטריקענען די אונענדליכע טרעהרען־וואסערען, וואס פליסען פון די צובראכענע הערצער פון אלע גוטע, ליעבע מיידלעך, פון אלע הונגעריגע, בעליידיגטע, ערנידריגטע... און וועלען ניט אויסמעקען פון'ם מענשען'ס געדעכטניש די אהנמעכטיגע שנאה צו יענע, וואס צוטרעטען איצט מיט זייער זאטען בויך, אהן שטראף און שרעק, געשיצטע פון זייערע ביקסען און אייערע שעהנע, הומאנע דרשות, אלעם גוטע און עדעלע און גרויסע, וואס איז געווען

אמאָל, איז און וועט זיין אויף דער וועלט... און ניט פערשטעהן וועלען זיי, פאַרוואס איהר האָט געשוויגען, ניט געֿמשפּט, ניט אָנגענומען זיך פאַר זיי!

— וואָס ווילט איהר זאָגען? — האָט אַלאַדיעוו אויסגעמורמעלט.

שעווירעוו האָט געשוויגען.

—קומט מיט מיר, — האָט ער געזאָגט און איז ארויסגעגאַנגען פון צימער.

אַלאַדיעוו איז נאָכגעגאַנגען, ווי איינער, וואָס ווערט געצויגען פון א אונפערשטענדליכער קראַפט.

די גאַנצע קווארטיר איז שוין געשלאָפען. שטיל און פינסטער איז געווען אין קאָרידאָר און שווער האָט זיך געאָטעמט אין'ם פערשטיקטען קראַנקען רויך. שעווירעוו האָט געעפענט די טהיר פון זיין צימער און מיט א מאַך פון האנד האָט ער איהם אריינגערופען. מיט א געפיהל, וואָס איז ענליך צו שרעק, האָט אַלאַדיעוו א טראָט געטהון אין דער פינסטערניש.

— הערט! — האָט שטיל, אָבער מיט אויטאָריטעט געזאָגט שעווירעוו.

אַלאַדיעוו האָט זיך צוגעהערט. אין אָנהויב האָט ער גאָרניט געהערט, אויסער דעם קלאַפּען פון זיין אייגען הארץ. אין דער פינסטערניש האָט מען גאָר ניט געקענט זעהן, עס האָט זיך נור געדוכט, אז די אויגען פון'ם אונזיכטבארען שעווירעוו פינקלען אויך אין דער פינסטערניש. און פּלוצלינג האָט אַלאַדיעוו דערהערט א שטילען, מאָדנעם קלאַנג.

עמיץ האָט געוויינט. א שטילער, איינגעהאַלטענער, האָפנונגסלאָז־טרויעריגער יאָמער האָט זיך איינגעשניטען אין דער שטילקייט מיט זיין דינינקען שאַרף. אין איהם איז געווען עפּעס אונערטרעגליך־טרויעריגעס: א שווערע פּיין, א האָפנונגסלאָזער געבעט, א אונמעכטיגע, דעמוטיגע טענה.

„דאָס וויינט אַלענקא!" האָט זיך אָנגעשטויסען אַלאַדיעוו און ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אז דאָס וויינט ניט איין שטימע, נור צוויי. עס איז געוואָרען שרעקליך. די פינסטערניש האָט געדריקט דאָס הארץ, — אין די אויערען האָבען זיך געהערט די טרויער־קלאַנגען און געדוכט האָט זיך, אז דאָס זיינען שוין

ניט צוויי שטימען, נור דריי... צעהנדליגער, טויזענדער שטימען, די גאנצע פינסטערניש האָט זיך צוואויינט.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער מיט שרעק געפרעגט.

אָבער שעווירעוו האָט ניט געענטפערט. ער האָט פּלוצלינג נעכאפּט אלאדיעוו'ן פאר דער האנד.

— קומט... — האָט ער רויה געזאָגט און איז ארויסגעגאנ־גען אין קאָרידאָר.

אין'ם העל־בעלייכטעטען צימער, וואָס האָט אויסגעזעהן אונ־נעוועהנליך, מיסטעריעז־העל און איינפאך נאָך דער פינסטערניש און דעם דאָזיגען שרעקליכען, אונפערשטענדליכען יאָמער, האָט שעווירעוו, קוקענדיג אלאדיעוו'ן גלייך אין די אויגען, פּלוצלינג גע־פרעגט איהם.

— איהר האָט געהערט? איך קען דאָס ניט הערען! וואָס וועט איהר געבען די דאָזיגע מענשען אנשטאט יענער גאָלדענער צוקונפט, וועלכע מען זאָגט צו זייערע קינדער? איהר... די נביאים פון דער קומענדער מענשהייט... פערשאָלטען זאָל זי ווערען!

אלאדיעוו איז געוואָרען פערוואונדערט און צובעס'ט.

— ערלויבט... און איהר?... וואָס וועט איהר געבען זיי, וואָס איהר פרעגט מיך? — האָט ער אויסגערופען, אויפגערעגט אנשטרענגענדיג זיינע גרויסע ארבייטער־הענד.

— איך? — האָט מיט א מאָדנעם און אביסעל שפּאָטישען אויסדרוק איבערגעפרעגט שעווירעוו.

— נו, יאָ, איהר... וואָס שטעלט מיר אזעלכע אונפערשטענד־ליכע פראגען... וואס פאר א רעכט האָט איהר צו רעדען אין אזא טאָן?

— איך — גאָרנישט. אפשר וועל איך נור דערמאָהנען אנ־דערע וועגען דעם, וואָס זיי האָבען פערגעסען... איבריגענס... וויים איך ניט...

— וואָס? וואָס רעדט איהר? — האָט מיט א פּלוצלינגען שרעק געפרעגט אלאדיעוו.

שעווירעוו האָט שווייגענדיג געקוקט אויף איהם. דערנאָך האָט ער ווידער געשמייכעלט, אזוי ווי וואונדערענדיג זיך, וואס מען שטעלט איהם אזעלכע נאאיווע פראגען, און איז לאנגזאם געגאנגען צו דער טהיר צו.

— וואוהין געהט איהר? וואַרט! — האָט א געשריי געטהון אלאדיעוו.

שעווירעוו האָט זיך אומגעדרעהט, פריינדליך געגריסט זיך און איז ארויסגעגאנגען.

— אָבער... איהר... איהר זייט א משוגע'נער! — האָט אין בלינדען כעס געשריען אלאדיעוו.

איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אז שעווירעוו האָט זיך צולאכט. אָבער די טהיר האָט זיך פערמאכט.

א צייט איז אלאדיעוו געשטאנען א צוטומעלטער אין מיטען צימער. דער קאָפּ האָט איהם געטהון וועה, אין די שלייפען האָט איהם געקלאפּט און זיין הארץ האָט געשלאָגען, ווי ביי א קראנקען, אונרעגעלמעסיג און פערדעכטיג־שנעל. ער האָט מעכאניש א וואָרף געטהון א בליק אויף זיין ארבייטס־צימער, זיין טיש, וואָס איז געווען פערוואָרפען מיט פאפּירען און ביכער, די פּאָרטרעטען אויף דער וואנד, און א פּלוצלינגע קאָנוואולסיאָן פון קרענקליכען, אונפערשטענדליכען עקעל האָט ארומגענומען זיין גאנצען לייב. אונערטרעגליך־עקעלהאפט איז איהם געוואָרען יעדער געדאנק, יעדע ארבייט, אפילו דער מאָרגענדיגער טאָג. עס האָט זיך איהם געוואָלט מיט זיינע גרויסע הענד ארומכאפּען די גאנצע וועלט און צוטרייסלען זי אזוי, אז די אלע הייזער, מענשען, געדאנקען און ארביימען זאָלען צושטויבט און צוזעהט און פערשוואונדען ווערען.

— אפשר וואָלט דאָס ווירקליך געווען בעסער פון אלעמען!...

ער איז צוגעגאנגען צום בעט, האָט זיך געוואָרפען מיט'ן פּנים אין קישען און איז פערגליווערט געוואָרען.

אין דער פינסטערניש, וועלכע האָט ארומגערינגעלט זיינע פערמאכטע אויגען, איז שטיל אויפגעשטאנען און פערבייגעשוואוימען עפּעס א ליכטיגע געשטאלט מיט גרויסע אויגען, וואָס האָבען עפּעס געפרעגט, נאָך עפּעס בענקענדיג געוויינט. און געדוכט האָט זיך, אז צוגעגאנגען איז עפּעס א שווארצער, א גרויסער, האָט זיך היה'יש צולאכט, א בלאָז געטהון און פערלאָשען דעם העלען, פריידיגען חלום פון זיין לעבען.

10.

עס איז געווען נאכט, און די גאנצע קווארטיר איז שוין געשלאָפען. פון דרויסען האָט זיך ניט דערטראָגען אהער קיין שום

קלאנג, און נור אין קארידאר, וואו די אלטיטשקע זיינען געשלאפען, האט עפעס שטיל צוגעסקריפעט. ס'האט זיך אדער געשארט א מויז, אדער עמיצער האט צוגעכראפעט. אלעס איז געוועז טויט און פערגליווערט אין טויבער אונבעוועגליכקייט. די פארמלאזע פינסטערניש איז שוויינענדיג ארומגעגאנגען איבער די צימערען און האט אריינגעקוקט אין די שלאפענדיגע געזיכטער. אין שעווירעוו'ס צימער איז פון'ם אפענעם פענסטער געגאנגען א אונקלארע בלאהקייט און ווי א אונבעשטימטער פלעק האט זיך אבגעשיינט אין זיין פינסטערער קאפ, וואס איז געלעגען אויפ'ן קישען, מיט'ן געזיכט ארויף, גלייך ווי אהן יעדען לעבען.

פלוצלינג האט שעווירעוו אויפגעציטערט און אויפגעעפענט די אויגען.

עמיצער איז געשטאנען נעבען איהם. ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ.

צופוסענס פון בעט, פערדעקענדיג דאס געזיכט מיט דעם העמד, איז געשטאנען א פרויען־פיגור, וועלכע איז געווען קוים צו זעהן אין דער האלב־פינסטערניש. עפעס געשפענסטערהאפטעס און געהיימניספולעס איז געווען אין איהר דינעם, ציטערדיגען סילועט; און נאך איידער זיין גערעכטניש האט איהם אונטערגעזאגט, ווער די האלב־פערגעסענע טהייערע געשטאלט איז, האט שעווירעוו דערקענט זי. עפעס א אינערער געפיהל, פון וועלכען זיין פערשטאנד איז אויפגערודערט און זיין הארץ — צוזאמענגעדריקט געווארען, האט איהם געזאגט, אז דאס איז די פרוי, וועלכע ער האט אמאל אזוי שטארק ליעב געהאט און וועלכע איז אוועקגעגאנגען אהין, אין דער אייביגקייט אריין, פון וועלכער קיינער קומט ניט צוריק.

— ליזא! — האט פול פרייד און שרעק אויסגעשריען שעווירעוו, פיהלענדיג, ווי זיין הארץ ווערט אויפגעציטערט.

זי איז זיך געשטאנען, פערדעקענדיג דאס געזיכט מיט די הענד און עפעס ווי שטיל בעוועגענדיג זיך אין דער פינסטערניש, וועלכע האט זיך געהויבען און אראבגעלאזט.

— ליזא!... פון וואנען קומסטו?... וואס איז מיט דיר?...
— האט נאך מיט מעהר שרעק געשריען שעווירעוו.

איהם האט זיך געדוכט, אז א געשריי איז דורכגעפלויגען איבער דער גאנצער קווארטיר, אבער ווי פריהער איז אלץ געווען

שטיל און רוהיג און נור פון'ם קאָרידאָר האָט זיך געהערט א שוואַך, מאָנאָטאָן גערויש.

און פּלוצלינג האָט שעוירעוו פערשטאַנען: זי איז געקומען דערפאַר, וואָס זי ווייס אַלץ, און פול פון אונמענשליכער ליעבע, פון יענער ליעבע, וואָס איז שטאַרקער פון טויט, האָט זי בעוויינט איהם אין דער דאָזיגער לעצטער נאַכט פון לעבען.

— ליזא, ניט וויין! — האָט אין שרעקליכער פּיין אויס־גערעדט שעוירעוו, פּיהלענדיג, אז ווערטער זיינען מאַכטלאָז, און זי וועט ניט ענטפערען און קען ניט ענטפערען, ווייל זי איז טויט.

— איך האָב אַזוי בעשלאָסען, דאָס איז דער חלום פון מיין גאַנצען לעבען, זייט דו ביסט געשטאָרבען... איך געה מיט פרייד און בע־וואוסטזיניג, ווייל דאָס איז דער איינציגער אויסוועג פון מיין פיינדשאַפט, וועלכע דריקט מיך!... נו, יאָ... איך צורייס מיט אַלעמען, וואָס מענשען האַלטען פאַר געטליך און מענשליך... אָבער איך גלויב אין מיין אמת, אַזוי ווי דו האָסט געגלויבט אין יענער נאַכט, פאַר וועלכער דו האָסט געליטען אַזוי פיעל און אומגעקומען... דאָס זיינען ניט קיין טרוימען, ניט טעאָריען, דאָס — בין איך אַליין... פערשטעה!

זיינע הענד האָבען זיך קאָנוואולסיוו געצויגען צו איהר און געבליבען הענגען אין לופטען. ער האָט געציטערט פון יאוש און פרייד. אָבער זי איז אָבגעטראָטען, ניט אראָבנעהמענדיג די הענד פון דעם אין טיעפען טרויער איינגעבויגענעם געזיכט. און פּלוצ־לינג האָט זי זיך א לאָז געטהאָן אין א זייט, איז פאַרבייגעגאַנגען זיין בעט שטיל, ווי א שאָטען, און איז אוועקגעגאַנגען אין ווינקעל פון צימער. אָבער ער האָט נאָך געהאַט די מעגליכקייט צו בע־מערקען איהר טונקעל קאַפּאָטעל, דאָס זעלבע, וועלכע זי האָט גע־טראָגען דאָס לעצטע מאָל, די דינע פיגור און האָר, פערקאַמטע אַזוי ליעב, ווי זי פלעגט עס תמיד טהון.

שעוירעוו איז שנעל אויפגעשפּרונגען מיט באָרוויסע פיס אויפ'ן קאַלטען דיל.

קיינער איז אין צימער ניט געווען און ניט געקענט זיין. דאָס פענסטער האָט שוואַך געבלאָזט און אין'ם ציטערדיגען, ווי שפּינ־וועבס, ליכט זיינעם האָבען קאַלט געקוקט די נאַקעטע וואַנד פון'ם צימער. שעוירעוו איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. א גרויסע וואַנד

האָט זיך געצויגען אנטקעגען. איבער איהר האָט געבלאָזט א בלייכער נאכטיגער הימעל און ווי שוואַרצע הענד, אין טרויער אָהן ווערטער, האָבען זיך געצויגען צום הימעל אייזערנע קוימענס.

„האַלוצינאַציאָן!" האָט א טראכט געטהאָן שעווירעוו, פיהלענדיג, ווי שטאַרק זיין הארץ ציטערט און עפּעס שטעהט אין האַלז.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר, אָנגעריהרט זי, גלייך ווי ער גלויבט ניט זיין פערשטאנד, און איז אוועקגעגאַנגען.

— איך בין קראַנק... אפשר פערליר איך דעם פערשטאנד?... מען דאַרף ראַנגלען זיך... איך ווער משוגע? איז דאָס מעגליך! און אַלע מיינע געדאַנקען זיינען א פּראָדוקט פון א קראַנקען מח?

און צולאַכענדיג זיך פלוצלינג קאַלט און שטאַלץ, איז שעווירעוו פעסט צוגעגאַנגען צום בעט און געלעגט זיך.

איהם האָט זיך געדוכט, אז ער האָט נאָך ניט פערמאַכט די אויגען און שוין ווידער האָט ער, ווי פריהער, געזעהן דאָס פענסטער, די נאַקעטע וואַנד און פינסטערע טהיר. און דערביי האָט איהם עמיצער איינגערעדט מאָנאָטאָן און קלאַנגלאָז:

— און דיין גאַנצע פיינדשאַפט, און דער דאָזיגער שרעקליכער, גאַנץ משוגענער פּלאַן איז ניט מעהר ווי אַן אויסדרוק פון דערזעלבער גרויסער, אַלץ־אויפאָפּפערענדער ליעבע, וועלכע דו פערוואַרפסט...

— ניט אמת! — האָט מיט א גרויסער אָנשטרענגונג געענטפערט שעווירעוו, אַזוי ווי א גרויסע שווערקייט האָט זיך געלעגט אויף דער ברוסט זיינער, — דאָס איז ניט ליעבע... איך וויל ניט קיין ליעבע...

אָבער עמיצער האָט ווייטער געצויגען עקשנות'דיג און איינטאָניג, מיט א שטימע, וואָס האָט זיך געהערט ווי פון שעווירעוו'ס שאַרבען:

— ניין, ס'איז אַזוי... דו האָסט ליעב מענשען מיט אַלע קרעפטען דיינע, דו האָסט ניט געקענט איבערטראָגען אַלע שלעכטיגקייטען, אונגערעכטיגקייטען און ליידען, און דיין הייליג געפיהל, וואָס האָט דיר געזאָגט, אז דו ביסט גערעכט אין דיינע שרעקליכע אָפּפער זיינען נויטיג, איז פערטונקעלט און קראַנק געוואָרען... דו האָסט פיינד מענשען, ווייל דו האָסט צו פיעל ליעבע אין דיין האַרצען! און דיין פיינדשאַפט איז נור דיין לעצטעס

אָפּפער... און וואָס איז גרעסער פון יענער ליעבע, וועלכע גיט אוועק די נשמה... ניט דאָס לעבען, נור די נשמה פון מענשענס וועגען! דו געדענקסט עס? געדענקסט?

די שטימע איז געוואָרען שטארקער און האָט שוין געטראָגען זיך ניט פון'ם שארבען, נור פון ערגעץ ניט ווייט. א פרעמדע און דאָך לעבעדיגע. עמיצער האָט ווירקליך גערעדט מיט איהם. און פּלוצלינג האָט שעווירעוו דערזעהן א מענשען צו פוסענס פון זיין בעט. איהם האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען א מאָגערער פּראָפיל, א איינגעבויגענער רוקען און א דארער, לאנגער האלז.

עפּעס האָט זיך ווידער גערוהרט אין שעווירעוו'ס מח. ער האָט ברייט געעפענט די אויגען און פּלוצלינג געזעצט זיך אויפ'ן בעט.

„ווידער!" האָט ער א טראכט געטהון מיט עפּעס א שרעקליכען און אונגעוועהנליכען פיזישען וועהטאָג.

— ווער איז דאָס?

די אונקלאָרע פיגור האָט זיך ניט גערוהרט... איין מינוט האָט זיך שעווירעוו'ן געדוכט, — און איהם איז געוואָרען אזוי גוט און לייכט אויפ'ן הארצען, — אז דאָס איז פּשוט א צופעליגער שאָטען און ער ליגט ניט אויפ'ן בעט, נור ערגעץ ווייטער, ביי דער טהיר. די פינסטערניש האָט גענאַרט: דאָס נאָהענטע איז געווען ווייט און דאָס ווייטע נאָהענט. עס האָט זיך געדוכט, אז אָט צוציהט זיך דאָס צימער, אָט רוקט זיך עס צונויף און דריקט מיט זיינע נאקעטע, שאטענהאפטע ווענד, די קאַלטע און בלינדע, ווי טויטע אין ווייסען, וואָס רינגעלען דיך אַרום פון אַלע זייטען. עס איז געווען שרעקליך, ווילד און שווער, ווי אין א קאָשמאַר. די פינסטערניש האָט געשוויגען און ווי צוגעהערט זיך, אויסבעהאַלטענדיג זיך פאר עמיצען.

שעווירעוו האָט געוואָלט אויפשטעהן און אָנצינדען פייער, אָבער נאָך איידער ער האָט זיך גערוהרט פון אָרט, האָט ער דערפיהלט, אז דאָס בעט־דעק איז שווער, אזוי ווי עפּעס א גרויסער קערפּער וואָלט זיך אָנגעלעגט אויף איהם. עמיצער איז ווירקליך געזעסען צופוסענס פון בעט. אין מח איז ווידער דורכגעלאָפען א געפיהל, אז ער איז פערריקט.

— אָבער ווער איז דאָ?... צו וואָס?... — האָט ער שטיל און מיט אַן אנשטרענגונג ארויסגערעדט.

יענער האָט געשוויגען.

— ווער האָט אייך אריינגעלאָזט אהער! — האָט נאָך שטי־לער א געשריי געטהון שעווירעוו, אזוי ווי ער וואָלט זיך אָבגע־רופען פון א קבר, א צודריקטער פון דער טויטער ערד, וואָס האָט זיך אָנגעלעגט אויף זיין ברוסט.

יענער האָט לאנגזאַם אויסגעדרעהט דעם קאָפּ און אין'ם שווארצען שיין פון'ם ליכט האָט שעווירעוו דערזעהן א מאָגערען, שווארצען געזיכט מיט שווארצע היילען אנשטאָט אויגען, וואָס מען האָט ניט געקענט זעהן אין דער פינסטערניש.

— וואָס הייסט ווער? — האָט מיט פערוואונדערונג און אבי־סעל מיט שפּאָט געענטפערט די שטימע, וואָס האָט געקלונגען ווי פון זייט. — איהר אליין!

— וואָס לייגט איהר! — האָט געשריען שעווירעוו, פיהלענ־דיג, ווי א אונמענשליכער שרעק קריכט פון אונטען ערגעץ צום קאָפּ ארויף. — איך לאָז קיינעם נישט צו זיך.

— ניין, איהר אליין... — האָט רוהיג און זיכער געענטפערט דער נאַכטגאַסט.

שעווירעוו האָט געשוויגען און האָט מיט גלענצענדע אויגען ווילד איינגעקוקט זיך אין א אונגעוועהנליכען שאָטען.

— וואָס, אייגענטליך, וואונדערט אייך אזוי? — האָט גע־ענטפערט דער גאַסט, שוין מיט א אונצווייפעלהאפטען שפּאָט.

„אָה, יאָ... דאָס איז ווידער א האַלוצינאַציאָן... מען דארף זיך נעהמען אין האנד!" — האָט פּלוצלינג דערמאָהנט זיך שעווירעוו און צושמייכעלט זיך.

און פּלוצלינג האָט זיך דער שרעק אויסגעלאָשען און דער־פיהלט האָט שעווירעוו א אונפערשטענדליכען עקעל און א כעס, וואָס איז געווען נאָהענט צו פיינדשאפט; אין דער דאָזיגער מאָד־נער פיגור, וואָס איז געזעסען רוהיג נעבען איהם, אזוי ווי זי וואָלט ווירקליך געלעבט ניט נור אין זיין קראנקען מח, האָט זיך געפיהלט עפּעס מיאוסעס, כמעט עקעלהאפטעס. שעווירעוו האָט פער־קוועטשט די צייהן פון שארפען עקעל און געזאָגט:

— נו, גוט... אייגענטליך איז דאָס אַלץ אַ נארישקייט!... וואָס דארפט איהר?

ער האָט געמיינט, אז דאָס געשפּענסט וועט ניט ענטפערען און האָט דערפון געהאט אַ בייזע הנאה, אָבער יענער האָט ארויס־גערעדט, אזוי ווי אָהן אַ שטימע, און דאָך אונגעוועהנליך קלאָר:

— נישקשה, מיר וועלען פאַרטזעצען אונזער שמועס. איהר דארפט ערקלעהרען, וואָס איהר מיינט.

— ענטשולדיגט, איך דארף גאָרניט, און קען יעדע מינוט בע־פרייען זיך פון אייך, — האָט גאוה'דיג געענטפערט שעווירעוו, בעמערקענדיג אין דערזעלבער צייט מיט פערוואונדערונג, שרעק און עקעל, אז ער רעדט מיט אַ געשפּענסט, גלייך ווי ער גלויבט ווירקליך אין זיין עקזיסטענץ. עפּעס אַ קראַפט האָט איהם געהאַל־טען אין איהרע הענד, ארייגלייגענדיג איהם ווערטער אין מויל געגען זיין ווילען און בעוואוסטזיין.

— אָבער וועמען, אייגענטליך, שטעלט איהר פאָר? — האָט לאַכענדיג, אזוי ווי מאַכענדיג שפּאַס פון זיך אליין, געפרעגט שע־ווירעוו.

— איהר דערקענט מיך ניט?

— אה, יאָ! — האָט אונערוואַרטער דערמאָהנט זיך שעווי־רעוו, דערקענענדיג דעם מאָגערען האַלז און שווארצען געזיכט. — איהר זייט יענער שלאָסער, מיט וועלכען איך האָב גערעדט אין טראַקטיר.

— געוונג מאַכען אָנשטעלען נאָך אין שלאָף, — האָט מיט פערדראָס געענטפערט דער גאַסט, — איך בין אזא שלאָסער, ווי איהר זייט שעווירעוו.... זאָגען אייך מיין נאָמען, העהר סטודענט טאָקארעוו?

— מען דארף ניט... כ'וויים... דערמאָהנט זיך... — האָט קוים־קוים ארויסגערעדט שעווירעוו.

ער האָט זיך אין אמת'ען ניט דערמאָהנט, ווער דאָס איז און ווי ער הייסט, און דאָך האָט ער זיך פּלוצלינג בערוהיגט, אזוי ווי ער וואָלט אנשטאַט דעם מענשען, וואָס איז געגאַנגען איהם אנט־קעגען אין דער פינסטערניש, דערזעהן אַ פּשוט'ן שפּיגעל מיט זיין אייגענער געשטאַלט אין איהם.

דער שרעק איז אינגאנצען פערגאנגען, און שעווירעוו האָט

נור געפיהלט א ליעבליכע מידקייט און א גרויסען פערלאנג ארָאב־
ווארפען עפּעס א לאסט, וואָס האָט עקעלהאפט געדריקט די פּיס.

— איך האָב געוואָלט מיט אייך רעדען דאָס לעצטע מאָל...
און אפשר וועט דאָס שוין ניט העלפען... בעטראכט זיך... פערד־
שטעהט, ווי שרעקליך איז דאָס, וואָס איהר ווילט טהון... דאָס איז
א משוגע'נע גרויזאמקייט, וועלכע האָט ניט קיין בערעכטיגונג און
קיין זין... איהר האָט א גרויסען טעות, מיינענדיג, אז פיינדשאפט
קען דינען, זיין א ווערקצייג אין דער האנד פון ליעבע... טאָקארעוו!

שעווירעוו האָט זיך פערקרימט צולאכט.

— איהר רעדט אלץ וועגען דעמזעלבען! איך טראכט ניט
וועגען ליעבע... איך וויל ניט הערען פון איהר... איך וויים נור
פון פיינדשאפט! פארוואָס זאָל איך ליעב האָבען אייערע מענ־
שען? דערפאר, וואָס זיי פרעסען איינער דעם אנדערען, ווי
חזירים אָדער דערפאר, וואָס זיי זיינען אזוי אומגליקליך, נעבעכדיג,
שוואך, נאריש, אז זיי האָבען ערלויבט די עטליכע שטארקערע,
שלעכטערע, גרויזאמערע מענשען פערטרייבען די מיליאָנען אונטער
א טיש, ארום וועלכען יענע זיצען טיאומפירענדיגע און גליקליכע.
איך וויל ניט ליעב האָבען זיי. איך האָב נור פיינד יענע, וואָס
האָבען דאָס גאנצע לעבען אונטערדריקט מיך, געטויט מיינע לע־
בענס־פריידען און צוגענומען אלעס, וואָס איך האָב טהייער גע־
האלטען. איך נעהם נקמה פאר זיך אליין! פערשטעהט עס איין
מאָל פאר אלע מאָל! איך וואָלט נקמה גענומען פון אייערע אומ־
גליקליכע און גליקליכע, וואָס האָבען יעדער פון זיין זייט פערדאָר־
בען דאָס לעבען, ווען די דאָזיגע אומגליקליכע וואָלטען ניט געווען
אזוי נישטיג און ניט געהאלטען אליין פון דער שווערער לאסט.
איך האָב מיט מיין פיינדשאפט געוועגדעט זיך אנטקעגען יענע,
וואָס האלטען זיך פאר בעלי־הבתים פון לעבען... איך קען ניט לע־
בען, אָבער, געהענדיג אוועק פון דער וועלט, וויל איך זיי דער־
מאָהנען, אז זיי לעבען אין א גרויסען טעות — די הארען פון לע־
בען. זיי זיינען אויך א שפּיעלצייג אין די הענד פון יעדען איינעם,
וועלכער האָט מוט און פערשטאנד צו בעפרייען זיך פון זייער היפּ־
נאָז... און איהר האָט אויסגעטראכט די ליעבע, וועלכע איז געוואָ־
רען א צאַם פאר יענע, וועלכע וואָלטען סיי־ווי־סיי ניט געטהון
קיין בייז... איך וועל אייך בעווייזען, אז עס איז דאָ א קראפט,

וואָס איז שטאַרקער פון ליעבע... די לעצטע, טויטליכע, אונרחמנות'־דיגע נקמה... גוט...

— אָבער וואָס וועט איהר איינער אויספיהרען ? — האָט גע־פרעגט דער גאַסט אביסעל אונזיכער.

שעווירעוו האָט זיך שאַרף צולאַכט.

— ערשטענס, וויל איך גאָרנישט טהון, אויסער דעם, וואָס איך קען טהון אליין, מיט אייגענע קרעפטען און צווייטענס, מיינט איהר, איך וועל זיין דער איין־און־איינציגער ?... מיר וועלען זעהן... יאָ, מיר וועלען זעהן !...

שעווירעוו האָט עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט דאָס וואָרט מיט איבערצייגונג און שרעק. זיין געזיכט האָט זיך אָנגעצונדען מיט א בייזער פרייד, און די אויגען האָבען געקוקט אין דער פינסטער־ניש, אָנגעשטרענגט און שאַרף, אזוי ווי ער וואָלט דאָרט געזעהן אזעלכע מענשען, ווי ער, וואָס האָבען בעפרייט זיך פון אַלעם מענשליכען, און געהען אונבויגזאם אין זיינע טריט.

— גאָט מיינער ! אין וואָס פאר א אָבגרונדען האָט געדאַרפט אריינקוקען אייער זעעלע די דאָזיגע זיבען יאָהר, זינט איהר, דער גלויביגער און מונטערער יונגערמאַן, זייט אוועקגעגאַנגען אין די פאבריקען מיט'ן הויכען גלויבען אין דעם הייליגען אמת פון ליעבע ! ווי אזוי האָט איהר געקענט פערבלאָנדזשען אין אזא פינסטערניש ? איהר זייט פשוט אָבגעלאָזט, דערשלאָגען, פערמאַטערט !...

— לאָזט עס אָב ! — האָט א אונצופריעדענער געענטפערט שעווירעוו, — בעסער זאָגט מיר... איך בין דאָך ניט געגאַנגען דאָ־מאָלס אליין... וואו זיינען די איבריגע ? וואו זיינען זיי ?...

— זיי זיינען אומגעקומען צוליעב דער אלגעמיינער זאַך ! — האָט פייערליך געענטפערט דער גאַסט.

— ליזא אויך ? — האָט לאַנגזאם געפרעגט שעווירעוו, אזוי ווי אָנכאַפענדיג זיך אָן א זייטיגען, פארבעהאַלטענעם געדאַנק.

— נו יאָ... זי אויך...

— און איך, זעהט איהר, האָב איהר נור וואָס בעגעגענט... זי וויינט... איבריגענס, איז דאָס האַלוצינאַציאָן און ניט מעהר... דאָס איז ניט וויכטיג. ווייסט איזהר, וואָס דאָס הייסט אָפּפערען מיט'ן טייערסטען אין לעבען ?... זי איז געווען אזוי צאַרט, אזוי שוואַך, אזוי דעליקאַט, אז איך האָב שטענדיג געשראָקען זיך, אז

זי וועט גאָר ניט קענען אויסהאַלטען דאָס רויהע, ארומיגע לעבען. זי — די צארטע — אָבגעבען די תלינים אין די הענד, איבערגעבען צום טויט, דעם אומריינעם שטריק, דער תליה... ווייסט איהר דאָס? ניין! און איך... איך ווייס!...

שעווירעוו האָט דאָס ארויסגערעדט מיט א יאָמערענדער שטימע.

—ניט רעגט זיך אויף, מיין טייערער, — האָט געזאָגט דער גאסט מיטלײדיג, — דאָס איז, פערשטעהט זיך, שרעקליך. אָבער וואָס זאָל מען טהון?... אָהן אָפּפער דערגרייכט מען גאָרנישט... און וואָס העכער די אָפּפער, אלץ ריינער און הייליגער זייער זין.

— יאָ? — האָט געפרעגט שעווירעוו.

— יא! איהר מוזט אזוי גלויבען!... אָפּפער, אָפּפער!... אונענדליכע אָפּפער האָבען געבראכט מענשען, די געשיכטע איז אָנגעטרונקען מיט מענשליך בלוט... אָבער דאָס בלוט ווערט פער־גאָסען ניט אומזיסט! און פון דאָרט, פון דער ליכטיגער, ווייטער צוקונפט, שטרעקען שוין אויס צו אונז די הענד, מיט דאנקבארקייט, בענשענדיג אונז, די גליקליכע, פרייע מענשען... אונזערע קינדער, אונזער ווערק! גאָט מיינער! וואָס זיינען אונזערע נארישע לע־בענס אַנטקעגען דער גרויסער צוקונפט, וועלכע נעהרט זיך פון אונזערע לייבער...

— פו, ס׳ארא מיאוסקייט!... שרעקט אייך ניט דאָס, וואָס פון אייער שעהנער צוקונפט וועט שמעקען מיט מענשען־פּגרים? — האָט געפרעגט שעווירעוו און קורץ צולאכט זיך.

„איך אמפּער זיך מיט זיך אליין! ניט גוט!“ — האָט ער געטראכט.

— צו הערט איהר ניט, האָט פאָרטגעזעצט דער גאסט, גלייך ווי ער וואָלט ניט געהערט שעווירעוו׳ס לעצטע ווערטער, — ווי מיר ברעכען איין, טראָט נאָך טראָט, די אייביגע וואנד פון בייז און געהען אלץ פאָרווערטס?... און איהר גלויבט ניט אין דעם זי־כערען טריאומף־צוג פון אמת און ליעבע?... יאָ, פון ליעבע... נור די ליעבע וועט פעראייניגען די מענשהייט אין איין פאמיליע — ניט קיין פערברעכען, ניט די אלע טעאָריען... פערגעסט ניט, אז איהר קענט ניט מיט בייזען דערשלאָגען דאָס בייזע...

שעווירעוו האָט שווייגענדיג געהערט. איהם האָט זיך גע־

דוכט, אז ער שטעהט ערגעץ אין די הינטערשטע רייהען פון א גרויסען געזעמעל, עפּעס אין א קאָלאָסאַלען קאטאָלישען קלויסטער און די פייערליך־זיסע שטימע פון'ם יעזואיט־פּרעדיגער טראָגט זיך פון דער קאנצעל צו איהם.

— נו, און מיר ?... מיר, וואָס גיבען אוועק דאָס טהייערסטע, וואָס מיר האָבען — לעבען און גליק, — וואָס וועט מיט אונז זיין?

— האָט ער געפרעגט שטיל.

— און מיר וועלען זיין דער מיסט, וואָס בעמיסטיגט די ערד, יענע ערד, אויף וועלכער עס וועט אויפגעהן א ניי לעבען!

— און מיט וואָס וועט בעצאָהלט ווערען די פערברעכער, וואָס טרינקען איצט אונזער בלוט, וואָס פרעהען זיך מיט אונזערע ליידען און טאנצען ארום פון פרייד איבער אונז... ווי האָט איהר געזאָגט, מיסט?

— וואָס ארען זיי אונז... זיי וועט משפּט'ען די געשיכטע, גאָט, אויב איהר ווילט.

שעוויריעוו האָט איהם געכאַפּט פאַר'ן גאָרגעל מיט שרעקליכען כעס.

— הא, איז דאָס אלץ?... דאָס אלץ?

און פּלוצלינג האָט ער אויסגעשריען ווילד און היסטעריש.

— דו לייגסט! דו ביסט א יעזואיט... א שווארצער גלח! דו ביסט געקומען מיך אָבצונארען! איך וועל דיך דערשטיקען!

ער האָט געשריען, שטיקענדיג איהם און ציטערענדיג מיט'ן גאנצען לייב פון עקעל און בייזקייט, האָט אָבגעשטויסען דעם גאסט צו דער וואנד צו, אזוי אז זיין קאָפּ האָט זיך אָנגעקלאפּט אָן איהר, און האָט צוזאמענגעדריקט זיין לאַנגען, אָדעריגען האלז.

איהם האָט זיך געדוכט, אז עפּעס א ליכט האָט זיך אָנגעצונדען און עמיצער האָט איהם א שטויס געטהון אין'ם הארצען און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

דאָס הארץ האָט שווער געקלאַפּט און געדוכט האָט זיך, אז באלד פּלאצט עס; רויטע און גאָלדענע רינגלעך האָבען זיך געדרעהט אין די אויגען און איבער'ן גאַנצען לייב האָט זיך געגאָכען א הייסער, קלעפּיגער שוויים. ער איז געלעגען אויפ'ן רוקען אָן איינגעוויקעלטער ביז'ן האלז אין דער דעק און אין דער בלאָהער דעמערונג פון דעם אָנקומענדען פריהמאָרגען האָט ער גע־

זעהן זיין ליידיגען צימער, א שטוהל מיט די קליידער אויף איהם, א טיש, דאָס פענסטער, א אימגאַנצען בערגרויטע, אָבער דאָס גע־פיהל פון עקעלהאַפטער, קלעפּיגער שווערקייט אין די פּיס איז גע־בליבען.

שעווירעוו האָט זיך קוים אויפגעהויבען.

צופוסענס איז געלעגען זיין פּאַלטאָ, וואָס איז אַראָפּגעפאַלען פון בעט.

— און דאָס איז עס! — האָט ער קאַלט געשמייכעלט און געוואָלט זיך לייגען, אָבער פּלוצלינג איז ער געבליבען שטעהן און האָט זיך איינגעהערט.

11.

ערגעץ ווייט, ווייט, אונטען, ניט אין קוואַרטיר זיכער, האָט ער דערהערט פאַרזיכטיגע טריט. שעווירעוו האָט שנעל אויפגע־הויבען דעם קאָפּ און זיך געזעצט מיט א מאָל, לייכט און שנעל אויפ׳ן בעט. עמיץ איז געגאַנגען איבער די טרעפּ, פון עטאַזש צו עטאַזש, פאַרזיכטיג טרעטענדיג איבער די שטיינערנע טרעפּ מיט די שווערע שטיוועל.

שעווירעוו איז געזעסען אויף׳ן בעט און האָט זיך איינגעהערט.

עמיץ איז געבליבען שטעהן נעבען טהיר. עס האָט זיך גע־דוכט, אז ער הערט זיך אויך צו. לאַנג איז געווען שטיל, און פון אנשטרענגונג האָט זיך שעווירעוו׳ן אָנגעהויבען דוכטען, אז דאָס קלאַפּט נור דאָס בלוט אין די שלייפען ביי איהם. אַלץ איז גע־ווען רוהיג, און די פינסטערניש האָט זיך שטיל געוויגט פאַר די אויגען. נור אין קאָרידאָר האָט זיך קוים־צו־הערען עפּעס בעוועגט.

„עס האָט זיך מיר גערוכט", האָט א טראַכט געטהון שעווי־רעוו, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ אויפ׳ן קישען.

אָבער אין דער זעלבער סעקונדע האָבען זיך זיינע אויגען שנעל צועפענט און אזוי ווי עמיצער האָט איהם אראָבגעוואָרפען פון בעט, איז שוין שעווירעוו געשטאַנען מיט נאַקעטע פיס אויפ׳ן קאַלטען דיל, אין מיטען שטוב. אין דער געדעמפּטער שטילקייט האָט זיך דערהערט א פאַרזיכטיגער, א קוים הערבאַרער קלאַנג; עס האָט א קלאַפּ געטהאָן אייזען און — שטיל געוואָרען. עמיצער האָט פאַרזיכטיג געפּרואווט עפענען די אריינגאַנגס־טהיר.

שעווירעוו האָט זיך אָנגעטהאָן. אין'ם בלייכען שיין פון פענסטער האָט זיך בעוועגט איבער'ן צימער זיין געזיכט, — א וויסער פלעק, מיט שארפע, שווארצע אויגען. ווען ער האָט שוין אָנגעטהון די שטיוועל, האָט ער דערהערט עפּעס נייעס. שעווירעוו איז געבליבען אָהן אטעם. האלטענדיג זיין ראָק אין האנד, האָט ער זיך צוגעהערט און נאָך שנעלער גענומען זיך אָנטהון. איבער די טרעפּ, פאָרזיכטיג טרעטענדיג מיט די פיס, זיינען געגאנגען מענשען.

„זיי!“

א מינוט איז שעווירעוו געשטאנען אָן אונענטשלאָסענער, דער־נאָך האָט ער שנעל אָנגעטהון א פאַלטאָ, דאָס היטעל, געעפענט די טהיר און ארויסגעקוקט אין דער פינסטערניש פון'ם קאָרידאָר.

פלוצלינג האָט אין מוח ביי איהם דורכגעבליצט א געדאנק. ער האָט זיך דערמאָהנט, אז ווען ער איז ביי טאָג אריינגעגאנגען אין קיך טרינקען, האָט ער בעמערקט זעהר נאָהענט דעם בראנד־מויער פון דעם דערנעבענדיגען הויז און דאָס פענסטער איז געוועזן אָהן דאָפּעלטע ראמען. שנעל בעוועגענדיג זיך, שטיל ווי א קאַץ, אויסמיידענדיג די פאַרהענגלעך און קאסטענס, האָט שעווירעוו זיך דורכגעשלייכט איבער'ן קאָרידאָר. נעבען דעם ווינקעל, וואו די אלטיטשקע זיינען געשלאָפען, איז ער געבליבען שטעהן. הינטער'ן פאָרהאנג איז איצט געווען טויט־שטיל. שעווירעוו האָט זיך ניט געריהרט און אלץ צוגעהערט זיך. עמיץ האָט א זיפץ געטהון אין שלאָף און ווידער האָט זיך צוסקריפּעט עפּעס שוואכעס און קליינס. שעווירעוו איז קלאנגלאָז געגאנגען ווייטער, געעפענט די טהיר אין קיך אריין און אומגעקוקט זיך.

אין קיך איז געווען כמעט ליכטיג. אויפ'ן אויוועז האָט געגלאנצט עפּעס א געשיר; דער קאלטער סאמאָוואר איז אזוי ווי געשלאָפען אויפ'ן טיש שטעהענדיג. די קאַץ האָט זיך א כאַפּ געטהון, איז אראָבגעשפּרונגען אויפ'ן דיל און אוועקגעגאנגען ער־געץ, אויפהויבענדיג דאָס עק'על און מיאַאוקענדיג אויף שעווירעוו'ן. עס האָט געשמעקט מיט צוגעברענטעס און קרויט. שעווירעוו איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האָט ארויסגעקוקט.

אין די פערנעבעלטע, שטויביגע פענסטער האָט מען גאָרניט געקענט זעהן, אויסער א קלאָרען פאַס הימעל און דער גראָהער,

שטילער וואַנד, וועלכער האָט געגרענעצט מיט אַן אָבגרונד.

ער האָט זיך נאָך אַמאָל אומגעקוקט און שטיל געעפענט דאָס פענסטער. אַ קאַלטער, ריינער, פרישער שטראָם לופט האָט ארומ־גענומען זיין געזיכט און ברוסט, וועלכע זיינען געווען צוזאַמענ־געדריקט פון דער שווערער, שטיקנדער קוואַרטיר־לופט. שעווירעוו האָט זיך ארויסגערוקט פונ'ם פענסטער און אַ קוק געטהאָן אראָב.

ווייט־ווייט דאָרט אונטען האָט זיך געווייסט דער שטיי־נערנער טראָטואַר און געדוכט האָט זיך, אַז ער ליגט אין אַ שרעקליכער טיפעניש. מיט קעלט און טויט האָט פון דער טי־פעניש געוועהט און אין דער הויך האָט זיך צושפּרייט אַ פריה־מאָרגען־הימעל, און זיין אונענדליכע וויסטקייט האָט געאָטעמט מיט קעלט און ווייטע רוימען.

שעווירעוו האָט ווידער אומגעדרעהט דעם קאָפּ צו דער קוואַרטיר צו און צוגעהערט זיך.

אין דערזעלביגער מינוט האָט זיך, שאַרף און קלינגענדיג, ווי עפּעס לעבעדיגעס, געלאָזט הערען דאָס הויז־גלעקעל, וואָס האָט געוואָרענט פון אַ געפאַהר.

שעווירעוו איז פלינק און פאַרזיכטיג ארויפגעקראָכען אויפ'ן פענסטער־ברעט, האָט געוואָרפען אַ קוק אראָב, אין דעם שרעק־ליכען אָבגרונד מיט דעם ווייסען טראָטואַר און איז אראָבגע־שפּרונגען...

אַ סעקונדע האָט געדויערט דאָס געפיהל, אַז ער פאַלט שרעק־ליך. טיעף, ארום איהם, איז דער לעדיגער רוים, דאָס לייב וויגט זיך שוועך אין דער לופט, איבער אַן אָבגרונד. און פּלוצלונג האָט זיין ברוסט זיך אָבגעקלאַפּט אָן קאַלטע שטיינער. זיינע אין שרעקליכער אָנשטרענגונג פערבויגענע פינגער האָבען זיך אָנגע־כאַפּט אָן דעם קאַלטען צוקרימטען אייזען, וואָס האָט זיך צו־בויגען פון דער שווערקייט פון זיין לייב. די פיס האָבען קאָנ־ווולסיוו געגליטשט זיך איבער דער גלאַטער וואַנד, קלאַפּענדיג מיט די קניה און גליטשענדיג זיך אראָב...

דאָס אייגענע לייב האָט זיך אויסגעדוכט איצט שעווירעוו'ן אונגעוועהנליך־שווער. ער האָט זיך צובויגען, ווי אַ קאַץ, וואָס פאַלט אראָב פון דער הויך, האָט שוין פערמאַכט פון שרעק די אויגען, האָט אָבער געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג, מיט די

הענד זיך אָנגעקלאַמערט אָנ'ם צובויגענעם און זיך בויגענדיגען ראַנד, זיך אָבגעריסען און ווידער ארומגעכאַפּט מיט'ן עלענבויגען דעם ראַנד. דערנאָך האָט ער, קאָנוואולסיוו זיך צוזאַמענדריקענדיג, אָנגעהויבען צו שאַרען די וואַנד מיט די פיס, און הערענדיג ווי עס שיטען זיך שטיקלעך פון דער שטוקאַטור, האָט ער אַ דערפערהטער אָנגעלעהנט זיך אויפ'ן עלענבויגען, אַריבערגעכאַפּט מיט דער אַנדערער האַנד דעם ראַנד און מיט דער ברוסט אַריבערגעבויגען און צוגעפאַלען צום דאַך.

אַ מינוט צייט איז ער געלעגען אויפ'ן קאַלטען, נאַסען דאַך כמעט אָהן בעוואוסטזיין, פיהלענדיג נור אַ שרעקליכען וועהטאָג אינ'ם שנעל־קלאַפּענדען האַרץ און שפּירענדיג, ווי ער פליהט אַראָב, פאַלט אין אַ שרעקליכען אָבגרונד.

עפּעס אַ קלאַנג איז געפלויגען צו איהם פון הויף. דאָס האָט איהם אויפגעלעבט. עמיצער האָט גערעדט שרעקליך וויים דאָרט אונטען. שעווירעוו האָט זיך געלעגט אויף דער ברוסט און איז שטיל אַראבגעקראָכען ווייטער צו. דאָרט, פון דער אַנדערער זייט דאַך, האָט ער דערזעהען אַ גרויסען אונבעקאַנטען הויף, בלינדע פענסטער, שפּיצען פון טרוקענע בוימער און גרינע פלאַכע גאַזאַנען־געוועבען. עפּעס אַ שוואַרץ מענשעל, וועלכער איז געווען עהנליך צו אַ קאָמישען, צו דער ערד צוגעדריקטען אינזעקט, וואָס וואַרפט מיט די פיסלעך, וועלכע געהען גלייך פון קאָפּ אַרויס, איז געגאַנגען איבער ווייטע, כמעט פערפראָרענע שטיינער פון הויף. מיט אַ קאָמישער קלאָרקייט האָבען זיך פון אונטען געטראָגען אהער אין דער הויך זיינע קליינינקע טריטלעך.

שעווירעוו האָט זיך נאָך אַמאָל אומגעקוקט, און איז פערשוואונדען אין דער פינסטערניש פון אַ גרויסען שטויביגען בוידעם.

דער הימעל האָט קאַלט געקוקט אויף דער ערד. ווייט־ווייט האָט זיך צושפּרייט די אונענדליכקייט פון דעכער און קוימענס און אויפ'ן ראַנד פון האָריזאָנט האָט געבלאָהט דער פונ'ם פריה־מאָרגען־שיין פערגאָסענער בוים.

12

אַלאַדיעוו האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שאַרפען קלאַנג, וועלכער האָט זיך, ווי איהם האָט זיך געדוכט, געהערט אין זיין צימער. ער האָט גענומען זוכען, ווי זיין געוואוינהייט איז גע־

ווען, אין דער פינסטער א סיגאַרעט, אָבער אין דערזעלבער מינוט האָט עפּעס אַ שטאָך געטהאָן איהם אין האַרצען און, זוכענדיג די שוועבעלעך, האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך גוט איינגעהערט.

אין איהר קעמערעל האָט זיך גערוהרט מאַקסימאָוונא. מען האָט געקענט הערען, ווי זי האָט געגענעצט, אָנגעטהאָן עפּעס, אָנגעשטויסען זיך אָן אַ זאַך און איז אַוועקגעטראָטען מיט נאַקעטע פיס איבער׳ן קאָרידאָר.

— ווער איז דאָרט? — האָט דערהערט אַלאַדיעוו איהר פערשלאָפענע, אונצופרידענע שטימע.

איהר האָט מען, ווייזט אויס, געענטפערט, אָבער אַזוי שטיל, אַז מען האָט ניט געקענט פערשטעהן.

— אַ טעלעגראַמע! וועמען אַ טעלעגראַמע? — האָט אי־בערגעפרעגט מאַקסימאָוונא.

אַלאַדיעוו האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און געזעצט זיך.

„אַהאַ!" האָט איהם אַ בליץ געטהאָן אין מח. און פּלוצלונג האָבען זיך צוואָגט געדאַנקען און פאָרשטעלונגען, קאָשמאַרענהאַפ־טע און אונערוואַרטעטע. דאָס קליינע פעקעל און די פּאַפּירען, וואָס דאָס מענשעל מיט׳ן רויב־פויגעל־געזיכט האָט געלאָזט ביי איהם, איז אויפגעשוואָומען און געוואַקסען, געוואַקסען אַלץ מעהר, אויסוואַקסענדיג אין עפּעס קאָלאָסאַלעס, שרעקענהאַפטעס. ער האָט שיעור ניט געטהאָן אַ געשריי, מען זאָל ניט עפענען די טהיר, איז אויפגעשפּרונגען און אַ וואָרף געטהאָן זיך צום קאָ־רידאָר, אָבער מיט אַן אונגעוועהנליכער קלאָרקייט האָט זיך דער־טראָגען צו איהם די קריצעניש פון׳ם אייזערנעם ריגעל, וועלכען מען נעמט אַרויס פון טיר און די איינגעהאַלטענע קלאַפּעריי פון מענשליכע פיס אין שווערע שטיוועל.

אַלאַדיעוו האָט געהאַט אַזאַ געפיהל, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך אַ ריס געטהאָן, האָט אויפגעלעבט און צוגליהט זיך מיט העלע שרעקליכע פאַרבען, געשרייען, פייפעריי און שרעקלי־כער האַסט.

אַ מאָגערער, אַ לאַנגער, אין איין העמד, האָט זיך אַלאַדיעוו קאָנוואולסיוו צולאָפען איבער׳ן צימער, וואַרפענדיג מיט זיינע אונגעהייער גרויסע הענד און פיס. און פּלוצלונג איז געוואָרען

זעהר ליכטיג אין צימער. נאָך מיט אַ מינוט פריהער איז געווען אײַנגאַנצען פינסטער, אָבער איצט, אינ׳ם שוואַכען בלאַהליכען שיין פונ׳ם פריהמאָרגען, האָט זיך אַלץ אָנגעזעהן אַזוי קלאָר און בולט, אַז דאָס האָט געשראָקען. אָט איז דער טיש מיט דער ניט־פערענדיגטער אַרבייט, סיגאַרעטען אויפ׳ן שטוהל, די שטיוועל נעבען בעט, די פּאָרטרעטען אויף די ווענד. און אַלעס איז דאָך געווען אַזוי גוט בעקאַנט, אַזוי איינפאַך, ליעב און געוועהנליך.

— וועמען דאַרפט איהר האָבען? — האָט זיך דערהערט אַ דערשראָקענער, אַ ציטערדיגער קול. דאָס האָט געפרעגט מאַקסימאָוונאַ.

וואָס מען האָט איהר געענטפערט האָט אַלאַדיעוו ניט גע־קענט הערען, אָבער די אַלטיטשקע האָט עפּעס שאַרף אויסגעשריען און, דוכט זיך, אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד. שווערע טריט האָבען זיך מיט אַמאָל אַ שאָט געטהאָן אין קאָרידאָר.

אַלאַדיעוו האָט זיך געוואָרפען צו דער טיר, און ניט טראַכטענדיג צו וואָס ער טהוט דאָס, האָט ער אינסטינקטיוו אַ דרעה געטהאָן דעם שליסעל. דערנאָך געוואָרפען זיך צום טיש, אַ כאַפּ געטהאָן דאָס פּעקעל, וואָס איז געווען שווער ווי אַ טויזענד־פודיגער שטיין, געהאַלטען עס אין האַנד אַ ביסעל און אַ לאָז געטהאָן צום פענסטער זיך.

„עס וועט אויפרייסען, סיי ווי סיי...— האָט ער אַ טראַכט געטהאָן, בלייבענדיג שטעהן אַ פערגליווערטער פאַר׳ן אָבגעפּענטען פּאָרטעל, פון וועלכען עס האָט אַ בלאָז געטהאָן איהם אין געזיכט אַ צערטליך־פרישער, ריינער פריהמאָרגען־ווינטעל. — „אַלץ איינס, און דאָך וועל איך זיך קענען אָבטראָגען“...

פיבערהאַפט, ווי אַ פיש אין נעץ, האָבען זיך געוואָרפען אין אַלע זייטען זיינע פערפּלאָנטערטע געדאַנקען. ער האָט אַריינגעשטופּט די זאַך אינ׳ן פּאָרטעל און דאָס שרעקליכע אויפרייס־שטאָף האָט זיך צואוויגט, בלייבענדיג הענגען איבער׳ן קאַלטען, פיערעטאַזשיגען אָבגרונד פונ׳ם הויף. אַלאַדיעוו האָט שוין כמעט צונומען די פינגער, אָבער פלוצלונג האָט אַ נייער געדאַנק אויפגעבליצט אין זיין מח און געווען איז ער אַזוי שרעקליך און האָפנונגסלאָז, אַז ער האָט צוברומט זיך, ווי אַ פערוואונדעטע חיה.

„וואָס טהו איך? און די פּאַפּירען, די אַדרעסען? אין הויף

וועט מען זיי דאָך אויך אויפקלייבען!... פערברענגען זיי... הא!... ניטאָ קיין צייט שוין!"

א ביטערער טרויער האָט א שניט געטהאָן אַלאַדיעוו'ן אין הארצען. געווען איז דאָס דער שרעקליכער טרויער, וועלכען מען פיהלט פאר'ן טויט.

„נו... וואָס טהוט מען? אומקומען אליין כדי צו רעטען אנדערע?.. אָבער איך האָב האָך זיי געזאָגט! איך האָב געבעטען לאָזען מיך צו רוה... וואס פאר א רעכט האָבען זיי צו פאָדערן אזוינס פון מיר?"...

די גאנצע קווארטיר מענשען האָט זיך אויפגעהאפט פון שלאָף. ערגעץ האָבען זיך צוואווײנט קינדער, עמיצער האָט געזיפצט און געאָכעט. אינ'ם דערנעבענדיגען צימער, ביי שעווירעוו'ן, האָט מען גערעדט אויף א קול, געקלאפט מיט די מעבעל און געזוידעלט זיך.

— יא, אוועקגעגאנגען, נו איז וואָס!... צום שכן, קען זיין, אריבערגעלאָפען, אייער וואוילגעבאָרענשאפט... א שטודענט... ווער וויים! דו, טייפעל, נעהם צו דיין ביקס... וועסט נאָך קוילען א מענשען פאר גאָרנישט! — האָבען זיך צו אַלאַדיעוו'ן דערטראָגען פרעמדע, קאַלטע און בייזע שטימען

און פלוצלונג האָט עמיצער א קלאפ געטהאָן צו איהם אין טיר, מיט אזא זיכערקייט און קאָרעקטקייט, אז אַלאַדיעוו'ן האָט זיך געדוכט, אז ער זעהט פאר זיך פון הינטער'ן פערמאכטען טיר יענעם, וואָס קלאפט. דאָס מוז זיין א העפליכער, ליבענסווירדיגער פאָליציי־אָפיציר מיט מאנירען פון א קאץ און אונרחמנות'דיגע, דורכזיכטיגע אויגען.

אַלאַדיעוו איז אָבגעשפרונגען שטיל פון פענסטער, אנידערגעלייגט די באָמבע אויפ'ן טיש, האָט איהר ווידער א כאפ געטהאָן, שיער ניט ארויסגעלאָזט פון האנד און ארייגערוקט אונטער'ן מאטראץ, ארייגערוקט און אויפגעשטאנען, מאכטלאָז אראָבלאָזענדיג די לאנגע מעכטיגע הענד.

אין טיר האָט מען ווידער געקלאפט.

— זייט אזוי גוט... עפענט... אויף א מינוטעלע! — האָט זיך געהערט אַן אונבעקאנטע שטימע.

אַלאַדיעוו האָט ניט געענטפערט. די אלטע, איינגעזעסענע

פיינדשאַפט צו די דאָזיגע מענשען, וועלכע ער האָט איינגעזויגען מיט דער מילך פון זיין מוטער, האָט איהם געגעבען אַ שטויס, און ניט אָבגעבענדיג נאָך זיך אַליין קיין חשבון, וואָס ער האָט בע־שלאָסען צו טהאָן, האָט זיך אַלאַדיעוו געשטעלט אויף די קניה, אנטקעגען דעם אָפענעם שווארצען מויל פונ'ם אויוועז, פון וועל־כען ס'איז געגאַנגען דער ריח פון קאַלטען אַש. מיט אַ שרעקליכער שנעלקייט האָט ער צוריסען דאָס שטריקעל פונ'ם פּאַקעט, האָט צושאָטען עפּעס בלעטלעך און גענומען שנעל רייסען זיי אויף שטיק־לעך. דער אויוועז האָט אַ זיפּץ געטהאָן, דאָס פּאַפּיר האָט צוקנאַקט זיך, דוכט זיך, איבער'ן גאַנצען הויז.

— עפענט, אַניט וועלען מיר די טיר אויסברעכען! — האָט געשריען אַ שנעלע, פערביטערטע שטימע.

איצט זיינען, ווייזט אויס, געשטאַנען עטליכע מענשען הינ־טער'ן טיר און אַלאַדיעוו האָט געזעהען דורכ'ן וואַנד זייערע שאַר־פע, וועלפישע, אַלזעהענדיגע אויגען. און פּלוצלונג האָט עמיצער קרעפטיג אַ קלאַפּ געטהאָן אין טיר.

„נו, ווייניג צייט" — האָט האָפנונגסלאָז דורכגעטראָגען זיך אין אַלאַדיעוו'ס מח אַ קאָנוואולסיווער געדאַנק. און פּלוצלונג האָט ער דערזעהען די אַלע מענשען, וואָס זייער שיקזאַל און לעבען העננט אָב פון דעם, צי וועט ער האָבען גענוג צייט צו טהאָן דאָס אָדער ניט, צי וועט ער זיי פערראַטען אָדער אויפאָפּפערען זיך. דער דאָ־זיגער העראָאישער טריט, וועלכער וועט רעטען הונדערטער ריינע, יונגע, אויפאָפּפערונגספולע לעבענס, האָט איהם פער'כשופ'ט. איהם האָט זיך געדוכט, אַז צעהנדליגע בעקאַנטע פּנים'ער האָבען איהם אריינגעקוקט אין זיין נשמה מיט האָפנונג און דאנקבארקייט, און ער האָט זיך דערפיהלט אַזוי קליין, אַזוי נישטיג.

„אנו, מילא..." האָט אין דער טיפעניש פון הארצען ארויס־געראַרט עפּעס אַ וואַרימע שטימע, אַן אָנגעזעטיגטע מיט טרערען און פרייד. „נו, זאָל אַזוי זיין!... בעסער אויף מיין קאָפּ זאָל עס אויסגעהן!"

אויף דער טיר האָט מען זיך שטאַרק אָנגעזועסען, אַזוי אַז עס האָט אַלאַדיעוו'ן זיך געדוכט, אַז הינטער איהר זיינען ניט מענשען, נאָר צוואַווילדעטע חיות. עטליכע שטימען האָבען מיט אַ מאָל געריסען זיך, און ווייטער אַביסעל, ווייזט אויס, אויף די

טרעפ, האבען שוואך געפישטשעט איבערגעשראקענע קינדער.

— נו, עפען שוין! גיכער! גיב זיך אונטער! — האבען די שטימען געהוזשעט.

און פלוצלונג האט אלאדיעוו'ן ארומגעכאפט א קאלטער טויט־שרעק. איהם האט זיך געוואלט א געשריי טהאן אויף זיי, צוזינגען זיך, צופייפען זיך, אנהויבען צו זידלען זיך מיט די ערגסטע, שענדליכסטע זידלערייען.

ער האט אליין ניט בעמערקט, ווי אזוי ער איז געקומען צו דעם שווערען אין קאלטען רעוואלווער, וועלכען ער האט געהאלטען אין האנד. ווייזט אויס, ער האט איהם פערכאפט מיט זיך, ווען ער האט אראבגענומען די פאפירען פון טיש.

— גיב זיך אונטער!.. ברעכט, וואס קוקט איהר! ברעכט די טיר!...

— צו אלדי רוחות געהט! — האט משונה ווילד צושריען זיך אלאדיעוו, אויסדרעהענדיג זיך צו דער טיר און רייסענדיג ווייטער, גאנץ אינסטינקטיוו, אויף שטיקלעך די פאפירען.

און פלוצלונג האט די טיר געפלאצט אויף אן ארט. א ברייטער, שווארצער שפאלט האט זיך בעוויזען אויף איהר ווייכער איבערפלאך. עס האבען זיך געשאטען שפענדלעך, דער שליסעל איז ארויסגעשפרונגען פון טיר אויפ'ן דיל. עטליכע שטימען האבען, דוכט זיך, צולאזט זיך איבער'ן צימער אליין און עפעס א שווארצער שאטען, מיט'ן ביקס אין האנד, האט זיך געשפארט צום שפאלט פון טיר.

אלאדיעוו האט אויסגעשאסען...

עס האט דורכגעבליצט עפעס געלעס, עמיצער האט דורכדרינגענדיג א געשריי געטהאן און איז שווער געפאלען אויפ'ן דיל, אין קארידאר אריין.

— נעהם איהם! שלאג איהם! — האט דאס שרעקליכע, פיעל־קעפיגע בעשעפעניש געראוועט.

אלאדיעוו איז נעזעסען איינגעבויגען, מיט צופאטעלטע האר, אין איין אונטערוועש, גלאצענדיג מיט פעררוקטע אויגען און האט, אויסציהענדיג זיין לאנגע האנד אנטקעגען דעם שווארצען שפאלט אין טיר, געהאלטען אין איין שיסען.

ער האט שוין גאר ניט געפיהלט, און ניט פערשטאנען. אין

איהם האָט נאָר געקאָכט א ווילדער סטיכישער שרעק און ערשי־מערענדע בייזקייט, יענע אונמענשליכע בייזקייט, מיט וועלכער מען צוטרעט א גיפטיגען שרץ, קוילעט א שונא, שטיקט אן אָפּפער.

און פּלוצלונג האָט דער גאַנצער שוואַרצער לאַך פון טיר זיך אָנגעצונדען מיט פייער. מיט א גערויש האָט זיך פערקלאַפּט דאָס מירעל פון אויבען, אָבגעריסען א בילד פונ'ם נאַגעל און א ווייסער שטויב האָט זיך געשאָטען פון די ווענד.

אַלאַדיעוו האָט זיך א וואָרף געטהאָן אן זייט, זיך צוגעדריקט צו דער וואַנד, און שאַרענדיג זיך נעבען איהר, אַן איינגעבויגענער ווי א חיה, האָט ער זיך דערשלעפּט צו דער טיר. די פייערען פון דער שיסעריי האָבען, דאַכט זיך, געצונדען זיין פּנים, אָבער ניט בעמערקענדיג דאָס, איז אַלאַדיעוו צוגעשפּרונגען צו דער טיר, האָט אריינגערוקט דעם רעוואָלווער אין דער שפּאַלט און אויסגעשאָסען איינס, צוויי.

א געשריי פון א מענשען, וועלכער איז, ווייזט אויס, געפאַלען פונ'ם שאָס, האָט איהם פערטויבט. עמיצער האָט א זיפץ געטהאָן.

— אהא! — האָט מיט אן אונגלויבליכען פערגניגען אויסגעשריען אַלאַדיעוו, ציטערענדיג פון פיינליכער פרייד, גרייט צו טויטען אָהן א סוף.

— שטעה, וואַרט! ער וועט טויטען זיך... אוועק פון יענעם צימער! — האָבען געשריען עטליכע שטימען.

אַלאַדיעוו האָט א כאַפּ געטהאָן מיט א שרעקליכער קראַפט דעם שווערען שראַנק און האָט איהם צוגעשטעלט צו דער צובראָ־כענער טיר. דערנאָך האָט ער זיך ווידער געוואָרפען צום אויוועו און האָט אונטערגעצונדען די צוריסענע צוקנייטשטע פּאַפּירען. פרעהליך האָט זיך צוברענט א לעבעדיגער פייערעל און האָט פער־שיינט מיט א שפּילענדיגען ליכט דאָס צובראָכענע צימער.

דאמאלס האָט זיך אַלאַדיעוו צוגעשלעפּט מיט'ן רוקען צום ווינקעל פון צימער און זיך אומגעקוקט.

ס'איז שוין געווען כמעט ליכטיג. טרויעריג און קאָמיש האָט איצט אויסגעזעהען דאָס אַלטע, ליעבע צימער. דער אראָבגעפאַלע־נער לאָמפּ איז געלעגען אן אָנגעבויגענער אן דער זייט אין צוגאָ־סענעם קעראָסין; אן א זייט האָט זיך א רוק געטהאָן טאָלסטאָי'ס פּאָרטרעט, א דורכגעשאָסענער פון א קויל; דער ווייסער שטויב

פון דער שטוקאטור האט זיך צושאטען אין די ווינקלען און א בלאה רויכעל איז אין לייכטע פאסען געקראכען דורכ'ן צובראָכענעם פענסטער אין דער ווייטקייט אוועק.

שרעקליך האט זיך צוטומעלט אלאדיעוו'ס נשמה. איהם האט זיך געדוכט, אז ער איז פעררוקט געוואָרען, אז דאס איז אונמעגליך. וואס איז געשעהען? ערשט נעכטען, מיט עטליכע שעה צוריק, איז ער נאך געזעסען ארום דעם דאזיגען טיש און געשריבען, און ארום איהם האבען רוהיג און פרידליך געלעבט די אלע קליינינקייטען — די פארטרעטען, צייכנונגען, ביכער. און א שרעקליכער טרויער, אן אנגעזעטיגטער מיט די לעצטע ביטערע טרערען, האט ארומגעכאפט זיין נשמה. ער האט א קוק געטהאן אויף זיין טיש, אויף די ביכער... און א שרעקליכע האפנונגסלאָזיגקייט האט איהם ארומגענומען. ער האט געכאפט זיך פאר די האר. דאס גאנצע צוקינפטיגע לעבען זיינס, וואוס האט געקענט זיין אזוי אינטערעסאנט, ליכטיג, דויערהאפט, אנגעפילט מיט אנגענעהמער ארבייט, בעגעגענישען מיט גוטע מענשען, זוניגע טעג און ליעבע, האט זיך דורכגעטראגען פאר זיינע אויגען. דאס לעבען, וואס האט געקענט זיין און וועט ניט זיין!

— טויט! — האט איהם אונטערגעזאגט די שרעקליכע שטימע פון אונענדליכער האפנונגסלאזיגקייט.

„פארוואס? וואס איז געשעהן?.. איין נארישע צופעליגקייט!“ האט ער געהאט נאך צייט איבערצוטראכטען.

א האגעל פון שווערע קלעפ האט זיך געשאטען איבער דער טיר פון דעם דערנעבענדיגען צימער. איבער'ן קארידאר האט מען געשלעפט עפעס שווערעס. עמיצער האט געגעבען בעפעהלען מיט א שארפער, אנגעשטרענגטער שטימע. און פלוצלונג האבען צוקנאקט זיך די ביקסען, און דער שטויב האט זיך געשאטען פון סופיט, און שטיקלעך האלץ פון דער טיר האבען א שנעל געטהאן אלאדיעוו'ן איבער'ן געזיכט, וואס האט זיך פלוצלונג בעגאסען מיט הייסען בלוט.

— אהא! — האט ער א טראכט געטהאן מיט א טויטליכער רוהיגקייט און קאלטער פיינדשאפט — אזוי גאר!...“

א פרעהליכע, ראכעלוסטיגע בעזקייט איז געקראכען צום האלז, און ער האט הייזעריג אויסגעשריען עפעס א ווארט, איז ווי א

קאַץ צוגעשפּרונגען צום בעט, אויסשטרעקענדיג די האַנד נאָך דער באָמבע.

— שים! אזוי! שנעלער! — האָט עמיצער געשריען, דוכט זיך, כמעט איהם אין אויער אַריין.

אַלאַדיעוו האָט גאָרנישט געהערט. עפּעס האָט העל זיך געזונדען ביי איהם אין די אויגען, דאָס גאַנצע צימער איז ערגעץ אָן א זייט אַנטלאָפען און מיט אַ גרויסער קראַפט איז אַלאַדיעוו געפאַלען צום דיל.

אין צימער האָבען אַריינגעקוקט בלייכע סאָלדאַטען, מיט די ביקסען אין דער האַנד. דער רויך איז לאַנגזאַם געקראָכען אין פענסטער אַריין, אין וועלכען מען האָט שוין געקענט זעהן דעם אָנקומענדיגען טאָג, און אַלאַדיעוו איז געלעגען אינמיטען צימער, מיט'ן קאָפּ אַרויף, צושפּרייטע הענד און פערלייגטע קניה פון די לאַנגע נאַקעטע פיס. זיין טרויעריגע נאָז, אַ פערבלאַהטע און אין בלוט פערשמירטע, האָט געקוקט אויפ'ן סופיט און עפּעס שוואַרצעס, שרעקליכעס, שטילעס האָט שטיל צושוואומען זיך איבער'ן דיל אַרום זיין קאָפּ.

13

מיט'ן אויפגעהויבענעם קאָלנער פון פּאַלטאָ און טיעף אין די טאַשען אַריינגעשטעקטע הענד, איז געגאַנגען שעווירעוו איבער דער ליכטיגער גאַס, וועלכע איז געווען אָנגעפילט מיט מענשען, וואָס איילען זיך ערגעץ.

אויף אַלע קרייצוועגען האָבען צייטונגסלייט פערקויפט צייטונגען און געשריען, אויסלויבענדיג די סחורה:

— א דראַמא אויף מאַכאָוואַיא!... א צוזאַמענשטויס מיט אַנאַרכיסטען!..

און מענשען האָבען געקויפט די גרויסע פּאַפּירענע בויגענס, אויף וועלכע די דאָזיגע ווערטער זיינען געווען געדרוקט מיט פעטען שריפט, וואָס האָט פון וויטען אויסגעזעהן ווי טרויער-פערצירונגען. שעווירעוו האָט געקויפט די צייטונגען און, זיצענדיג אויף'ן יעקאַטערינען-סקווער, וואו עס האָבען געקלונגען די פרעהליכע שטימען פון די קינדער, וואָס האָבען אויסגעשטרעקט זייערע קעפּלעך ווי לעבעדיגע בלומען, האָט ער דורכגעלעזען אַ גענויע בעשרייבונג פון די געשעהעניסען.

פערענדיגט האט זיך די בעשרייבונג מיט די ווערטער:

„דורכ'ן פענסטער איז אנטלאפען אן אנארכיסט, וואס האט געלעבט אויפ'ן פאס פונ'ם פויער ניקאלאי יעגאראוו שעווירעוו און איז אין דער אמת'ן דער פון פאליציי לאנג געזוכטער סטודענט פון דער יוריעווער אוניווערזיטעט לעאניד ניקאלאיעוויטש טאקאַרעוו, וועלכער איז פעראורטיילט געווארען צו טויט-שטראף און איז אנטלאפען פון דער בעוואפענטער וואך אויפן וועג צום געריכט. אלע מיטלען זיינען אנגענומען געווארען צו אויפזוכען איהם."

שעווירעוו'ס פנים איז געווען אינגאנצען רוהיג. נאר לעזענדיג ווי דער רעפארטער בעשרייבט איבערטריבען-דראמאטיש, און מיט פיעלע אויסרופס-צייכענס, אין וועלכען צושטאנד מען האט געטראפען אלאדיעוו'ס קערפער, האט אין שעווירעוו'ס אויגען בעוויזען זיך עפעס עהנליכעס אויף א פייניגענדען געפיהל פון רחמנות און א שרעקליכער פעררינקטער בעזקיים.

דערנאך איז ער אויפגעשטאנען, האט גלייכגילטיג בעטראכט די קינדער, וואס האבען זיך רוהיג געשפיעלט, און איז אוועקגעגאנגען פון גארטען.

אן אונגעוועהנליך געפיהל האט ער איצט איבערגעלעבט. עפעס האט איהם געצויגען אהינצו עקשנות'דיג און געביטעריש. ער האט קלאר פערשטאנען, אז דאס איז שרעקליך געפעהרליך, און די הויז-היטער וועלען איהם זיכער דערקענען, און ער האט שוין דערפיהלט, ווי פונ'ם גלייכגילטיגען, האסטיג-לויפענדיגען עולם רייסען זיך ארויס אונזיכטבארע הענד, וועלכע שלעפען איהם לאנגזאם, אבער זיכער, אין די ארעמס פון טויט. עס איז קלאר געווען, אז ער טאר ניט ארומדרעהען זיך איבער די גאסען און ניט אוועקפאהרען פון שטאדט, און דערווייל איז ער געווען הונגעריג און איז פערפרארען געווארען, ווי א הונד, וואס האט קיין בעל-הבית נישט. און דאס דאזיגע געפיהל פון' הינטישער פעריאגטקייט האט דערוועקט אין איהם א געפיהל פון חוצפה און שפאט.

אליץ איינס, האט ער געטראכט מעכאניש, קוקענדיג רוהיג פאר זיך מיט זיינע ליכטיגע קאלטע אויגען, — און הויך אויפהויבענדיג דעם קאפ, איז ער לאנגזאם געגאנגען צום ארט, וואוהין איהם האט געצויגען די אונפערשטענדליכע קראפט פון רחמנות, בעזקייט און האפנונגסלאזיגקייט.

נאָך פון דערווייטענס האָט ער דערזעהן נעביין דעם גוט־בעקאַנטען הויז אַ שוואַרצען אויפגערעגטען עולם און צוויי טונקע־לע פיגורען פון פּאָליציסטען אויף פערד, וואָס זיינען געשטאַנען אונבעוועגליך איבער די קעפּ פון די נייגיריגע.

דער עולם איז געשטאַנען אויפ'ן טראָטואַר, פון ביידע זייטען פונ'ם טויער און אויפ'ן ענטגעגענגעזעצטען טראָטואַר האָט זיך אויסגעצויגען אַ לאַנגע ליניע פון שוואַרצע לייבער, אין וועלכע עס האָבען זיך געבלייכט מענשליכע פּנימ'ער מיט שאַרפע, טונקעלע אויגען. שעווירעוו איז צוגעשטאַנען צום עולם אַרום די טויערען און האָט זיך איינגעהערט צו די רייד.

די מעהרהייט מענשען האָבען געוואַרט שווייגענדיג און אָנ־געשטרענגט זיך צו כאַפּען אַ קוק אינ'ם הויף, וואו עס האָבען זיך אַרומגעדרעהט די פּאָליציי־אָפיצירען און פּאָליציי לייט. נעבען דעם טראָטואַר איז געשטאַנען דער וואָגען פון רויטען קרייץ, און דער דאָזיגער רויטער סימוואָל פון ליידען אָהן ווערטער האָט גע־רעדט וועגען דעם, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ שרעקליכע דראַמאַ, וואָס איז אַ געהיימניס פאַר יעדען און ציהט דאָך און שרעקט די דערשראָקענע מענשליכע הערצער.

עפּעס אַ בעל־מלאכה אין אַ היטעל מיט אַ דאַשעק, וואָס איז געווען פערגאָסען מיט רויטער און גרינער פאַרב, האָט גע'דרש'נט און פון אַלע זייטען האָבען זיך צו איהם גערוקט מענשען, אויס־שטרעקענדיג זייערע מיט נייגיריגקייט ברענענדיגע אויגען.

— האָט מען, הייסט עס, געוואָלט כאַפּען איינעם, וועלכען, הייסט עס, די פּאָליציי זוכט, און ער איז, פערשטעהט זיך, אַנט־לאָפען!... נו איז, הייסט עס, געווען אַ הויז־זוכונג, און יענער, וואָס, הייסט עס, האָט פון גאָרניט געוואוסט וואָס צו זאָגען, האָט צווייענען געקוילעט און נאָך אַ זשאַנדאַרען פערוואונדעט אין בויך... נו האָט מען, הייסט עס, אַלע קוואַרטיראַנטען אַרויסגעטריבען פון הויז.

— און וואָס איז מיט'ן צווייטען? — האָט שטרענג געפרעגט אַ סאָלידער, פעטער מענש און מיט אַזאַ אויסדרוק, גלייך ווי ער איז געקומען אַהער, כדי איינצופיהרען אָרדנונג און דאַרף באַלד געגוי אויספאָרשען דעם בעל־מלאכה.

דער בעל־מלאכה, האָבענדיג גרויס הנאה פון דער ראָל, וואָס

ער שפיעלט, האט אן אויפגערעגטער זיך געדרעהט אהין און אהער און שרעקליך געאיילט זיך.

— און דער אנדערער, הייסט עס, ווייסט פון גארנישט צו זאגען... ביי איהם האט מען א באמבע געפונען, זאגט מען...

— טו וואס זאגסטו „א באמבע געפונען" און „ווייסט ניט פון וואס צו זאגען"? פלאפעלסט, ברודער'ל, אין דער וועלט אריין!

— ניין, איך פלאפעל שוין גאר ניט! דאס הייסט, געזוכט האבען זיי גארניט איהם, די פאליציי האט וועגען איהם גאר ניט געוואוסט, נאר דערנאך האט זיך אויסגעלאזט, אז ער איז אויך פון אזעלכע!..

— הערט, ווער איז ער? — האט זיך אריינגעמישט א רייך־פערפוצטע פרוי.

— איך ווייס ניט, — האט מיט אמת'ן בעדויערן געענטפערט דער בעל מלאכה.

איהרע צוגעמאלטע אויגען האבען געברענט מיט נייגיריגקייט, און די צארטע באקען האבען זיך צופלאמט פון אויפלעבונג. פון אלע זייטען האבען געקוקט די זעלבע נייגיריגע אויגען, און מענשען זיינען געקראכען איינער דעם אנדערן אויפ'ן קאפ, האבענדיג מורא צו פערלירען א ווארט פון דעם בעל מלאכה'ס ערצעהלונג.

— הייסט עס, האט מען איהם בטעות געטויט?

— עס קומט אויס אזוי אויס! — האט געמאכט מיט די הענד דער ערצעהלער און דערביי געקוקט אויף אלעמען ארום אזוי, גלייך ער האט דעם גרעסטען פערגעניגען דערפון, וואס יענעם האט מען געטויט בטעות.

— אבער דאס איז דאך שרעקליך! — האט אויסגערופען די פרוי, און האט זיך אויך אומגעקוקט ארום, אזוי ווי זי וואלט ערווארט א מיטליידיג ווארט.

— נו, יא... אבער א באמבע האט מען דאך ביי איהם געפונען. — האט בעמערקט עפעס א יונגער אפיציר, קוים־קוים שמייכלענדיג צו דער שעהנער פרוי. — ס'איז אלץ איין געפעהרליכע חברה.

די שווארצע אויגען פון דער פרוי האבען שנעל א קוק געטהון אויף איהם, און מען האט ניט געקענט פערשטעהן, וואס פאר אן אויסדרוק ליגט אין זיי: צי פון קאקעטעריי, צי פון שרעק.

— יא, אָבער דאָך איז דאָס שרעקליך! — האָט זי געזאָגט.

און נאָך עמיצער האָט געזאָגט, אַז ס'איז שרעקליך. עס האָבען זיך געשאָטען די פיבערהאַפט־אויפגערעגטע פראַגען. די מענשען האָט זיך געוואָלט דערגעהן דאָס געהיימניס, דערוויסען זיך נאָך איינצעלהייטען פון דעם שרעקליכען, אָבער אָנציהענדען ראָמאַן. עס איז געווען לעבעדיג, און אפילו פרעהליך, ווי עס איז געוועהנליך אין דער צייט פון אַ גאַסען־סקאַנדאַל. דער עולם האָט זיך געטומעלט, און די פּאָליציילייט זיינען שווייגענדיג געזעסען אויף די פערד, זעלטען ווען אָבשטופענדיג מיט דער בעוועגונג פון דער האַנד יענע, וואָס האָבען זיך געשטויסען פאָראויס.

שווייגענדיג האָט דאָס אַלץ געהערט שעווירעוו, לאַנזאַם און כמעט אונבעמערקבאַר איבערפליהענדיג מיט זיינע קאַלטע, העלע אויגען פון איין געזיכט צום אַנדערן. און וואָס מעהר ער האָט געקוקט, אַלץ פעסטער האָבען זיך צוזאַמענגעדריקט זיינע ליפּען און אַלץ שטאַרקער האָבען געציטערט די פינגער פון די אין די טאַשען פערבעהאַלטענע הענד.

— גוט געטהאָן, וואָס מען האָט איהם משלח געווען אויף יענער וועלט! זאָלען זיי וויסען! אַ נייע מאָדע גאָר: וואַרפען באָמבען!

— דער רוח וויים, וואָס דאָס איז אַזוינס, — האָט שטיל בעמערקט עמיצער כמעט שעווירעוו'ן אין אויער אַריין.

ער האָט זיך שנעל אומגעקוקט און דערזעהען אַ פּאָר יונגע אויגען, וואָס האָבען געקוקט אויפ'ן עולם מיט פעראַכטונג און עמפערונג.

דאָס איז געווען אַ זעהר יונגינקע מיידעל מיט אַזאַ העל־רויט אויפ'ן פּנים, גלייך ווי נור וואָס האָט מען איהר אַ קיצעל געטהאָן.

— גערעכט, טאַקי גוט אַזוי! — האָט איהר אָבגעענטפערט איהר בעגלייטער, אַ סטודענט.

— וואָס רעדט איהר?

— און רעכענט איהר, ס'וואָלט בעסער געווען, זיי זאָלען איהם אויפהענגען?... — האָט ביטער געענטפערט דער סטודענט און אַנטשוויגען געוואָרען.

שעווירעוו האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטהאָן אויף איהם. אָבער דער סטודענט האָט עס בעמערקט, האָט זיך פּלוצלונג

צוזאמענגעדריקט און, א ריהר טהוענדיג די מיידעל פאר'ן האנד, געזאגט:

— קומט, מארוסא!

— זיי טראגען איהם, זעהט, זעהט! — האבען די מענשען צורערט זיך און פלוצלונג האט דער עולם זיך א לאז געטהאן צו די טויערען.

צוערשט האבען זיך בעוויזען נאר די קעפּ פון די פאליציי־לייט, פון וועלכע צוויי זיינען געווען אהן היטלען, דערנאך א זשאנדארם. עפּעס האבען זיי געטראגען, נאר מען האט זיך ניט געקענט חאפּען, וואס דאס איז געווען.

— איי, פאטערלעך מיינע טייערע! — האט אויסגעשריען א נאאיווע שטימע פון א פויערטע.

— אן א זייט! אן א זייט! — האבען געשריען די פאליציי־לייט אויף די פערד, אריינפאהרענדיג אויפ'ן עולם. די פערד האבען געדרעהט מיט די אויערען און מיט אן אונפערשטענדליכען געזיכטס־אויסדרוק געקוקט אויף די מענשען, וועלכע האבען זיך געדרעהט צווישען די פיס. דער עולם האט זיך אבגערוקט. עס האבען זיך קלאר ארויסגעזעהען שוין די פאליציי־לייט און הויז־היטער, און צווישען זיי האט געפלאטערט עפּעס ווייסעס.

עפּעס ווי א ווינד איז דורכגעפלויגען איבער'ן עולם. אנדערע האבען אראבגענומען די היטלען, און עס איז געווארען שטיל.

— אהערצו! סטעפּאנאָוו, נעהם זיך אן א זייט, — האבען זיך איבערגערעדט די מענשען, וואס האבען געטראגען דעם טויטענס קערפּער.

און שעווירעוו האט דערזעהן די טראג־ברעטער, פערדעקטע מיט עפּעס ווייסען, וואס האט געלאזט אבער קלאר און שרעקליך ארויסזעהן די קאנטורען פון'ם אונבעוועגליכען מענשליכען קערפּער. דאס געזיכט פון'ם טויטען איז געווען פערדעקט, אבער פון אונ־טען דעם לייליך האבען זיך ארויסגעוויזען די לאנגע קאשטאניען האר, וואס האבען זיך שטיל בעוועגט אין'ם טאג־שיין, און א טייל פון א ווייסען, ביינינגען שטערען.

„און ליעבע, און זעלבסט־אויפאפּפערונג און רחמנות!" האט דערהערט שעווירעוו דעם טיעפען, אויפגערעגטען באס, און זיין פנים האט אויפגעציטערט פון א פלוצלינגער קאנוואולסיאן.

דער עולם מענשען האָט צוגעדעקט דעם טויטען קערפּער און געזעהן האָט מען נור, ווי עס האָט זיך א ריהר געטהון, צואוויגט זיך און שטיל געגומען אוועקשווימען איבער די קעפּ דער גרינער דאַך פון'ם לאַזאַרעט־אמבולאַנס.

דער עולם האָט אָנגעהויבען צוגעהן זיך.

געבליבען זיינען נור א פּאָר קליינע געזעמלען מענשען, דער בעל־מלאכה האָט נאָך אַלץ דערצעהלט, פאָכענדיג מיט די הענד, אָבער די גאַס איז שוין ליידיג געוואָרען און ווידער זיינען געגאַנ־גען מענשען און געלאָפען פערד און געטראָגען זיך עקיפּאַזשען און וועגען, גלייך ווי גאָרניט איז געשעהן.

שעווירעוו האָט א זיפץ געטהון, אָבער באַלד איבערגעריסען דעם זיפץ און, טיעף אריינרוקענדיג די הענד אין די טאַשען, איז ער אוועקגעגאַנגען ווייטער, טרעטענדיג זיך אויס א וועג איבער'ן קלינגענדיגען טראָטואר, פארביי מאַגאַזינען, לאַמטערנען, מענשען און רייכע הייזער.

דער טאָג איז געווען א וואַרימער, א ליכטיגער. א ווייסער הימעל האָט זיך צושפּרייט הויך איבער'ן שטאָדט, און איבעראַל זיינען ארומגעלאָפען האסטיג מענשען, אריינגעגאַנגען אין די קראָ־מען, און גערעדט איינער מיט'ן אנדערען. אַלעס איז געווען ווי נעכטען און אייערנעכטען און אפילו אין'ם עק פון דערזעלבער גאַס האָט שוין גאָרניט דערמאָהנט אָן דעם שרעקליכען טויט און די אַלעמען אונבעקאַנטע ליידען, וועלכע זיינען אויף אייביג אויס־געמעקט געוואָרען פון לעבען און געדעכטניש פון דער מענשהייט.

שעווירעוו איז געגאַנגען איינער אַליין צווישען דעם עולם און שווערע געדאַנקען האָבען זיך געדרעהט ביי איהם אין קאָפּ אין א אונענדליך שוואַרצען קרייז.

ער האָט זיך דערמאָהנט, אז אויך דאַמאָלס, ווען מען האָט אויפגעהאַנגען זיין געליעבטע, און דאַמאָלס, ווען איהם איז אויס־געקומען צו לעזען וועגען דעם טויט פון זיינע גוטע בעקאַנטע, — די היילינע, מוטיגע מענשען, וואָס האָבען געאָפּפערט מיט זיך, — האָט אויך קיינער ניט געשריען פון וועהטאָג און שרעק און קיינער האָט ניט פערגעסען צו טהון זיין געוועהנליכע, טאָג־טעגליכע אר־בייט. מענשען האָבען ניט אָבגעשטעלט איינער דעם אנדערען, כדי צו דערצעהלען די שרעקליכע און טרויעריגע נייעס. אזוי ווי

איצט, זיינען זיך דאמאָלס רוהיג געגאנגען די טראמוויי׳ען, געהאנ־דעלט די קראָמען, קאָקעטירט די פרויען און קיינעם האָט ניט גע־ארט, וואָס זיין הארץ ווערט אויפגעפרעסען פון פיין, שרעק און האָפנונגסלאָזיגקייט.

און אין זיין פערשלאָסענער נשמה איז געוואקסען אלץ מעהר די שרעקליכע, קאלטע פיינדשאפט און די אויגען זיינע האָבען גע־קוקט אויף די פארבייגעהער — די יונגע, אלטע, זאטע, הונגעריגע, גליקליכע, אומגליקליכע, — מיט דעמזעלבען אויסדרוק, גלייך ווי ניט הונדערטער פנימער זעהט ער, נור איין גרויסען מענשליכען פנים, וועלכען ער האָט אויפגעוואָרפען זיינע עולות און אזוי ווי געזאָגט: „איהר אלע, אלע זייט שולדיג אין די אלע ליידען און אומזיסט וועט איהר ארויפוואַרפען די שולד אויף אייערע גערונ־גענע קנעכט, וועלכע איהר צאָהלט, אז זיי זאָלען זעצען זיך אויף אייערע אויסגעמאָגערטען האלז!... איהר זייט דאָך אזא מאכט! ווער וואָלט געקענט שטעלען זיך אייך אנטקעגען, אויב איהר אלע וואָלט ניט געוועזן אזוי גלייכגילטיג, בייז אָדער דערשלאָגען? !... איך וויל ניט האָבען צו טהון מיט די שענדליכע מערדער, וועלכע טויטען מיט די וואפען, וואָס איהר האָט זיי אין די הענד אריינ־געלעגט, איך וועל זיך רעכענען נור מיט אייך אליין, מיט אייך אלע!“

זיינע געדאנקען האָבען זיך געדרעהט אין א שווארצער פינס־טערניש, און דאָס פערשפיצטע אויער האָט שארף אויפגעכאפט עפעס טריט פון א מענשען, וועלכער פערפאָלגט איהם.

נאָך שטעהענדיג נעבען דעם הויז, האָט שעווירעוו דערפיהלט אויף זיך עמיצענס קלוגע, שלעכטע, אומרחמנות׳דיגע אויגען, וואָס האָבען זיך געהאלטען אין איין אויסבעהאלטען פון איהם. ער האָט זיך אומגעדרעהט א צוויי מאָהל, אָבער ער האָט גאָרניט בע־מערקט. ארום איהם זיינען געווען אלץ אונבעקאנטע, אויפגע־רעגטע פנימ׳ער. אָבער דאָס געפיהל פון פאטאלען איז געוואקסען, און זיין הארץ האָט געקלאַפט אונרעגעלמעסיג און אונזיכער.

דער ברייטער טייך, מיט זיינע בלייערנע וועלען, רויכערענדיגע שיפען, האָט זיך געזעהען אויפ׳ן עק גאס. ווייט, אויף יענעם ברעג, האָבען פערנעבעלט געבלאָהט זיך הייזער, גערטען און פאב־ריק־קוימענס, און איבער זיי האָט זיך געלעגט א שווארצער רויך,

וואָס האָט פֿערשמירט דעם ראַנד פון'ם הויכען, ליכטיגען הימעל.
שעווירעוו האָט א טראַכט געטהון און זיך געלאָזט צום בריק,
וואָס האָט געפיהרט צום אַנדערען ברעג.
און פּלוצלינג האָט ער זיך אומגעקעהרט.

דערשראָקענע, מענשליכע אויגען האָבען איהם גלייך געקוקט אין געזיכט אריין. א מענש מיט זעהר העלע וואָנצען און א הארטען הוט איז שיער ניט ארויפגעפאַלען אויף איהם. אויף א מינוט האָבען זיך זייערע בליקען בעגעגענט און פערגליווערט געוואָרען, דערפיהלענדיג, אז עפּעס שרעקליכעס פערבינדט זיי. אָבער דאָס איז געווען נור איין סעקונדע און ווידער, ווי גאָרניט איז געשעהן, האָט זיך שעווירעוו אָבגעקעהרט און אוועק געגאַנגען ווייטער, און דער מענש האָט איהם שנעל איבערגעיאָגט און פערגאַנגען פאַרויס.

דאָס איז פאָרגעקומען אזוי שנעל און בליצאַרטיג, אז שעווירעוו האָט א טראַכט געטהון, אז ער האָט געהאַט א טעות. אָבער זיין הארץ האָט געשלאָגען נערוועז און געדעמפּפט, עפּעס אזוי ווי עס וואָלט איהם געוואָרענט פון אן אומגליק. און פּלוצלינג האָט שעווירעוו בעמערקט א שוואַרצע פיגור פון א פּאָליצייאיסט, וואָס ווישט רוהיג די נאָז מיט א ווייסען האַנדשוה. דער מענש אין'ם הארטען הוט איז געגאַנגען זיין וועג, האָט זיך בעגעגענט מיט'ן פּאָליצייאיסט און געגאַנגען ווייטער, ניט ענדערענדיג זיין טריט. עס האָט זיך געדוכט, אז ער איילט זיך ערגעץ. אָבער דער פּאָליצייאיסט האָט אויפגעציטערט, אראָבגעלאָזט די האַנד, א קוק געטהון מיט פערוואונדערונג אויף איהם און אומגעקוקט זיך א צוטומעלטער.

אין דערזעלבער מינוט האָט זיך שעווירעוו שנעל און שאַרף, אזוי ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף דער געלעגענהייט, פערקירעוועט צוריק, האָט זיך דורכגע'גנב'עט צווישען א קאָמפּאַניע בוי־ארבייטער, וועלכע זיינען געגאַנגען איהם אנטגעגען, און געלאָזט זיך צוריק צום ברעג טייך. ער האָט ניט אומגעקוקט זיך, אָבער מיט'ן גאַנצען לייב זיינעם, וועלכעס איז געוואָרען אונגעוועהנליך לייכט, האָט ער דערפיהלט, אז מען קוקט אויף איהם, יאָגט זיך נאָך נאָך איהם און באַלד וועט מען איהם כאַפּען. און א שאַרפען און איילינען קוק האָט ער געוואָרפען אויף די ברעג־

גענענד. אינדערוויַיטענס האָט זיך געזעהן דער זומער־גאָר־טען און דער פערבויג צום „מארס פעלד“. שעווירעוו האָט שנעל בערעכענט, ווי וויַיט ער וועט דארפען געהן, און האָט פערשטאנען, אז דערגעהן אהין וועט ער ניט קענען, אז די גאנצע געגענד איז העל־בעלייכטעט, גלאַט, און ניט־געשיצט, ווי א אייביגע וויסטעניש. און איהם האָט זיך געדוכט, אז אין דעם טומעל פון די טויזענדער מענשען איז ער אזוי איינזאם, אָבגעריסען פון אלע און אין גע־פאהר, ווי אויפ'ן ליידיגען, שניילאָזען פעלד.

„נו, מילא... איז דען ניט אלץ איינס!“ — האָט ער גלייכ־גילטיג געטראכט און געבליבען שטעהן אן אפּאטישער, א שווע־רער, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט דורכגעשניטען די לופט א שארפער פייף פון א קליינעם פינלענדישען שיף, וועלכע האָט גע־האלטען שוין ביים אוועקגעהן. מיט דער געניוינקייט פון א מאשין, כמעט ניט טראכטענדיג, איז שעווירעוו שנעל ארויפגעלאָפען אויף דעם וואקעלדיגען בריקעל, איז דורכגעשפּרונגען דעם אייזערנעם טויער און אראָבגעלאָזט זיך אויפ'ן באָרט פון'ם שיפעל, עפּעס צווי־שען מענשען, וועלכע האָבען זיך איילינ צוזעצט אויף געלע בענק. ערשט דאמאָלס האָט ער זיך אומגעקוקט.

גאנץ וויַיט, ביי'ם אריינגאנג צום בריק, האָט שעווירעוו דער־זעהן זיי: דריי מענשליכע פיגורען, וואָס זיינען געווען אָבגעטיילט פון דער גאנצער וועלט.

דאָס זיינען געווען א שווארצער סאָלדאַט אויפ'ן פערד, א פּאָ־ליציייאיסט און דער דעטעקטיוו. זיי האָבען גע'ישוב'ט זיך וועגען עפּעס, קוקענדיג צום שיף, און האָבען זיך געשטויסען אויף איין אָרט. שעווירעוו האָט פערשטאנען, פארוואָס זיי זיינען אזוי צו־טומעלט: זיי האָבען ניט געוואוסט, צי וועלען זיי קענען זיין אויפ'ן שיף, איידער עס וועט אָבגעהן אָדער ניט. זיי האָבען זיך געריסען אהין און אהער. ענדליך האָט זיך דער פּאָליציייאיסט ענטשלאָסען. האלטענדיג דאָס שווערט אין האנד, איז ער דורכגעלאָפען א דריי טריט אין שעווירעוו'ס ריכטונג, אָבער אין דערזעלבער צייט איז דאָס שיף שוין אָבגעגאנגען פון ברעג. דערזעהענדיג דאָס, האָט דער פּאָליציייאיסט א טרייב געטהון דאָס פערד און געלאָזט זיך אין גאלאָפּ צום בריק און דער אנדערער פּאָליציסט, מיט'ן דעטעקטיוו, זיינען אוועקגעלאָפען ערגעץ.

„צום טעלעפאָן לויפען זיי... וועלען באלד געבען צו וויסען דער פאָליציי!" — האָט געטראַכט שעווירעוו, אזוי ווי איינער וואָלט איהם דאָס אונטערגעזאָגט.

און ווידער האָט ער זיך מיט דערזעלבער שנעלקייט און גע־ניטקייט פון א מאשין ארויפגעכאַפּט אויפ'ן באָרט שיף, האָט מיט'ן אויג אויסגעמאָסטען דעם שמאָלען פאס וואסער צווישען דער שיף און ברעג, און א שפּרונג געטהון. עטליכע מענשען האָבען א געשריי געטהאָן פון שרעק, אָבער שעווירעוו האָט געהאָט גליק. ער האָט זיך אויסגעגליטשט, שטעהענדיג שוין אויפ'ן בריקעל און שיער ניט אריינגעפאלען אין וואסער, אָבער ער איז צו זיך געקומען באלד, איבערגעלאָפען די בריקלעך אין א סעקונדע און אוועקגעלאָזט זיך ווידער צום זומער־גאָרטען.

ער איז געגאנגען שנעל, אלץ מאכענדיג גרעסערע און גרע־סערע טריט, און איינהאלטענדיג זיך מיט אלע קרעפטען, ער זאָל ניט לויפען, איבריגענס זיינען שוין סיי ווי סיי פערשיעדענע מענ־שען אויפמערקזאם געוואָרען אויף איהם און האָבען זיך פערוואונ־דערט אומגעקוקט. עפּעס א שרעקליכע קראַפט האָט איהם גע־שטויסען אין רוקען. עס האָט זיך געוואָלט אומקוקען און ער האָט מורא געהאט — ריכטיגער ער האָט ניט געקענט. איהם האָט זיך געדוכט, אז אָט כאַפּט מען איהם שוין, אז צעהנדליגער הענד ציהען זיך צו איהם פון אלע זייטען.

די בוימער, געלע ברעטער, דאָס שעהנע הויכע אייזענגיטער, די דאמען, אָפיצירען און קינדער זיינען ווי אין חלום דורכגעלאָפען שנעל פאר זיין אויג. ניט פערקירעווענדיג אין גאָרטען, כמעט לוי־פענדיג, א בלייכער און פערווילדערטער, האָט שעווירעוו זיך פער־נומען צום בריקעל איבער דער פאָנטאנקא. אונטען האָט ער גע־זעהן די פלאכע רוקענס פון די שווערע לאסט־שיפלעך, די איינ־געבויגענע פויערים, וואָס זיינען געזעסען אויף זיי, די נעבעלהאפ־טע ווייטקייט פון הייזער און בולווארען און, שוין ניט איינהאל־טענדיג דעם משוגע'נעם, פאנישען שרעק, האָט ער געלאָזט זיך לויפען אראָב.

דער פאָליציסט, וואָס איז געשטאנען אויף דער וואך, א גרוי־סער סאָלדאַט, מיט גרויע וואָנצען, האָט איהם עפּעס א געשריי געטהון. אָבער שעווירעוו האָט ניט געהערט גאָרנישט. ער האָט

אויסגעמידען אן עקיפּאזש אויפ'ן וועג, דערזעהן פאר זיך א פער־וואונדערטען פרויען־געזיכט אין א מאָדנעם, העל־בלויען הוט און, אראָבלויפענדיג פון בארג, אויסמיידענדיג נאָך פערד און עקיפּאַ־זשען, וואָס זיינען געשטאַנען אין וועג, איז ער אריינגעלאָפען אין א לײדיג געסעל.

א ווייטען, פּיעלשטימיגען טומעל האָט ער געהערט הינטער זיך, אָבער ער האָט זיך ניט אומגעקוקט און, ניט פערשטעהענדיג שוין גאָרנישט, האָט ער זיך געוואָרפען אין די ערשטע אָפענע טויערען. ער האָט דערזעהן א טיעפען, ווי א ברונעם, הויף, צו־האקטע האָלץ, זעהר פיעל פענסטער, וואָס האָבען מיט א גרויסער נייגיריגקייט פערקוקט זיך אויף איהם. אַ דינסטמיידעל מיט צוויי קינדער אין העל־בלויע קאַפּאָר'לעך זיינען שיער ניט געפאלען איבער איהם.

— וואָס שפּרינגסטו, ווי א פעררוקטער! האָט שיער די קינ־דער ניט דערשטיקט! — האָט זי א געשריי געטהאָן, אָבער, ניט ענטפערענדיג איהר, איז שעווירעוו געלאָפען ווייטער, פארביי זיי. דורכ'ן טויער, וועלכער איז געווען ענליך צו א פּייכטען, שמוציגען קעלער, אין א צווייטען הויף אריין.

איהם האָט זיך געדוכט, אז דאָס דינסטמיידעל האָט געשריען:

— אין יענעם טויער איז ער אריינגעשפּרונגען... אין יענעם!..

ווידער האָבען זיך איהם געוואָרפען אין די אויגען צעהנדליגער פענסטער און טירען, ווידער זיינען געבליבען שטעהן און געקוקט אויף איהם עפּעס מענשען, מיט אונבעקאנטע, אונפערשטענדליכע געזיכטער, און אומעטום איז אלעס געווען אויפגעהוילט, נאקעט, ווי אין א וויסטעניש, ניטאָ וואוהין צו בעהאלטען זיך און אלע ארום איהם האָבען איהם אָבגעשטויסען, ווי א שונא.

שעווירעוו איז געבליבען שטעהן, האָט זיך אומגעקוקט. פון הינטען, אין דער פינסטערניש פון'ם טויער האָט שעווירעוו דער־זעהן, ווי אין אַ געמעהל, מענשען, וואָס האָבען זיך געיאָגט נאָך איהם איבער'ן ערשטען הויף.

פאָרויס איז געלאָפען דער זעלבער פעטער פּאָליציסט אין א שווארצען מאַנטעל, און שעווירעוו'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אז לויפענדיג צילעוועט ער זיך אין איהם פון'ם רעוואָלווער. אָבער דאָס איז געווען מאָמענטאַן, ווי א זעהונג און אין א מינוט ארום האָט

ער דערזעהן א טויער, וואָס פיהרט אין א זייטיגען הויף און, קוים כאַפּענדיג דעם אָטעם, שטיקענדיג זיך מיט דעם שפּייעכץ, מיט א שרעקליכען וועהטאָג אין הארצען, האָט ער זיך א וואָרף געטהון אהין.

עמיצער, א ווילד־פרעמדער, אן אונבעקאנטער, וואָס איז גלייכ־גילטיג געגאנגען איהם אנטגעגען, איז געבליבען שטעהן, האָט א קוק געטהון אהין, איבער שעווירעוו'ס קאָפּ און האָט פּלוצלינג צו־שפּרייט די הענד און פערשטעלט דעם וועג און א עקעלהאַפטע, חיה'שע גרימאסע האָט זיך צושפּילט איבער זיין פּנים.

— ע... שטעהט, שטעהט נור דאָרט! — האָט ער א געשריי געטהון כמעט פרעהליך.

— לאָז! — האָט הייזעריג געענטפערט שעווירעוו, — ניט אייער געשעפט!

— ע, ניין... שטעהט נור אביסעל! קאראול! — האָט שוין צושריען זיך מיט אלע כוחות דער מענש און געכאַפּט שעווירעוו'ן.

— האלט! — האָט מען געשריען פון הינטען מיט הנאה.

אויף א סעקונדע האָט שעווירעוו דערזעהן פון דער ווייט א אונבעקאנט געזיכט, מיט שווארצע ווענצלעך און נאריש־אכזריות'־דיגע אויגען און האָט פּלוצלינג, מיט אן אונגעוועהנליכער קראַפט, וועלכע האָט זיך אין איהם דערוועקט פון האָפנונגסלאָזיגקייט און אונענדליכען כעס, דערלאנגט דעם דאָזיגען עקעלהאַפטען פּנים מיט דער פויסט, עלענבויגען און דער גאנצער האנד.

— אָט... — האָט זיך ארויסגעריסען פון'ם הארצען פון'ם מענש, וואָס איז ווי א זאק מעהל אוועקגעשמיסען געוואָרען אן א זייט.

— א־אח! האלט איהם! — האָט געהאנגען אין לופטען און די ריינע טרעלען פון א פּאָליציי־פייף האָבען זיך איינגעשניטען אין די אויערען.

אָבער שעווירעוו האָט זיך פערקירעוועט אין א ווינקעל און האָט פּלוצלינג דערזעהן אין דער פינסטערער וואנד פון'ם הויכען הויז, וואָס האָט איהם פערשפּארט דעם וועג, א ליכטיגען פלעק: א טויער אין גאס אריין און די שווארצע סילועטען פון מענשען און פערד, וואָס האָבען זיך געטראָגען אויף דער גאס.

.14

קאלט און אונהיימליך איז געווען ארום, ווי אין א גרויסען בית עולם. עס האט געשמעקט מיט נאסעם ליים און געבראכענע ציגעל, און נאך עפעס א מאדנער גערוך, ווי פון הונדערטיעהריגען שטויב, האט זיך געטראגען פון א ווינקעל, אין וועלכען ס'האט זיך פערקליבען שעווירעוו.

שוין עטליכע שטונדען איז ער געזעסען דא, א בעהאלטענער הינטער'ן מיסט־קאסטען, אין'ם ווינקעל פון'ם גרויסען הויז, וואס האט זיך געהאלטען ביי'ם איבערבויען. דארט, וואו די רויטליכע פלעקען פון ליים און די צושטערטע ווענד, וואס האבען פאנאנדער־געעפענט זיך, ווי וואונדען, האבען נאך ניט אויפגעפרעסען אלע שפורען פון דער אלטער גרויסקייט, האבען זיך געזעהן נאך די אבגעריסענע שטיקלעך אלטע, רייכע טאפעטען און די רעשט פון די פערגילדונגען און פערצירונגען. אמאל האבען דא געוואוינט מאדנע, אנגעפודערטע מענשען פון פערגאנגענע דורות, מעכטיגע און שטארקע, ווי געטער. מעגליך, אז אין דעמזעלבען צימער האט געשלאפען אן עלעגאנטע און פוילע מארקיזע, אן אויסגעפוצטע אין שפיצען און באטיסט — א וואונדער פון שעהנקייט, פערצערטעלטקייט און לוקסוס, וואס האט זיך צובליהט אויפ'ן יסוד פון די הונדערטיעהריגע ארדנונגען, וועלכע האבען גערדיקט די שווארצע ערד, די אנגעטרונקענע מיט בלוט און בעמיסטיגטע מיט טויטע קערפערס. און איצט איז אלץ צושטערט געווארען פון די רויהע, גיריגע הענד פון די נייע בעלי־הבתים פון לעבען, און אין'ם העלבלאהען ווינקעל, אויפ'ן פאן פון בלייך־גילדענע ליליען, האט זיך איינגעקארטשעט א צופאטעלטע, ווילדע פיגור'ל, מיט א רעוואלווער אין האנד.

שעווירעוו איז אהער פערלאפען, האבענדיג אבגענארט זיינע פערפאלגער. ער איז דורכגעקראכען דעם הויף מיט האלץ און אריבערגעשפרונגען דעם פארקאן. אין אנהויב האט ער גערעכענט, אז דאס איז זעהר ניט קיין זיכערער ארט, אז פריהער פון אלעמען וועט מען דורכזוכען דאס ניט־בעוואוינטע הויז, אבער ער האט שוין ניט געהאט מעהר קיין כחות צו לויפען ווייטער, און ער איז געבליבען דא.

א לאנגע צייט האט ער נאר הייזעריג אבגעאטעמט זיך און

קאָנוואולסיוו געדריקט דעם רעוואָלווער אין דער אָבגעשוואכטער האנד, גרייט צו טויטען יעדען איינעם, ווער עס וועט זיך נור בע־וויזען אין דער חורבה פון די צושטערטע טירען. ער האָט גע־הערט געשרייען פון מענשען און אַ טופּען פון פיס, וואָס לוי־פען שווער איבער די רואינען פון די מארמאר־טרעפּ. זיין ברוסט האָט זיך געהויבען, ארויסלאָזענדיג עפּעס אַ פערדעכטיגען קלאנג און די ווילדע אויגען האָבען געברענט, ווי ביי אַ צום־טויט פער־הערצטען וואָלף. אָבער מינוטען, און שפּעטער־צו שעה'ן זיינען פערגאנגען, און אַלעס איז געווען שטיל און לעדיג, נור שוואך האָ־בען זיך דערטראָגען ווען־ניט־ווען שוואכע גאסען־קלאנגען.

שעווירעוו האָט שוין ניט געקענט לאָגיש טראכטען און האָט שלעכט פערשטאנען, וואָס עס קומט פאָר. ער האָט אינסטינקטיוו געוואַרט עס זאָל פינסטער ווערען און יעדעס מאָל האָט ער פער־מאכט די אויגען, ניט זייענדיג שטארק גענוג צו קעמפּפען מיט דער שרעקליכער שוואכקייט, וועלכע האָט ארומגעכאפּט זיין לייב און האָט איהם געוואָרפען אין אַ עקעלהאפטען פיבער. פאַר זיינע פערמאכטע אויגען האָבען זיך געטראָגען גאסען, עפּעס פּנים'ער, הענד אויסגעשטרעקטע צו איהם. אין זיינע אויערען האָבען נאָך געקלונגען די געשרייען און די פייפעריי. צוויי מאָל האָט מען געשאָסען אויף איהם, אָבער דאָס האָט זיך זעהר שוואך אָבגעקריצט אין זיין געדעכטניש. ווער ווייס, אפשר האָט זיך דאָס אַלץ נור אויסגעדוכט. דערפאַר האָט געמאכט אויף איהם אַ שרעקליכען איינדרוק דאָס, וואָס אַלע, וועלכע זיינען איהם געקומען אנטקעגען אין דער צייט פון דעם שרעקליכען, טויטליכען געלאַף, זיינען גע־ווען זיינע שונאים!... קיינער האָט ניט געפּרואווט צו העלפען איהם בעהאַלטען זיך, צו בעשיצען, פערהאַלטען זיינע פערפאָלגער, אָדער, וועניגסטענס, אָבטרעטען איהם דעם וועג. און אויב עס זיינען געווען מענשען, וואָס האָבען ניט געפיהלט דעם נארישען, ליידענשאפטליכען כעס צו איהם, אויב אנדערע האָבען זיך ניט גע־שטעלט אויף זיין ליידענס־וועג, מיט הענד אויסגעשטרעקטע, כדי צו כאפּען איהם, זיינען דאָס געווען אָדער גלייכגילטיגע, אָדער נייגיריגע, וואָס האָבען מיט פערגניגען געקוקט אויף דער דאָזיגער מענשען־יאגד.

און דער געדאנק וועגען די דאָזיגע נייגעריגע איז געווען שארפער

און האָט מעהר געפרעסען שעווירעוו׳ס נשמה, ווי די פּנים׳ער פון זיינע פערפאָלגער, וועלכע ער האָט זיך גאָרניט געקענט פאָרשטע־לען. דאָס איז געווען עפּעס אונפערזענליכעס און בלינדעס, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך איהם, ווי דערעסירטע הינט.

שעווירעוו האָט געטראכט ניט וועגען דעם, ווי נאָהענט דער טויט איז און ווי ווייניג האָפנונג ער האָט צו רעטען זיך; געטראכט האָט ער וועגען דעם, אז איהם וועט זיך ניט איינגעבען צו פער־ווירקליכען דעם גראנדיעזען געדאנק, וועלכען ער האָט מיט אזא פיינליכער פיינדשאפט און פיינליכער ליעבע אויסגעטראָגען אין זיין הארצען אזוי פיעל יאָהר. ער האָט זיך דערמאָנט אָן יענעם שענעם אָפיציר, וועלכער האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס שווערד און שיער ניט דערלאנגט איהם איבער׳ן קאָפּ; ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם סאָלידען עלטערען מענשען, וועלכער האָט אויסגעשטרעקט דעם שטעקען, כדי אָבצושטעלען איהם. ער האָט זיך דערמאָנט נאָך אָן פערשידענעס, און האָט געציטערט פון פיינדשאפט און פעראכטונג. ער האָט פערשטאנען, אז אלעס איז פערפאלען און אז די אלע מענ־שען מעגען רוהיג לעבען ערוואַרטענדיג, אז באלד וועלען זיי לעזען אין די צייטונגען נייעס וועגען זיין פיינליכען און איינזאמען טויט. ווען שעווירעוו האָט קלאָר, וואָס קלאָרער קען ניט זיין, פערשטא־נען זיין מאכטלאָזיגקייט, איז ער שיער ניט דערשטיקט געוואָרען פון אָן אַנפאַל פון אַ אונגלויבליכער בייזקייט און האָפנונגס־לאָזיגקייט.

אָבער די צייט איז זיך געגאנגען איהר גאנג, ביסלעכווייז האָט זיך בערוהיגט דאָס הארץ, וואָס האָט געקלאַפּט אזוי קאָנ־וואולסיוו, האָט אויפגעהערט שווער צו אָטעמען די ברוסט, און די איינגעקאָרטשעטע הענד האָבען זיך פון זיך אליין גענומען אראָב־לאָזען אין שווערער טויט־מידקייט. אזוי ווי עפּעס אָנגעשטרענגטעס ביז׳ן לעצטען גראד האָט זיך אָבגעריסען און אלע געפיהלען און געדאנקען זיינען פּלוצלינג אָבגעפאלען ווי אַ הארץ, וואָס פּלאצט פּלוצלינג פון אונערטרעגליכען ליידען. ער האָט זיך בערוהיגט, און די רוהה איז געווען די שווערע טויט־רוהה, וואָס נעמט ארום אַ מענשען, ווען דער שטריק איז שוין אויף זיין האלז און קיינער־ניט, — ניט מענשען און ניט געטער, — וועלען איהם שוין מעהר ניט רעטען. אַ שרעקליכע גלייכגילטיגקייט האָט איהם ארומגעכאַפּט.

און אויב איצט וואָלטען אריינגעריסען זיך, מיט געשרייען פון פרייד, זיינע פערפאָלגער, וואָלט שעווירעוו אודאי קיין ווידער־שטאַנד ניט בעוויזען.

שוואַכער איז געוואָרען דער פערמאַטערטער לייב. עפּעס א ווייסער נעבעל האָט זיך געצויגען אין דער הויף, ארום איהם, און ארומגעוויקעלט איהם, ווי תכריכים א טויטען, אָבשיידענדיג איהם פון דער גאַנצער וועלט. עפּעס שטילעס האָט געקלונגען אין די אויערען זיינע, און געוואָלט האָט זיך נאָר איין זאַך: פערמאַכען די אויגען און מיט'ן קאָפּ אריינוואַרפען זיך אין דער פינסטערניש, שטילקייט און אונבעוועגליכקייט.

— מען טאָר ניט שלאָפען! — האָט ער זיך געזאָגט.

א שווערער נעבעל האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אָנגעלעגט אויף זיין מח, אַלעס איז אוועקגעשוואומען פון זיין בעוואוסטזיין, און מינוטענווייז איז שעווירעוו געשלאָפען כמעט מיט אָפענע אויגען.

פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אויפכאַפּען, דערמאָנען זיך אָן עפּעס, אויפציטערען, שארף אומקוקען זיך און ווידער אריינ־פאַלען אין א פייניגענדע שלעפעריגקייט, פיהלענדיג ווי עס ווערט אַלץ קאַלטער זיין לייב, וואָס ווערט דורכגעדרונגען מיט דער פייכט־קייט פון דעם נאַסען ליים.

אנטגעגען איהם, פון א האלב צושאָטענער וואַנד, האָט זיך קאָקעטיש געפלאָכטען א קאַפּריציעזע ראָזעטע און האָט שרעקליך געפייניגט שעווירעוו'ן אָהן יעדען זין. צייטענווייז, האָט ער קלאָר געזעהן, אז דאָס איז ניט מעהר ווי א שטיק צובראָכענער מאַרמאָר, אויף וועלכען ס'האָבען זיך נאָך געזעהן געמעהלען פון אונגעוועהנ־ליכע פלאַנצען. אָבער צייטענווייז האָט די געמעהלען פערדעקט א פינסטערניש, און זיי זיינען געוואַקסען, האָבען געריהרט זיך, אָנ־גענומען קאָשמאַר־פאָרמען, דאָס ווערענדיג לענגער, דאָס ווערענדיג קירצער, דאָס צוזאַמענגיסענדיג זיך אין א שרעקליכען, מענשליכען געזיכט.

אָבער סוף כל סוף איז שעווירעוו ענדליך אנשלאָפען געוואָרען, ווייל ווען ער האָט געעפענט אויף א מינוט די גאַנץ פערשלאָסענע, דוכט זיך, אויגען, האָט ארום געבליהט די טיפע דעמערונג און אין איהר האָבען זיך געטונקען די ווייטע ווינקלען און די רואינען

פון אמאליגער פראכט. די פינסטערניש האט זיך געהויבען איבער די האלב צושטערטע וועגט, געקליבען זיך אין די ווינקלען און גע־קוקט פון די טירען, פון די אויסגעליידיגטע זאלען. עפּעס גע־שפּענסטער האבען שטיל בעוועגט זיך דארט, גלייך ווי עס זיינען אויפגעשטאנען תחית המתים די געשפּענסטער פון אמאליגע מענ־שען, וועלכע זיינען געזעסען דא, געליעבט און געליטען און גע־שטארבען דא, ווען עס איז געקומען די פאטאלע שעה.

מיט וועלכער פערוואונדערונג וואלטען געקוקט די אנגעפּור־דערטע גראפען און מארקיזינען אויף דעם קליינינקען, דערשראקע־נעם, מאדנעם מענשעל, וועלכער האט זיך צוגעטוליעט צו דעם וויג־קעל, מיט דעם רעוואלווער אין האנד.

שעווירעוו האט זיך אויפגעכאפּט אזוי ווי פון א שרעקליכען שטוים.

מיט איהם איז געשעהן עפּעס אונפערשטענדליכעס. ער האט לכתחלה ניט געקענט כאפּען וואו ער איז און וואס איז מיט איהם; עפּעס א גרויסע פרייד האט ערשיטערט זיין גאנצע זעעלע; זיין גאנץ וועזען איז געווען אנגעשטרענגט אין אן אונמענשליכען עקס־טאז, און זיין הארץ איז געווען ווי א ברעכיגער, גלעזערנער געפעס, וואס וועט באלד־באלד צוברעכען זיך אויף שטיקלעך. געהאט האט ער דאס געפיהל, אז ער האט נישט לאנג א וואונדערבארע, שרעק־ליכע זעהונג געהאט. מעגליך, אז דאס איז געווען א האלוצינא־ציאן, מעגליך, האלב פערגעסענע עראינערונגען, מעגליך, אז זיין ערשיטערטער, דאך ניט אינגאנצען פערשלאפענער מח, האט גע־וועבט זיך זיינע פאנטאזיען.

„וואס האב איך געזעהן? — האט ער געפרעגט זיך א צור־טומעלטער. — עפּעס גרויסעס, וויכטיגעס, וואס נעהמט אין זיך אריין דאס גאנצע לעבען, ווי דער ים — א טראפּען וואסער... וואס איז דאס אזוינס!... מען דארף דערמאנען זיך“...

אבער אזוי ווי אן אייזערנער פארהאנג האט זיך אראבגעלאזט איבער זיין מח. נאך האט געשיינט הינטער איהם אן אונפער־שטענדליך ליכט, ס'האבען זיך געהערט שטימען און געדרעהט זיך עפּעס פנימ'ער, אבער ער האט ניט געקענט דערמאנען זיך, און דאס איז געווען א גרויסע פּיין.

אזוי ווי עמיצער האט איהם דערצעהלט מיט א שטילער, שטי־

לער שטימע עפּעס, אָדער ער זעהט דאָס אליין, אָבער דער אָנגע־שטרענגטער מח האלט ניט אוים די שרעקליכע אנשטרענגונג און רייסט זיך מאכטלאָז אָב, אוועקטראָגענדיג מיט זיך אלעס אין דעם אָבגרונד פון דער קאלטער, מיעדער אונענדליכקייט.

איהם האָט זיך געדוכט, אז ער קלעטערט איבער א זעהר שטיי־לען פעלז, א קליינינקער, פעריאָגטער מענש'על, נאָך איהם קרי־כען אונענדליכע רייהען מענשען, ווי שוימענדע וועזען פון די שווארצע וואסערען, גרייט צו כאפען איהם, צורייסען איהם, צו־טרעטען איהם, ווי א גרעזעל. מיליאָנען הענד זיינען אויסגע־שטרעקט, כאפּען איהם פאַר די הענד, פאַר'ן זוים פון קלייד, רייי־סען די קליידער, און א שרעק כאפּט איהם ארום. אָבער ער קריכט אלץ העכער און העכער, און אָט זיינען זיי שוין אלע ערגעץ ווייט אונטען, קוים צו זעהן, און ער, איינער אליין, — אויף א שרעק־ליכער הויכקייט און דער ווינד פלאטערט איבער זיין קאָפּ. און נאָך העכער איבער זיך, אויף'ן שארפען שפּיץ פעלזען, זעהט ער צוויי שווארצע פיגורען, וואָס זיינען פערגליווערט געוואָרען הויך־הויך איבער דער וועלט, איינזאמע אין'ם ברייטען, בלאָהען רוים. און ער פיהלט, אז זיי ווייסען דאָס רעטעניש פון זיין גאנצען לע־בען, אז באלד וועט ער זיך דערוויסען אלץ און פערשטעהן פאר־וואָס קריכט ער אויף די שרעקליכע, איינזאמע הויך, פארוואָס ריי־סען זיך נאָך איהם די שווארצע וועלען, וועלכע זיינען גרייט צו צורייסען איהם. און דאָס געפיהל פון העכסטער פרייד ערשיטערט זיין זעעלע. זיי זיינען ווייט, ווי א חלום, אָבער זיי וואקסען אלץ, קומען צו נעהנטער. שעווירעוו פליהט שוין צו זיי מיט א שרעק־ליכער שנעלקייט. די נאָהענטקייט פון'ם געהיימנים, וועלכעס ער וועט באלד דערוויסען, פילט אָן זיין הארץ מיט אונערטרעגליכער פרייד.

„מען זאָגט, אז איידער א מענש פערלירט אינגאנצען זיין פער־שטאנד, פיהלט ער אזא שרעקליכע, אונפערגלייכליכע פרייד... איך וויים!" טראכט שעווירעוו און פיהלט, אז דאָס אלץ איז א חלום און קען זיך ניט אָברייסען פון איהם, שטרענגט זיך אונמענשליך אָן, כדי ניט צו פערלירען די זעהונג און זעהן אלץ ביז'ן סוף.

א שארף־שפּיציגער פעלזען אין דער הויך; א ווייטע, גאָלדענע זון; אונענדליכע, פון נעבעל אויסגעוועבטע ווייטקייטען, וואָס זיי־

נען אריינגעפאלען אין אָבגרונד; א מיראזש פון ווייטע גאָלדענע שטעדט און די בלאָהקייט פון'ם ווייטען ים און צוויי גרויסע אונ־מענשליכע פּנימ'ער איבער דער גאנצער וועלט.

צוזאמענלייגענדיג די הענד אויף דער ברוסט און איינדריי־קענדיג אין איהר די ביינינע פינגער, שטעהט איינער אן איינזא־מער, און דער ווינד פון די זוניגע שטרעקען האָט געשפּיעלט מיט זיינע צופּאטעלטע האָר. די אויגען זיינען פערמאכט און די ליפּען איינגעדריקט, אָבער אן אונמענשליכע פרייד ציטערט אין זיי און עס ציטערען אויך די דארע פינגער, צוגעדריקטע צו דער ברוסט. און אליין איז ער, ווי צוגעצויגען צום הימלישען פידעל־שפּיל און די גאנצע לופט, דוכט זיך, ציטערט ארום איהם, א צוטומעלטע פון דער שרעקליכער, אונמענשליכער אנשטרענגונג פון גייסט.

און יענער ליגט אויפ'ן ראנד פון צושטערטע טרעפּלעך, און פעט, נאקעט און ליידענשאפטליך טוליעט זיך צו די הארטע שטיי־נער. א וואונדערבארער קערפּער, א נאקעטער, אונפערשעמטער קערפּער מיט פרויען־ברוסטען, וואס צינדט אָן אין דעם בלוט חיה'שע פערלאנגען. די גרויסע, פולע ברוסטען ציטערען. דער ראָז־פארביגער בויך הויבט זיך פון געהיימען געלעכטער, די הענד קלאמערען זיך אָן די פעלזען, אויפ'ן לעצטען ראנד, איבער דעם שרעקליכען אָבגרונד פון פעלדער, וואָס פונקלען דאָרט אונטער דער זון. דאָס שווארצע פייער פון שווארצע אויגען שפּילט רעטזעל־האפט, און עפּעס ריהרט זיך אין זיי ווי שווארצע שלאנגען, וואָס האָבען זיך בעהאלטען אין דער טיפעניש פון גרויסע וואסערען.

— איך בין דאָס גאנצע בייז פון דער וועלט! — זאָגט א שטימע אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקייט. איך בין דאָס לע־בען, וואס לאָקט און די גאנצע ערד אין איהר פינסטערער און שרעקליכער ליידענשאפטליכקייט, פאר וועלכער אלעס וואָס לעבט בעצאָהלט מיט אייביגען ליידען! דו האָסט זיך פערקערפּערט, גאָט'ס גייסט! איך פערשטעהע דיינע געדאנקען און זעה, וויפיעל ליידען און אונגויטיגע שטרעבונגען, וועלכע זיינען ערגער פון טויט, דו זעהסט אין דער צוקונפט. דו ליידסט! און דיך וועלען קרייציגען מענשען, ווייל איך בין שענער און פערשטענדליכער פון דיר. און איצט, אין דער דאָזיגער מינוט, ווערט בעשטימט דער שיקזאל פון דער וועלט!... דו האָסט געוואָלט זיין א מענש, כדי צו רעדען מיט

זיי אויף זייער שפּראַך; איך בין געוואָרען מענש, כדי צו קעמפּפען מיט דיר. און ווען דו וועסט רעדען צו זיי, וועל איך לאָקען צו זיך און שיקען צום טויט דיך, דעם אונפערשטענדליכען, זינלאָזען אסקעט! הערסט! איצט זיינען מיר שטערבליך ביידע... שטויס מיך ארונטער! פערניכט דאָס גאנצע בייז פון דער וועלט. נעהם איהם אויף זיך, ווייל דו ביזט געקומען רעטען די וועלט און דו איינער וועסט קעניגען איבער איהר... שטויס מיך אראָב!

דער נאקעטער קערפּער בויגט זיך אונפערשעמט און ווארפט זיך אויפ'ן ראנד פון דעם אָבגרונד. די שווארצע האָר צולאָזען זיך איבער די פעלזען און בעוועגען זיך לייכט אין דער שרעקליכער וויסטקייט. די הענד גליטשען זיך איבער'ן ראנד, איין ראָז־פאר־ביגער פוס לאָזט זיך אראָב און איבער'ן אָבגרונד הענגען שטייף אראָב רונדע ברוסטען, די שווארצע, ליידענשאפטליכע אויגען ברע־נען און שטארקער שפּיעלט אין זיי עפּעס שלאנגיגעס. דער גאנ־צער אונפערשעמטער און לאכענדיגער לייב גליטשט זיך, קלאמערט זיך, ציטערט פון אנשטרענגונג און ווארט נאָר אויף איין שטויס, כדי ער זאָל פערשווינדען אין אָבגרונד. דאָס לייב רופט, ציהט, פיהרט אריין אין נסיון. איין בעוועגונג, נאָר איין בעוועגונג.

— שטויס מיך ארונטער! דו וועסט זיין איינער!... שטויס ארונטער, און איך וועל בענשען אלע צייטען! שטויס! איך בין דאָס גאנצע בייז פון דער וועלט! דו ביסט דאָך געקומען די וועלט רעטען! טו וואָס צווייפעלסט דו? זעה, איך פאַל.

די דינע ליפּען, פערשלאָסענע פון אונמענשליכען קאמפּף, צי־טערען און עס ציטערען די דורכזיכטיגע ברעמען פון די פערמאכ־טע אויגען!

— שטויס ארונטער!

פּלוצלינג האָבען זיך די צושפּאָלטענע ליפּען א ריהר געטהאָן, די שיטערע וועגטלעך האָבען אויפגעציטערט און ער האָט געעפענט די אויגען.

זיי זיינען קאלט, רוהיג און ליכטיג און זיי האָבען געקוקט ערגעץ וויט, דורכפליהענדיג אונענדליכע רוימען און יאָהר־הונדערטער. דאָס גאנצע גליק פון דער וועלט און איהר גאנצע פרייד וועלען ניט איבערוועגען איין שלעכטע בעוועגונג מיינע!

און דאָס בייז וועט ניט טריאומפירען אין מיר! געה אוועק פון מיר, שטן!

שרעקליך אויפגעציטערט איז געוואָרען די גאנצע נשמה פון'ם קליינעם מענשען, וועלכער איז געהאנגען איבער'ן אָבגרונד, און, אויסשטרעקענדיג זיינע שוואכע הענד, האָט ער מיט א יאמער פון טרויער און האָפנונגסלאָזיגקייט אויסגעשריען:

— דו האָסט געהאט א טעות... א טעות!

ער וויל איהם איינהאלטען, פערניכטען די שרעקליכע ווערטער, ער רייסט זיך צו איהם מיט די לעצטע קרעפטען. אָבער די אָרימע, מענשליכע שטימע ווערט פערלאָרען אין דעם רוים, ניט דערגרייכענדיג די שפּיצען. שוואכע, מענשליכע הענד גליטשען זיך איבער דער אייביגער פעסטונג. ער מאכט אן אוננאַטירליכע אנשטרענגונג, כדי זיך אָנצוהאלטען, אָבער דער שטיין איז קאלט, גרויס און אונערשיטערליך. און דאָס קליינע, צושפּרייטע לייב פליהט אין דעם אָבגרונד...

מיט דעם שרעק פון גאָר אונ'רחמנות'דיגען טויט האָט זיך אָנגעצונדען זיין גייסט און שעווירעוו האָט זיך אויפגעכאַפּט.

די פינסטערניש איז געשטאַנען ארום, היטענדיג דאָס געהיימ־ניס. די שרעקליכע ליידען פון מאכטלאָזיגקייט האָבען געגאָסען אין דעם הארץ גיפט פון יאוש, וואָס האָט געגרענעצט מיט'ן העכ־סטען עקסטאַז.

— וואָס אזוינס האָב איך געזעהן?... דעם טויט?... ניין! שטאַרב איך אָדער איך פערליר דעם פערשטאַנד? מען דאַרף דער־מאָנען זיך!... — אזוי האָט זיך געוואָרפען אין אלע זייטען זיין פערפּייניגטער געדאנק.

עס האָט זיך געדוכט, נאָך איין אנשטרענגונג און ער וועט זיך דערמאָנען. עפּעס ווערטער האָבען זיך געדרעהט אין מח ביי איהם. זיי זיינען געוואַקסען און געוואָרען נאָהענטער, קלאָרער. אָט האָט זיך אָנגעשטרענגט זיין נשמה און פּלוצלינג ווידער אלעס פערשוואונדען. דאָס איז געווען א שווערע פּיין.

א בלייכער און א שרעקליכער האָט זיך אויפגעהויבען שעווי־רעוו אויף די ציטערענדע, אָבגעשוואַכטע פיס, מיטביידע הענד אָנהאלטענדיג זיך פאַר'ן וואנד. ער האָט געשמייכעלט פערלאָרען

און נעבעכדיג, און זיין גאַנץ פּנים האָט זיך צוקרימט אין אַ שרעק־ליכער קראַנקהאַפטער גרימאַסע.

„איך ווער משוגע... איך וועל נישט אויסהאַלטען", האָט ער געטראַכט, און ער האָט מיט אַן אונגעוועהנליכער שטימע געזאָגט: זאָל שוין זיין אַ סוף!

דער ווילדער קלאַנג האָט זיך צוטראָגען הילכיג איבער די ווענד פון דעם ליידיגען הויז און שעווירעוו האָט זיך אויפגעכאַפּט.

דער ארויסגעפאַלענער רעוואָלווער איז צופעליג אריינגעפאַלען אין די הענד, וואס האָבען געטאַפּט דעם דיל. אָנריהרענדיג דעם שווערען, קאַלטען שטאָהל איז ער ווי אויסגעניכטערט געוואָרען. שעווירעוו איז אויפגעציטערט געוואָרען, האָט אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטען, האָט זיך אנידערגעשטעלט אַ האַרטער, רוהיגער ווי שטענדיג.

— מען דאַרף געהן! תליה, משוגעת אָדער לעבען, איז דאָס נים אַלץ איינס, פריהער אָדער שפּעטער...

ער האָט זיך מיעד ארומגעקוקט, אריינגעלעגט דעם רעוואָל־ווער אין דער טאַש און גענומען זיך אראָבלאָזען איבער די אונ־זיכטבאַרע טרעפּען, וועלכע האָבען הילכיג פערצייכענט זיינע טריט.

ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טהיר, געזעהן שטאָדטישע פייערען און פלוצלינג איז ער געבליבען שטעהן, ארויסכאַפּענדיג דעם רעוואָלווער.

ביים ארויסגאַנג, אַזוי ווי פערשטעלענדיג איהם דעם וועג, איז געשטאַנען אַ לאַנגער, שוואַרצער שאָטען. ער האָט קוים גע־קענט אונטערשיידען אין דער פינסטערניש הענד, צוגעדריקטע צו דער ברוסט, צולאָזענע האָר און אַ בלייך פּנים.

— ווער איז דאָס? — האָט אויסגעשריען שעווירעוו און פלוצלינג צולאַכט זיך.

דאָס איז געווען אַ פּשוט'ער שטיק האָלץ, וועלכען די פינס־טערניש און די שרעק האָבען צוגעגעבען אַ גראַנדיעזע מאַרטירער־געשטאַלט.

ער איז צוגעגאַנגען צו איהם, מיט פעראַכטונג אָבגעשטויסען איהם מיט'ן פוס און איז ארויסגעגאַנגען אויפ'ן הויף.

אויפ'ן וועג האָט ער בעמערקט הויפען ציגעל, קאַלך און האָלץ. די טויערען זיינען געווען אָפען, און דאָרט אין דרויסען איז גע־

ווען אַנגעטהון אין ווייסען דער גאסען־טראָטואר. שעווירעוו איז דורכגעגאנגען דעם הויף און ארויסגעקוקט אין גאס. עטליכע טריט פון טויער, אין מיטען פון דעם ליידיגען געסעל, זיינען אונבעוועג־ליך געשטאנען פאר איהם דריי פיגורען. דאָס זיינען געווען פּאָ־ליציסטען, מיט ביקסען אויף די אקסלען.

שעווירעוו איז אָבגעשפּרונגען און האָט זיך צוגעדריקט צו דער וואנד, אָבער די פּאָליציסטען האָבען גאָרנישט בעמערקט. זיי האָבען וועגען עפּעס שטיל גערעדט און שעווירעוו האָט געכאפּט די ווערטער:

— צו וואָס ממית'ן מענשען גלאט אין דער וועלט אריין... דאָס איז ריכטיג...

שטארק געקלאפּט האָט דאָס הארץ שעווירעוו'ס, אָבער זיין פערשטאנד איז געווען אזוי שארף, ווי פריהער. און, שטילערהייט בעוועגענדיג זיך, איז ער געגאנגען צוריק, זיך לייכט אויפגעהויבען אויפ'ן פּארקאן און אראָבגעשפּרונגען אין'ם זעלבען הויף מיט האָלץ, דורך וועלכען ער איז שוין געלאָפען אמאָל.

ארום און ארום איז געווען אָנגעוואָרפען מיט האָלץ און עס האָט געשמעקט מיט וואלד און פייכטקייט. ליידיג איז געשטאנען דעם וועכטער'ס שטיבעל מיט טונקעלע פענסטער, און אלעס איז געווען שטיל און רוהיג. אין די אָפענע טויערען האָט אריינגע־שיינט די גרויסע גאס: דאָרט זיינען געגאנגען עפּעס מענשען, געצונדען זיך העלע מאגאזין־פייערען און הילכיג געקלאפּט די פערד.

„אויב מיר וועט זיך איינגעבען ארויסגעהן אויפ'ן פּראָספּעקט, וועל איך זיך פערלירען צווישען דעם עולם. איך וועל געהן אויפ'ן פינלאנדער וואָקזאל, ארויסגעהן פון שטאָדט און צו פוס געהן צום גרענעץ...“ האָט שנעל געארבייט שעווירעוו'ס געדאנק. — „מיר גיבען זיך נישט אונטער נאָך“ — האָט ער שטאָלץ געדראָהט עפּעס אַן אונזיכטבארען שונא און איז ענטשלאָסען ארויסגעגאנגען פון דעם טויער.

די בעוועגונג אין גאס, די בלענדענדע פייערען האָבען איהם צוטומעלט. ער איז אָבגעגאנגען עטליכע טריט, און פּלוצלינג איז ער געבליבען שטעהן א פערציטערטער: אין פערשיעדענע ערטער, נעבען די טויערען און קרייץ־וועגען, זיינן געשטאנען די זעלבע

שוואַרצע סאָלדאַטען, מיט ביקסען, און זייערע באַיאָנעטען האָבען אָבגעשטראַהלט די אָוועננד־פייערען.

„אַ געיעג!“ — האָט מיט אַ געפיהל פון גלייכגילטיגער האָפ־נונגסלאָזיגקייט פערשטאַנען שעווירעוו.

עס איז געווען אונמעגליך, אַז מען זאָל איהם ניט בעמערקען אויף דער העלער, ריינער גאַס. אַלעס איז געווען פערפאַלען, אָבער מיט אַ משונה'דיגען עקשנות האָט שעווירעוו בעשלאָסען ניט אונ־טערצוגעבען זיך. און פיהלענדיג, אַז מען זעהט איהם, האָט ער, ניט בעהאַלטענדיג זיך, אַ וואָרף געטהון זיך איבער'ן גאַס און, לויפענדיג כמעט אנטקעגען די פון אַלע זייטען אָנגעלאָפענע פּאָלי־ציסטען, איז ער ארויסגעשפּרונגען אויף דעם ברייטען פּלאַץ.

.15

אַ שוואַרצער הימעל, וואָס האָט אָבגעשפּיגעלט מיליאָנען פייערען, איז געהאַנגען איבער'ן שטאָדט. אויף יעדער גאַס, נע־בען די טראָטואַרען, האָבען געשיינט העלע לאַמטערנען, אָבער די גאַסען האָבען אויסגעזעהן ווי פינסטערע היילען.

איבער דער נאַכט האָט זיך געטראָגען דעם טומעל פון טוי־זענדער מענשען, וואָס האָבען ווי אַ טייך געקוואָלען פון דער נאַכט ארויס, און אריינגעגאָסען זיך אין די העלע הויפען און טויערען, פרעהליכע און אויפגעלעגטע, ווי מחנות קינדער. עס זיינען גע־שטאַנען גרויע זשאַנדאַרמען, מענשען האָבען געערדט, פערד גע־קלאַפּט מיט די פיס, עקיפּאַזשען שטיל געטראָגען זיך איבער'ן גאַס און אַ טויזענד־פיסיגער עולם האָט זיך ערגעץ ווייט געיאָגט.

שעווירעוו איז האַסטיג געלאָפען, האָט זיך געדרעהט, איז פערשוואונדען געוואָרען אין דער שוואַרצער מאַסע און זיך ווידער בעוויזען אויף אַ ליידיגען אָרט. נאָך איהם האָבען זיך מענשען געיאָגט, געכאַפּט איהם פון אַלע זייטען, אָבער ער האָט זיך נאָך געדרעהט, געוואָלט אויסדרעהען, פיהלענדיג גוט, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע נאַרישע שפּיל.

ענדליך האָבענדיג צוגעלאָפען צום אריינגאַנג פון טעאַטער, האָט ער דערזעהן קלאָר, אַז דער אייזערנער רינג ארום איהם האָט זיך צוזאַמענגעשלאָסען. די גרויע טעאַטער זשאַנדאַרמען, וואָס זיינען אָנגעלאָפען הערענדיג די געשרייען, האָבען ארומגערינגעלט

דעם עולם, וואס האָט גאָר נישט פערשטאַנען וואס דאָ טהוט זיך. עטליכע סטודענטען, וואס האָבען יא פערשטאַנען ווער שעווירעוו איז, האָבען אומזיסט געפּרואווט צו פערשטאַרקען די פּאניק כדי צו געבען איהם א מעגליכקייט צו אנטלויפען. עמיצער האָט גענעבען א געשריי מיט א יונגער קלינגענדיגער שטימע:

— לויפט אין טעאַטער!

און אינסטינקטיוו פאָלגענדיג דער שטימע פון דעם אונבעקאַנטען פריינד זיינעם, האָט שעווירעוו, צוזאמען מיט'ן עולם, אריינגעשפּארט זיך אין די גרויסע טירען פון טעאַטער.

עמיצער האָט איהם אַ שטויס געטהאָן אין פּארטער אריין. א קאַפּעלדינער אין א רויט־גאָלדענעם פראַק האָט געפּרואווט אָבצושטופען איהם, אָבער ער האָט זיך דערשראָקען פאַר זיינע ווילדע אויגען און איז אָבגעשטויסען געווארען אן א זייט פון פרעמדע מענשען. שעווירעוו איז דורכגעשפּרונגען אַ שמאָלען קאָרידאָר און פאַרבייגלויפענדיג די רויטע לאָקייען און די אויסגעפּוצטע דאַמען, וועלכע האָבען מיט שרעק געקוקט אויף איהם, איז ער אריינגעשפּרונגען אין א ליידיגער לאָזשע, וועלכע איז געוועזן בעשלאָגען מיט רויטען סאַמעט און פערנומען מיט בעגילדטע שטולען. כמעט אונבעוואוסטזיניג האָט ער פערמאַכט די טהיר, פערבאַראַקאַדירט זי מיט עפּעס א דיוואַן און אראָבגעלאָזט די הענד. עס איז געקומען דער סוף.

ס'האָט זיך געהערט ווי אין קאָרידאָר האָט עמיצער געשריען מיט אַן אוננאַטירליכער, אויפגערעגטער שטימע:

— אויף דער גאַלעריע!... איך האָב געזעהן!... אויף דער גאַלעריע! אהין!... אהין!...

עמיצער האָט געפּרואווט עפענען די טיר, אָבער גראַד אין יענער מינוט האָט זיך אויסגעלאָשען דאָס ליכט און ס'האָט זיך אויפגעהויבען דער פאָרהאַנג, אזוי אַז מען האָט געקענט זעהן א העלבעלייכטעטען גרינעם גאָרטען און מענשען אין פאַנטאַסטישע גאָלדען־רויטע און העל־בלאָהע קליידער.

אַלעס, וואס איז געשעהן דערנאָך, איז געוועזן ווילד און שטורמיש.

פון אָנהויב האָט שעווירעוו גאָרנישט געזעהן אויסער די קעפּ, וואָס האָבען געהאנגען ערגעץ איבער איהם און עפּעס געבעלהאפטע

פלעקען. ער האָט אפילו נישט באלד פערשטאַנען, אז ער איז אין טעאַטער, אז באלד וועט מען שפּיעלען, אז די קאָמישע פיגורען, וואָס געהען ארום איבער דער בעלייכטעטער סצענע און מאכען מיט די הענד, זיינען אקטיארען.

מיר גרויסער פערוואונדערונג, ווי א געהעצטער וואָלף, האָט ער זיך ארומגעקוקט. אלעס, וואס ער האָט איבערגעלעבט דעם דאָזיגען טאָג: זיין אנטלויפען, דאָס געיעג נאָך איהם, די טויטליכע געפאהר, דער זיכערער נאָהענטער טויט איז געווען אזוי ווייט פון די פייערליכע קעפּ, נאקעטע אקסלען, פאַנטאַסטישע דעקאָראַציען און פיעל־פארביגע פייערען, וועלכע ער האָט געזהן איצט.

משוגע־ווילד איז געווען דאָס, וואָס אזוי איז דאָס טאקע: וואָס זיין גאַנצער שרעק, די אונענדליכקייט פון זיינע ליידען, זיין טויט אליין האָט גאָר קיין ווערט ניט. אויך איצט האָט זיך, אזוי ווי שטענדיג, אויפגעהויבען דער פאָרהאנג, אויך איצט האָט געמאכט מיט די הענד דער שווארצער קאפעלמייסטער, און צווזונגען האָט זיך דער אקטיאר אין טריקא שטיל, זיס און פייערליך, ווי אין א טעמפּעל.

איהם זוכט מען, איהם, שווירעוו'ען וועט מען באלד געפּי־נען, כאַפּען און אויפהייגען בעגינען, און דאָ וועט זיך אלץ גיך בערוהיגען, און ווידער וועט שפּיעלען מוזיק, ווידער וועלען ערנסט אָנשטרענגען זייער אויפמערקזאמקייט די רוהיגע, זאַטע, לאַכענדי־גע מענשען, ווידער וועט קלינגען די וואונדערבאַרע שטימע, ווידער וועלען אויפציטערען פון פרייד די נאַקעטע, בלייכע אקסלען פון די פרויען און פערהילכט וועט ווערען דער זאַל פון הילכיגע אפּלאָדיס־מענטען.

איין קורצע מינוט האָט עפּעס גרויסעס אָנגעשטרענגט זיך און געוואקסען אין דעם ענטצונדענעם מח, און פּלוצלונג האָט זיך ווי עפּעס אויפגעריסען. א ווילדער, א קליינינקער, מיט צופּאַטעלטע האָר, מיט אַן אונריינעם פערפּייניגטען געזיכט, מיט פערריקטע אוי־גען האָט שעווירעוו ארויסגערוקט זיך פון דער לאָזשע און קאָנ־וואולסיוו אויסשטרעקענדיג די האנד, ניט ציעלענדיג זיך, האָט ער געשאָסען אין די דאָזיגע רוהיגע קעפּ, וואס האָבען ניט געוואוסט פון קיין געפאהר.

ס'האבען זיך דערהערט אין זאל ווילדע געשרייען, ס'האט זיך אבגעריסען א הויכע נאטע, דער גרויסער עולם איז אויפגעשפרונגען פון די ערטער, עפעס האט משונה'דיג געקנאקט און שטימען, וואס האבען זיך געטראגען פון ווייטען, האבען אלץ פערהילכט. שעווירעוו האט דערזעהן טויזענדער, צו איהם געווענדטע, פנים'ער, וואס זיינען געווען פערווילדעט פון שרעק, און מיט אן אונגעוועהנליכען פערגניגען, א פער'שכור'טער פון א שרעקליכען פאראקסיזם פון נקמה, שרעק און האפנונגסלאזיגקייט האט ער ווידער אויסגעשאסען, שוין בעוואוסטזיניג, ציעלענדיג זיך אין עולם אריין.

די קנאקעריי פון דעם בראאונינג האט פערטויבט אלע געשרייען. דער גלאטער בראאונינג האט געשניטען ווי א בליץ איבער די קעפ, איבער די אין פאנישען שרעק איינגעבויגענע רוקענס, איבער די פיס פון די אנטלויפענדע. דער ווילדער כאאס פון געשרייען האט זיך צוזאמענגעגאסען מיט דעם היסטערישען יאמער פון פרויען. עמיצער, א פעטער, איז געבליבען שטעהן נעבען דער לאזשע און געיאמערט ווי א חיה. אין די טהירען האבען זיך מענשען געשפארט, געדריקט איינער דעם אנדערען, געריסען אויף שטיקער די שפיצען און סאמעט פון טואלעט, געווארפען אויפ'ן דיל די אויסגעפוצטע, צארטע פרויען און געשלאגען מיט פויסטען איבער די געזיכטער און רוקענס. און איבער אלעמען, אלעס פערהילכענדיג, האט געדונערט שעווירעוו'ס בראאונינג, נעהמענדיג מיט א קאלט-בלוטיגער פרייד נקמה פאר די בעליידיגונגען, ליידען און צובראכענע לעבענס. מענשען האבען זיך געשפארט אין טהיר, אויסגעבראכען זי און געכאפט שעווירעוו'ען, טרעטענדיג איהם מיט די פיס און דערלאנגענדיג איהם שווערע קלעפ איבער'ן געזיכט, ברוסט און רוקען.

ווען מען האט איהם בייגעקומען און מיט רעוואלווערען צוגעשפארט צום עק קארידאר, איז שעווירעוו געשטאנען רוהיג, נאר זיינע אויגען האבען געברענט מיט אן אונרחמנות'דיגער נצחון-פרייד.

פון ווייטען, פון זאל און די קארידארען האט זיך געטראגען א טומעל. אומעטום, וואו מען האט נאר געווארפען דעם אויג, זיינען ארומגעקראכען דערשלאגענע, דערשראקענע מענשען, וועלכע האבען פערלארען יעדע מענשליכע געשטאלט.

מען האָט דורכגעטראָגען דעם פּעטען הערר, שלעפּענדיג אי־בער'ן דיל די פערבלוטיגטע פעלדלעך פון זיין שווארצען פראַק; מען האָט געפיהרט פאַר דער האנד א פרוי אין א העל־בלויען דע־קאָלטירטען קלייד, מיט א בלייכען וואקסענעם געזיכט און א וואונ־דערבארען קאָפּ, אין וועלכען ס'איז געווען איינגעפלאָכטען א ווייַ־סע ליליע אויף א צובראָכענעם שטענגעל.

שעווירעוו האָט געקוקט אָן א זייט פון די שווארצע רעוואָל־ווערען, וועלכע זיינען אָנגעשטעלט אַנטקעגען זיין פּנים, אָן א זייט פון די פערביטערטע פּנים'ער, אויף דער דאָזיגער אָרימער ליליע און אויפ'ן בלוט, וואס האָט פעראומרייניגט די אַטלאַס־הויט פון דער פרויען־ברוסט, וואָס איז געווען בעשטימט פאַר ראַ־פינירטע פערגניגענס.

עמיצער האָט געשריען אויף איהם, עמיצער האָט געצויגען איהם פאַר'ן אקסעל, אָבער שעווירעוו'ס אויגען זיינען געווען הארט און קאַלט, און האָבען געקוקט מיט אָן אונפערשטענדליכען אויס־דרוק גלייך ווי זיי וואָלטען געזעהן עפּעס, וואס אנדערע האָבען ניט געקענט זעהן.

די שקלאווין

—1—

בעת מען איז זיך פארנאנדערגעגאנגען פון קלויסטער איז שוין געווען גאנץ שפעט. אויפ'ן הימעל האָבען געפינקעלט גרויסע שטערן. ס'איז געווען גאָר אין אָנהויב פריהלינג און כאָטש בייטאָג האָט די זון געוואָרעמט אזוי, אז מ'האָט געקאָנט ארויסגעהן אָהן אן אויבער בגד, איז אָבער פון אבענד די ערד געוואָרען הארט און די קליינע לוזשקעס האָבען זיך פערצויגען מיט א דינינקער מירביגער אייז־פלעווקע.

זשעניא סאמאָילאָוויטש און זינא פעטראָווא, גימנאזיסטקעס פון אכטען קלאַס, זיינען געגאנגען א היים צוזאמען.ביידע זיי־נען געווען אביסעל מיעד; פון זייערע בלוזקעס האָט געשמעקט ווייהרויך, אין די אויערען האָבען נאָך אָבגעקלונגען די הויכע שטימען פון די זינגער און זיי זיינען נאָך געווען אונטער דעם איינ־דרוק פון דער קירכליכער אומגעבונג — די צאנקענדע פייערלעך פון הייליגען פאָרהאנג, די געהיימניספאָלע בילדער און דער טונ־קעלער שאָטען פון פאָפּ.

ס'האָט זיך געוואָלט וואס גיכער קומען א היים, זיך זעצען ביי א העל־בעלויכטענעם טיש און טרינקען הייסע טהיי מיט גע־שמאקע זעמעלעך, און מיט געפרעגעלטע קארשען. נאָר פון דעסט־וועגען איז געווען א פערדרוס אוועקצוגעהן פון אונטער אזעלכע פינקלענדיגע שטערען און אזא קרעפטיגע, מחיה'דיגע לופט. דער בלויער אווענד האָט געררייצט, ס'איז אין איהם געווען עפעס־וואָס קרעפטיגעס, אונרוהיגעס און באַנגעס.

— לאָמיר נאָך אביסעל ארומגעהן — האָט זשעניא פאָרגע־שלאָגען.

זינא פעטראָווא האָט געמאכט א פערעכטליכע מינע און בע־מערקט אין א שטראָף־טאָן:

— פערגעס ניט, איך בעט דיר, איבערמאָרגען איז אן עקזא־מען!

די קליינינקע זשעניא האָט זיך שטיל אָבגעזיפצט און איז אונ־

טערטהעניג געגאנגען ווייטער. זי האט אין אלץ נאכגעגעבען איהר חבר'טע, און אין גימנאזיע פלעגט מען זיי רייצען מיט'ן צונאמען — מאן און ווייב.

אויפ'ן בולוואר האבען זיך געשווארצט גאנצע מאסען שפא־צירענדע, אבער נור דורך די שטימען האט מען געקענט דערקאנען בעקאנטע. ביי דער אפטייק, אין די פענסטער פון וועלכער עס זיינען געשטאנען רויטע און גרינע קוגלען, וואס האבען פון זיך אבגעשלאגען אין דער פינסטערקייט לאנגע, ליכטיגע שטרייפען, איז געשטאנען א קופקע יונגע לייט. זיי האבען הויך געלאכט און זייערע פאפיראסען פלעגען אויפבליצען אין דער פינסטערקייט. זשעניא און זינא זיינען שטיל פערביי אין דער פינסטערקייט און גראד אין דער מינוט האט אימיצער פון דער קופקע געזאגט:

— נו, זאל זיין אזוי!... פערליעבט און דאס אלץ!...

און א צווייטער האט ערווידערט מיט אזא מאדנעם אויס־דרוק, אז גאר דאס בלוט איז ביי זשעניא'ן אנגעלאפען אין גע־זיכט:

— פאר וואס ניט?... זשענקא איז א זעהר אינטערעסאנטע מיידעלע... אזעלכע האב איך ליעב!

— האסט ליעב? — האט אימיצער זיך אבגערופען שארף און ציניש, און אלע האבען זיך צוקייכט.

די מיידלעך האבען אינסטינקטיוו גענומען געהן גיכער, נאר זיי האבען נאך געהערט הינטער זיך עטליכע אבגעריסענע אונ־פערשטענדליכע ווערטער און א הילכיגען געלעכטער. זיי האבען געשווינד זיך פערקירעוועט אין געסעל, וואו זשעניא האט גע־וואהנט און אלץ ארום איז שטיל געווארען.

זשעניא האט זיך שרעקליך געשעהמט און דאס געזיכט האט ביי איהר געברענט פון בעליידיגונג. זי האט אפילו גארנישט פער־שטאנען, נאר זי האט געפיהלט, אז מ'האט עם געמיינט איהר און אז מ'האט גערעדט וועגען איהר ניט קיין גוטעס, דאס, וואס קען זי בעליידיגען. זינא פעטראווא איז אויך געווען אויפגע־בראכט, נאר זיי האבען א ווארט ניט געזאגט, אזוי, אז יעדע פון זיי האט ניט געוואוסט, צי האט די צווייטע עפעס וואס געהערט.

דער הימעל האט נאך אלץ געפינקעלט, די לופט איז נאך אלץ ריין געווען, נאר עפעס־וואס האט שוין קאליע געמאכט די שטי־

מונג און ס'האָט זיך שוין נישט געוועלט מעהר שפּאַצירען.

אין שטוב זיינען שוין אַלע געזעסען אַרום סאַמאָוואַר, ס'איז געווען ליכטיג, ווארעם און געמיטליך. אויסער די מוטער, דעם פאָטער און דעם קליינעם גימנאַזיסטעל, זשעניא'ס ברודער, איז ביים טיש געזעסען אַ בעקאַנטע דאַמע. און בעת די מיידלאַך האָבען זיך געזעצט ביים טיש האָט זי געזאָגט:

— ווי זשענעטשקאַ איז אויסגעוואַקסען און שעהן געוואָרען!... אַן אמת'ע כלה!...

זשעניא איז רויט געוואָרען, אַ שמייכעל געטהאָן און נידריג זיך איינגעבויגען צו איהר טאַש טהיי. די מוטער האָט זיך אויף איהר איינגעקוקט מיט אַ שמייכעל, און דער פאָטער האָט בייז אַ סאָפּע געטהאָן און זיך אָנגעבלאָזען. זשעניא איז געווען זיין ליעבלינג און ער האָט נאָך אַלץ אויף איהר געקוקט ווי אויף אַ קליין מיידעלע. אזעלכע געשפּרעכען האָט ער געהאַלטען פאַר נעשמאַקלאַז.

נאָכ'ן טהיי טרינקען זיינען די מיידלאַך אַוועק אין זשעניא'ס צימער און זיך געזעצט לערנען צום עקזאַמען. זינא פּעטראָווא האָט גענעפענט אַ בוך און געמאַכט אַ שטריינג פּנים. די אַלטע גראָהע קאַץ איז באַלד אַרויפגעשפּרונגען אויף זשעניא'ס קני, האָט זיך גענומען דרעהען און גראַבלען, זיך צונויפגעדרעהט אין אַ ווייכען לעבעדיגען קנויל און זיך בערוהיגט. איהר איז געווען גוט אויף דער מיידעל'ס פולע ווארימע קני.

זינא האָט געלייענט אויפ'ן קול, מיט ביידע הענד איינגע־שפּאַרט אין די שלייפען. זי איז געווען בלאַס פון אָנשטריינ־גונג. זשעניא האָט שטיל געגלעט די קאַץ, האָט זיך פערטראַכט און ניט געהאָרכט. איהר האָט זיך זעהר געוואָלט דערוויסען, וואָר עס האָט וועגען איהר גערעדט אויפ'ן בולוואַר, אַז זי איז — אַן אינטערעסאַנטע, און פאַר וואָס האָבען זיי דערביי עפּעס ניט אַנשטענדיג געלאַכט?

— וואַרף אַוועק די קאַץ!... — האָט זינא פּעטראָווא פּלוצ־לונג שטריינג געזאָגט.

זשעניא האָט אַ ציטער געטהאָן, האָט אויף איהר אַ קוק גע־טהאָן אַ דערשראָקענע און געשיקט אַראָבגעלאָזט די קאַץ אויף דער פּאָדלאָגע. די קאַץ האָט זיך זעהר געוואונדערט, עטליכע

סעקונדען געזעסען אונבעוועגליך, קוקענדיג פאר זיך מיט גלעזערנע אויגען, דערנאך האט זי אויפגעהויבען א פיסעל, זיך אבגעלעקט אונטער'ן פאכווע, ווידער אראבגעלאזט דאס פיסעל, א ווײלע געזעסען און באלד אוועקגעלאפען פון צימער א פערזארגטע, אוועקשטעלענדיג דעם עק, ווי א שטעקעלע.

זינא פעטראווא האט אויפגעהערט לעזען און, ניט אויפהויבענדיג די אויגען פון בוך, האט זי געזאגט מיט עקעל און שטרײנג:

— איך מיין, דאס איז געווען זשיחארעווסקי.

זשעניא איז רויט געווארען און פרעגענד א קוק געטהאן אויף איהר חבר'טע.

— איך האב איהם באלד דערקענט נאך דער שטימע, — האט זינא פארטגעזעצט מיט'ן זעלבען טאן. — ס'ארא אבשטויסענדער זשיחארעווסקי איז... א ניכטסווירדיגער פאליאקעל... איך קען איהם ניט דולדען!... אין גאנצען איז ער אן אויסגעווייקטער, און בעת ער רעדט מיט דיר, רינט איהם די סלינע פון מויל!...

— פע, זינא!... — האט זשעניא א ציטער געטהאן.

— געוויס, די סלינע רינט ביי איהם פון מויל — האט זינא פעראווא פעסט ווידערהאלט און גענומען ווייטער לעזען.

זשעניא האט זיך איצט פארגעשטעלט זשיחארעווסקי'ס אויסזעהן. טאקי אן אבשטויסענדער!... רעדט אלע אזעלכע נארישקייטען און קוקט אזוי, אז מען הויבט זיך אן שעהמען... זשעניא פלעגט אלע מאל פיהלען זיינע בליקען אויף איהרע שולטערען און ברוסט, בעת זי פלעגט זומער טראגען אפענע, לייכטע בלוזעס און איהר פלעגט זיך אלע מאל אויסדאכטען, אז ער טהוט זי אויס. עס איז געווען עקלהאפט און בעליידיגענד. זשעניא פלעגט זיך ערגערען און איהם זאגען פרעכע ווערטער, און זשיחארעווסקי פלעגט לאכען און אלץ אויף איהר קוקען מיט פרעכע, בעגעהריגע אויגען.

און אלע מאנסבילען פלעגען אין דער לעצטער צייט אויף איהר קוקען עפעס מאדנע. זשעניא האט נאטירליך גוט געוואוסט, אז זי איז א שעהן מיידעלע, און דאס איז איהר געווען אנגענעהם, נור עפעס פאר וואס איז דערביי אויך געווען א געפיהל פון שאנד.

איידער זי איז אריבער אין פערטען קלאס איז זי שטענדיג געווען פערליעבט אין א וועלכען איז גימנאזיסט און פלעגט אפט

בעקומען ליעבעס-צעטעלעך, דערנאָך איז זי ארייגעפאַלען אונטער דער ווירקונג פון זינא פעטראַוואַ, האָט גענומען פיעל לעזען און טרוימען וועגען לעהר־קורסען. איהרע קינדערשע ראָמאַנען האָט זשעניא גאַנץ גיך אין גאַנצען פערגעסען און, אַזוי ווי זינא פעט־ראַוואַ, פלעגט זי מיט פעראַכטונג זיך בעציהען צו ליעבע. אַז זי איז אריבער אין זעקסטען קלאַס און אָנגעהויבען טראָגען לאַנגע קליידלאַך, האָבען פלוצלונג פון ערגעץ־וואו זיך בעוויזען דער־וואַקסענע מאַנספערשוינען און גענומען זיך שאַרען צו איהר און איהר נאָכגעהן. אָבער קיינער פון זיי איז זשעניא'ן נישט געפעלען געוואָרען. נור דער קאַוואַלעריע אָפיצער קאַזאַקאָוו, מיט א בלאַס פנים און מיט שווארצע וואָנסען האָט אין איהר יאָ דערוועקט עפּעס אַן אונקלאָהרען אינטערעס. אָבער מיט דיזען אָפיצער איז זשעניא ניט געווען בעקאַנט, זי האָט איהם נור געזעהן פון דער־ווייטענס, אויפ'ן בולוואַר.

נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך שוין געהאַט צוגעגרייט צום מאָרגענדיגען עקזאַמען, איז זינא פעטראַוואַ אוועק א היים. זשע־ניא האָט זיך געשווינד אויסגעטהאָן, געלעגט אין בעט אונטער איהר וויכע, געליעבטע דעקע און גענומען טראַכטען.

ביי איהר אין קאָפּ האָט זיך אַלץ געדרעהט דאָס, וואָס זי האָט געהערט אויפ'ן בולוואַר און וואָס מעהר זי האָט געטראַכט, אַלץ אונפערשטענדליכער און מעהר בעליידיגענד איז פאַר איהר געוועזען: פאַר וואָס האָבען זיי אַזוי געלאַכט? דערנאָך האָט זי זיך דערמאָנט אָן קאַזאַקאָוו'ן, און איהר האָט זיך געוואָלט, אַז ער זאָל דאָס האָבען געזאָגט. פון דעם געדאַנק האָט זי זיך פערשעהמט. ס'האָט איהר א צופּ געטהאָן ביים הארצען און די באַקען זיינען ביי איהר היים געוואָרען. זשעניא האָט אונטערגעלייגט די האַנד אונטער'ן קאָפּ אונטערגעבויגען די פיס און איינגעשלאָפען.

און אויף דרויסען איז געשטאַנען א פריהלינגס־נאַכט. די שטערען האָבען נאָך העלער געפינקעלט און אויפ'ן מערב זייט פון הימעל האָט געבלישצעט א דינינקע בריליאַנטענע האַלבע לבנה. אויף דער צוגעפרוירענער ערד האָבען זיך געלייגט בלאָ־ע שאָטענס פון די נאַך נאַקעטע בוימער. ס'איז געווען שטיל, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די לבנה האָרכט און היט אויפמערקזאַם דאָס איינגעשלאָפענע שטעדטעל.

נור אויפ'ן ענד בולוואר, פון די קלוב־פענסטער, זיינען גע־פאלען העלע שטרייפען און שווארצע קופקעס מאנספערשוינען מיט גערויש און געלעכטער זיינען פון דאַרטען זיך פאנאדערגעגאנגען.

— 2 —

נאָכדעם ווי זינא און זשעניא האָבען געענדיגט גימנאזיע, האָבען זיי זיך גענומען קלייבען קיין פעטראגראד. זשעניא'ס פאָטער און מוטער זיינען אפילו געווען געגען דעם. זיי האָבען אָבער גאָר ניט גערעדט און די זאַך איז געווען בעשלאָסען. גאנצע אווענ־דען האָבען די מיידלעך איצט גערעדט וועגען דעם, ווי אזוי זיי וועלען לעבען אין א גרויסער שטאָדט, וועלכע זיי האָבען קיין מאָל נישט געזעהן און אפילו זיך ניט פאָרגעשטעלט. זיי האָבען געטרוימט וועגען טהעאטערס, קאָנצערטען, לעקציעס און בילדער־אויסשטעלונגען. די קעפ האָבען זיך ביי זיי געדרעהט פון ענט־ציקונג און די הערצער פלעגען זיך ביי זיי צונויפדריקען פון שרעק.

סוף מאי האָט דער אָבשטויסענדער זשיהארעווסקי זשעניא'ן בעקאנט געמאכט מיט קאזאקאָוו'ן, אָבער זשעניא האָט זיך באלד ענטווישט. דער בלאס־פנים'דיגער אָפיצער האָט זיך ארויסגעוויעזען פאר א נאר, האָט די גאנצע צייט געשוויגען און האָט נור זשע־ניא'ן געשלונגען מיט זיינע פערליעבטע אויגען. זשעניא האָט איהם גענוג גרינג געדולדעט. דערפאר אָבער האָט זינא פעטראווא איהם נישט געקאָנט אָנזעהען און האָט שטענדיג איבער איהם שפאָס געטריבען און איהם גערופען שטעך־ווערטלאָך.

אויף איבער זומער האָט מען אָבגעדונגען א דאטשע אין מאָ־נאסטירסקי'ן וועלדעל, ביים ברעג פון א גרויסען ליכטיגען טייך. זינט זשעניא האָט זיך געדענקט, האָבען זיי שטענדיג אָבגעדונגען דיזעלבע דאטשע אויף איבער זומער, און דאָ איז אלץ געווען — וואלד, א טייך און אן אלטער מאָנאסטיר אויפ'ן בארג, וואס איז געווען בעוואקסען מיט גרינע געדיכטע בוימער. דאָס אלץ איז זשעניא'ן געווען בעקאנט און טהייער. זי האָט זעהר געליעבט וואלד און טייך, און יעדער זומער פלעגט פערביינעהן פאר איהר, ווי א העלער זונטאג.

אָט אין דעם וואלד און אין דאָרף, אויפ'ן צווייטען ברעג פון טייך, האָבען געוואָהנט פיעל דאטשניקעס. פון אווענד פלעגען זיי

זיך שיפען איבער'ן טייך, זינגען לידער און אויסלייגען פייערן. אמאל פלעגט מען מאכען גרויסע פיקניקס, ארויסרופען פון שטאדט א מיליטערישען ארקעסטער און איינארדנען פייערווערק.

אויף איינעם פון אזעלכע פיקניקס האט זשעניא זיך בעקאנט מיט דאקטאר מאזשוכין, וועלכער האט נור מיט צוויי יאהר צוריק זיך בעזעצט אין שטאדט און זיך גערעכענט פאר'ן בעסטען דאקטאר אין שטאדט. שוין נאכ'ן ערשטען יאהר האט ער געהאט א גרויסע פראקטיק, וואס ער האט אבגעשלאגען ביי די אלטע צוויי דאקטוירים אין שטאדט.

מאזשוכין איז אין שטאדט געווען א פרישער מענש, און כאטש פאר דיעזע צוויי יאהר האט ער שוין בעוויעזען זיך אויסצולערנען שפיעלען אין קארטען און טרינקען בראנפען, איז פונדעסטוועגען אויף איהם נאך געלעגען אן אבדרוק פון אן אנדער לעבען, א גרויסשטאדטישען לעבען, וואו די מענשען זיינען נערוועז, איינפעליג, שארפזיניג און דרייסט, וואו מען לעבט און מען רעגט זיך מיט פראגען, וועגען וועלכע אין א קליין פראווינציעלער שטעדטעל אדער מען האט קיין מאל ניט געוואוסט, אדער מען האט שוין זיי לאנג פערגעסען.

ער איז געווען א פעסטער, שעהנער מאנספערשוין, מיט ברייטע שולטערן, מיט א ברייטען, אפענעם פנים און מיט א בלאנדער בארד. געקליידט האט ער זיך ניט ווי א פראווינציאל, נור שעהן, פרעכטיג און פריי, האט גערעדט פיעל און לייכט. אין יעדער געזעלשאפט, צי מיט אפיצערען, בעאמטע אדער סוחרים, איז ער געווען אן אנגענעהמער אונטערהאלטער, און ער האט אומעטום געהאט פריינד. מיט יונגע לייט פלעגט ער זיך בעגעהן ווי א דערוואקסענער מיט קינדער: פריינדליך, נור אביסעלע מיט גרינגשעצונג.

זשעניא'ן איז ער געפעלען געווארען, זינא'ן פלעגט זיין טאן אביסעל אויפרייצען.

— איך דענק, אז ער האלט פון זיך צופיעל!... — האט זי געזאגט, בעת די מיידלעך, אין דער בעגלייטונג פון קאזאקאוו'ן, זיינען אוועק פון דער איבעריגער קאמפאניע אין וואלד אריין.

זשעניא האט דארויף צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, ווייל זינא'ס אויטאריטעט איז געווען אונצושטערבאר, און קאזאקאוו, וועלכער

איז געווען אייפערזיכטיג אויף זשעניא'ן צו יעדען מאַנסביל, האָט א דערפרעהטער אונטערגעכאַפּט:

— יא, ער איז שרעקליך אַנגעצויגען, דיעזער הערר!... ס'איז זאָגאר אונאַנגענעהם!...

זינא האָט פערעכטליך א קוק געטהאָן אויף איהם און געזאָגט:

— און פונדעסטוועגען איז ער בעסער פון אייך!...

ניט זינא'ן, ניט קאזאקאָוו'ן האָט קיין מאָל ניט געקאָנט ארויפקומען אויפ'ן געדאַנק, אַז אין דריי חדשים ארום וועט זשעניא זיין די פרוי פון דיעזען אונגעצוואונגענעם העררן, וועלכער האַלט פון זיך אזוי פיעל. און נאָך ווייניגער וואָלט זשעניא אליין געקאָנט גלויבען, אַז זי וועט זינלאָז זיין פערליעבט אין מאַזשור־בינען, אויף אלץ וועט זי קוקען מיט זיינע אויגען, וועט ניט פאָהרען אויף די קורסען אין פעטראגראד, וועט חתונה האָבען, האָבען קינדער, דערנאָך וועט זי אויף א נארישען אופן פערראַטהען איהר מאַן, וועט איבערלעבען א שווערע זעעלען־דראמא און איהר גאַנצען לעבען וועט זי פערבינדען מיט'ן לעבען פון דיעזען גאַנץ פרעמדען אומבעקאַנטען מענשען.

זשעניא'ן האָט זיך שטענדיג פאָרגעשטעלט א גאַנץ אַנדער לעבען, א בעזונדער, אינטערעסאַנט לעבען, וואס קיין קינסטלער האָט נאָך ניט געמאָהלט, וועגען וועלכען עס שרייבען נור אָרענט־ליכע ליבעראַלע פובליציסטען. אונטער זינא פעטראָווא'ס ווירקונג האָט זשעניא זיך אַנגעלעזען וועגען דעם און האָט הייליג גע־גלויבט, אַז נור אזא שעהן, בעזונדער לעבען ערוואַרט זי, א לע־בען פול מיט פרוכטבארער ארבייט און מיט אינהאַלט.

די מיידלאך זיינען געזעסען אויפ'ן בארג־אָברים, אויפ'ן האַרט־ליכען טרוקענעם גראָז, און קאזאקאָוו אין זיין העלען אָפיצירסקי'ן מאַנטעל האָט זיך געזעצט ניט ווייט פון זשעניא'ן, אויף דעם שטאַם פון אַן אָבגעהאַקטען בוים.

ס'איז שוין געוואָרען טונקעל, דער אבענד האָט זיך גענו־מען דערנעהנטערען. די בערג און לאָנקעס זיינען טונקעל געוואָרען און דער הימעל, נור דער טייך איז געלעגען אויסגעשפּרייט א גלאַטער, א ברייטער, א ליכטיגער, פונקט אזוי ווי זיין קיהלע

מיעפקייט וואָלט נאָך אויפגעהאַלטען די אָבגלאַנצען פון פערגאַנגענעם טאָג.

— ווי שעהן! — האָט זינא געזאָגט און האָט געמאַכט אַ פּאָעטיש פּנים.

— יאָ, וואונדערבאר!... — האָט קאַזאַקאָוו'ס שטימע אָבגעקלונגען, ווי אַן עכאָ.

זשעניא האָט גאָר נישט געזאָגט און, זיך צודריקענדיג צו איהר פריינדין, האָט זי מיט ברייט־צועפּענטע אויגען געקוקט אויף די טונקעלע ברעגען, אויפ'ן ליכטיגען טייך, אויף די פינקלענדיגע פּייערלעך ארום.

פון דערווייטענס האָבען זיך דערטראַגען שטימען, אַ געלעכטער און שעהן־טרויעריגע קלאַנגען פון ארקעסטער, און דאָ, וואו די מיידלעך זיינען געזעסען, איז געווען שטיל, און ס'האָט זיך געהערט, אז ווייט אויף די לאַנקעס שרייען געגנז און פערד הירזשען.

פון הינטען האָבען זיך דערהערט שווערע טריט, און אימיצער איז צו זיי צוגעגאַנגען. קאַזאַקאָוו און זינא האָבען זיך ארומגעקוקט און האָבען דערזעהן מאַזשוכינען. נור זשעניא האָט זיך ניט געריהרט פון ארט און, ווי אַ פערצויבערטע האָט זי נאָך אַלץ געקוקט פאר זיך. וואס האָט איהר געאַארט עפּעס אַ וועלכער עס איז מאַזשוכין, בעת איהר האָט זיך געדאַכט, אז דער טייך, דער וואַלד, בערג און הימעל דרינגען אריין אין דער נשמה און זי ווערט אינגאַנצען צונויפגעגאָסען מיט זיי אין פרייד און בענקשאַפט.

מאַזשוכין האָט געטראָגען אַ שטרויענעם הוט און אַ לייכטען העלען אויבעררָאָק. אין מויל ביי איהם האָט געשטעקט אַ פּאַפּיראָס, דער הוט אביסעל אראָבגערוקט צום פּאַטילניצע און ס'האָט זיך פון איהם געהערט ווייך.

— קאָן מען זיך צוזעצען צו אייך? — האָט ער געפרעגט און, ניט דערוואַרטענדיג זיך אויף אַן ענטפער, האָט ער זיך געזעצט אין רייהע מיט זינא פעטראַווא.

— איהר טרוימט?... יעווגעניא ניקאָלאַיעווגאַ, וועגען וואָס האָט איהר זיך אַזוי פערטראַכט?

זשעניא האָט אויפגעציטערט, האָט זיך אויף איהם אַ קרים

געטהאָן מיט איהרע גרויסע ליכטיגע אויגען און געענטפערט:
— אזוי זיך...

מאַזשוכין האָט זיך צולאכט, האָט א שליידער געטהאָן זיין פּאַפּיראָס אין טייך אריין און גענומען קוקען אויף זשעניא'ן.

— יאָ, — האָט מאַזשוכין גענומען רעדען, גאַרנישט טראַכ־טענדיג, צי זיין טהעמא איז פאר זיי אינטערעסאנט צי ניט — אָט וואָהן איך שוין צוויי יאהר אין אייער גאָט־געבענשטען שטער־טעל און מוז צוגעבען, אז דאָ ביי אייך איז גאַנץ גוט!... די נאַ־טור איז דאָ וואונדערבאר, די מענשען אויסגעצייכענטע, און דער באָרשץ אויך אויסגעצייכענט!... מען דארף ניט שטאַרבען!

— און פאר אייך, דאכט זיך, איז די נאטור, די מענשען און דער באָרשץ — איינס און דאָסזעלבע? — האָט זינא פּעטראָוואַ גיפטיג בעמערקט.

קאַזאקאָוו האָט א הירזשע געטהאָן.

— אָט האָסטו! — האָט מאַזשוכין זאָרגלאָז דערויף אָבגעע־ענטפערט. — און איהר, ווי עס זעהט אויס, זייט א בייזע!... איך האָב דאָס גאָר ניט געוואוסט. איבריגענס, איהר קלייבט זיך דאָך אויף די קורסען.

— וואס האָבען די קורסען דערמיט צו טהאָן? — האָט זינא א הויב געטהאָן די שולטערן און איז רויט געווארען.

— אזוי איז שוין דאָס. ווען א מיידעל קלייבט זיך אויף די קורסען, מוז זי זיין ניט אנדערש אן ערנסטע, א בייזע און נישט דערלאָזען קיין לייכטזיניגע געשפּרעכען...

— נישט שאַרפזיניג!... — האָט זינא פּעטראָווא אָבגעענט־פערט און זיך אָנגעבלאָזען.

— או, א בייזע!... — האָט מאַזשוכין ווידערהאָלט און זיך אומגעווענדעט צו זשעניא'ן. — און איהר, יעווגעניא ניקאָלאַיעוו־נא, זייט אויך א בייזע?

זשעניא האָט אויף איהם א קוק געטהאָן מיט פערוואונדערונג, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט ניט פערשטאַנען, וואס ער וויל פון איהר.

— איך?... ניין!... — האָט זי אונענטשלאָסען געענטפערט.

מאַזשוכין האָט מיט זיין שטעקען א גראָב געטהאָן דעם זאמד, וואס האָט זיך גענומען שיטען בארג אראב אין וואסער אריין, און אָנגעהויבען שוין מיט אן אנדער טאָן:

— ניין, אויף אן אמת... איך האָב פיעל יאהרען געוואָהנט אין פעטראגראד, אויפ'ן זעקסטען שטאָק, ביי א טשוכאָנקע, א שכור'טע, האָב געגעסען אין א שלעכטען רעסטאָראן, און די נאטור האָב איך געזעהן נור אין אלעקסאנדראָווסקי'ן גאָרטען. געוויס, איצט ענט־ציקט מיך אלץ אין איין און דערזעלבער שטופע: מענשען, די נאטור און דער באָרשץ!... אלץ זעהט מיר אויס שעהן... אפילו בייזע מיידלעך, וואס קלייבען זיך אויף די קורסען!...

ער האָט עס ארויסגערעדט אזוי קאָמיש און גוטמוטהיג, אז אפילו זינא פעטראווא האָט א שמייכעל געטהאָן.

ענדליך האָט מאזשוכין אלעמען אריינגעצויגען אין שמועס און אין א האלבע שעה ארום האָט זשעניא זיך געקייכט, זינא האָט עקשנות'דיג זיך געהאמפערט און קאזאקאָוו, ווי ער וואָלט קיין זאך ניט פערשטאנען, איינגאנצען א פערגעסענער, איז אונ־בעוועגליך געזעסען אויפ'ן שטאָם פון אָבגעהאקטען בוים און זיך געקוואָלען פון אייפערזוכט.

און בעת זיי זיינען געגאנגען אהיים האָט מאזשוכין גע־שפרייזט אין רייהע מיט זינא'ן, האָט געפּאָכט מיט'ן שטעקען, האָט בעלויכטען מיט'ן פּאפּיראָס די בוימער און געזאָגט:

— ניין, זינא איוואנאָוונא, דאָס אלץ האָבען איך בעשטעט־טיגט די קלוגע ביכלעך, אָבער די פרוי איז אלע מאָל געווען און וועט זיין די שקלאפין פון מאנספערשוין!... אזוי לאנג ווי מענ־שען לעבען האָט די פרוי זיך אלע מאָל צוגעגרייט צו ווערען א ווייב, א פריינד פון מאנספערשוין, א מוטער פון נייע ארבייטער אויפ'ן פעלד פון לעבען...

מיט איהר צערטליכקייט, איבערגעבענהייט און זעלבסט אויפ־אָפּפערונג האָט זי פערלייכטערט די שווערע, אונערבארמליכע מיה פון מאנספערשוין... יענע פּאָראויסגעהענדע און פארטשריטליכע פרויען, וועגען וועלכע איהר רעדט, האָבען קיין מאָל ניט געהאט זייער אייגענע אידעע, זיי האָבען נור אונטערטהעניג און מיט אויפ־אָפּפערונג נאָכגעפאָלגט דעם מאנספּארשוין. פאר די אידעען פון די מאנספּארשוינען האָבען זיי געאָפּפערט זייער לעבען, זיי זיי־נען געגאנגען אין סיביר, האָבען געדולדיג געליטען און זיינען אומ־געקומען... א מאנספערשוין קען זיך בעגייסטערן מיט א אידעע און געהן פאר זיין אידעע אויף דער תליה, און א פרוי וועט נור

נאָכגעהן דעם מאַנספּערשוין, וואָס זי האָט ליעב... דאָס איז שקלאַ־פעריי, אָבער אַ שעהנע שקלאַפעריי, אַ הייליגע, און אין דיעזער שקלאַפעריי, נור אין דיעזער שקלאַפעריי, איז דער גאַנצער זין פון דער פרוי'ס לעבען!... מיט שרעק קוק איך אויף פרויען־אַד־וואָקאַטען, דאָקטוירים און בעאַמטע... וועט פערשווינדען די פרוי־שקלאַפין — און אין מענשליכען לעבען וועט פערשווינדען די גאַנצע שעהנהייט, צערטליכקייט, די גאַנצע פּאָעזיע!... איהר טרוימט וועגען קורסען און, ס'קען זיין, איהר וועט זיין אַן אויס־געצייכענטער אַרצט, אָבער אַן אמת'ע פרוי אין פולען זין וועט איהר נאָר דאַמאָלס זיין בעת איהר וועט אָנהויבען אויפריכטיג ליעבען און וועט נאָכפאָלגען אייער געליעבטען אין עק וועלט! איבעראַל!... סאַי אין צרות און יסורים, סאַי אויף דער תליה...

— נו, איך וועל זיך קיין מאָל ניט פערליעבען!... — האָט זינאַ פעטראָוואַ פערעכטליך אָבגעענטפערט.

מאַזשוכין האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר שאַרפען, ניט שעה־נעם פנים, מיט דינע טרוקענע ליפּען און געטראַכט, אַז דאָס קען זעהר זיין.

— איבריגענס, — האָט מאַזשוכין ווידער אַמאָל אָנגעהויבען, — איטליכער האָט זיך זיין אויסקוק און זיין אַרט אין לעבען. קור־סען זיינען קורסען און פאַמיליען־לעבען איז זיך פאַמיליען־לעבען. מען קען זיין גליקליך אומעטום און ביי פערשיעדענע בעדינגונגען. געדענקט איהר, ביי טשעכאָוו'ן, טרוימט אַ גייסטליכער וועגען דעם, ווי ער וועט אַרומפאָהרען אַלס מיסיאָנער, וועט זיך אומ־קעהרען אַלס פּערפאָסער פון טהעאָלאָגישע ביכער, וועט ווערען אַן אַרכיערייו און וועט פון בימה בענשען דאָס פאָלק. אַן אַנדער גייסטליכער טרוימט וועגען דעם, ווי ער וועט ווערען אַ גייסטליכער אין דאָרף, תפילות אויפ'ן פעלד, אַרום זינגען די פויגעלעך, אַ בלויער הימעל, די זון, און דער ווינט שאָקעלט שטיל די אַלטע הייליגע פּאָהנעס... און ער טראַכט, אַז דאָס איז גוט...

מאַזשוכין האָט זיך צולאַכט און אין זיין געלעכטער איז געווען עפּעס אַזוינס איינפאַכעס און ליעבעס, אַז זשעניאַ האָט נישט ווילענ־דיג אַ טראַכט געטהאָן:

— ער איז אַ וואוילער!...

געהענדיג ווייטער האָט זשעניאַ זיך צוגעהאָרכט צו מאַזשו־

כין'ס איטליכעם ווארט זעהר אויפמערקזאם און קאזאקאוו האט נעדרעהט די וואנצע און זיך געקוואלען פון אייפערזוכט.

— 3 —

מאזשוכין האט ליעב געהאט פרויען און האט שטענדיג גע־האט א סך ליעבעס פאסירונגען. אין צוויי מאנאטען ארום נאך זיין אנקומען, איז ער שוין געווען נאהענט מיט דער פרוי פון שטאדט־ארכיטעקטאר, וועלכע איז געווען א לייכטזיניגע, פלעגט אבנארען איהר מאן מיט אזא רוהיגקייט און אזוי שטענדיג, פונקט אזוי ווי דאס וואלט געווען א געוועהנליכע זאך. האבען א ליובאוונים איז ביי איהר געווען אזוי נאטירליך, ווי עסען, אויספוצען זיך און שלאפען. איבריגענס, דער ארכיטעקטאר איז געווען א פליכע־וואטער, א טרוקענער און לאנגווייליגער מענש, וואס האט א האלבען לעבען פערבראכט און קלוב ביים קארטען־טיש, און, ס'האט זיך געדאכט, אז די נאטור אליין האט איהם בעשטימט פאר דער ראלע פון א מאן, וואס ווערט אבגענארט פון זיין פרוי. גאנץ מעגליך, אז ער האט זאגאר געוואוסט, וועגען זיין פרוי'ס בעציהונגען צו מאזשוכינען, נאר ביי זייערע בעגעגעניסען פלעגט ער שטענדיג מאזשוכינען פריינדליך דריקען די האנד און זיך נאכפרעגען וועגען זיין געזונדהייט.

דעם ארכיטעקטאר'ס פרוי איז געווען נאך א יונגע און פיקאנטע פרוי און אלץ וואלט זיך ביי זיי איינגעארדענט ווי געהעריג איז, ווען זי וואלט ניט געווען אזא אייפערזיכטיגע. זי איז אויף מא־זשוכינען געווען אייפערזיכטיג צו יעדער פרוי אהן אן אויסנאהם, און פלעגט מאכען אזעלכע סצענעס פון היסטעריקע, אז דער אר־כיטעקטאר פלעגט צו איהר אריינלויפען פון זיין קאבינעט און בערוהיגען זי:

— טאניושא, אזוי קאן מען ניט!... אונמעגליך!... אויף נאמנות, מ'הערט אויף דער גאס!...

און ווען מיט איהר פלעגט טרעפען א היסטעריקע צוליעב דעם וואס מאזשוכין פלעגט ניט קומען, פלעגט דער ארכיטעק־טאר אליין שרייבען צעטעלעך, וואו ער פלעגט בעטען מאשזוכי־נען קומען און אויסהארכען זיין פרוי, וועלכע פיהלט זיך שלעכט.

מאזשוכין איז ניך מיעד געווארען פון דער נאהענטקייט צום

אַרכיטעקטאָר׳ס פרוי און איהם האָט זיך פערוואַלט עפּעס וואָס אנדערש, שעהנעס, יונגעס און ריינעס. וואָס מעהר פּראַקטיקע ער האָט געהאַט און וואָס מעהר געלד ער האָט געהאַט אין באַנק, אַלץ בעשטימטער איז ביי איהם געוואָרען דער דאָזיגער בעגעהר, און פריהלינג־צייט, בעת אויפ׳ן בולוואַר האָבען זיך בעוויזען יונגע מיידלעך, אין לייכטע העלע בלוזעס, איז זיין בעגעהר געוואָרען נאָך פעסטער און נאָך צודרינגליכער.

זשעניא איז איהם געפעלען געוואָרען פון דער ערשטער בעגעגענים אויפ׳ן פּיקניק, און בעת מאַזשוכין איז געפאָהרען אויף זיין אייגענעם פערד פון פּיקניק, אין שטאָדט אריין, איז די שטימונג ביי איהם געוועזען א געהויבענע.

די פעלדער זיינען געלעגען פּוסט און פערנעבעלט. אויף די ווייטע זומפּען האָבען זיך געצויגען גראָהע שטרייפען, שוואַך בעלויכטען פון דעם בלויען לבנה־שיין. ס׳האָט זיך געפיהלט א פאַרפריהמאָרגענדיגע פרישקייט. מאַזשוכין האָט זיך אביסעל איינגעקניטשט פון פייכטקייט, האָט געקוקט רונד ארום, געשמייכעלט צו זיך אליין און געטראַכט:

— פריהער אָדער שפּעטער... צו וואָס ארומפּלאָנטערן זיך!... פאַר וואָס ניט הייראַטען?

ער האָט זיך גאַנץ קלאָר פאָרגעשטעלט זשעניא׳ן, א ווייבענקע, א צאַרטינקע, וואָס איז בעשאַפען פאַר לאַסקעס און קוסען, און ער האָט זיך איינגאַנצען פערגעסען אין די ניט־בעשיידענע, אָבער אַנגענעהמע הלומות. נור בעת זיין קאַרעטקע האָט זיך גענומען טרייסלען איבער׳ן שטויביגען ברוק און פון די זייטען האָבען זיך בעוויזען די דונקעלע הייזלעך פון פאָרשטאָדט, איז מאַזשוכין געקומען צו זיך, האָט פערטריבען פון זיין פנים דעם שמייכעל און געזאָגט צו זיך אליין:

— גאָר איינפאַך, כ׳בין שכור!...

— 4 —

אין זשעניא׳ס לעבען איז פאָרגעקומען אן אונגעוועהנליכע געשעהענים: קאַזאַקאָוו האָט איהר געמאַכט א הייראַטס־פאָרשלאַג.

דאָס איז געוועזען אונגעפעהר אין א מאָנאַט ארום נאָך דער

בענענענים מיט מאַזשוכינען. פאַר דער צייט האָט דאָקטאָר מאַ־זשוכין זיך שוין בעקאַנט מיט זשעניאַ'ס הויז־געזינד און פלעגט זעהר אָפט זיין ביי זיי אויף דער דאַטשע. אַלע האָבען איהם ליעב געקראָגען. נור דער קליינער גימנאַזיסטעל האָט מאַזשוכינען ניט ליעב געהאַט. און דאָס איז געוועזען דערפאַר, וואָס מאַזשוכין האָט געהאַט אַ שלעכטע טבע, נעמליך: אַלס צייכען פון ליעבליכער פריינדשאַפט פלעגט ער דעם גראָבען פינגער אריבערפיהרען איי־בער'ן גימנאַזיסטעל'ס קעפעל קעגען די קורץ אָבגעשוירענע האָר. דער גימנאַזיסטעל פלעגט מוטהיג אריבערטראָגען דיזע מאַטערניס, ער האָט אָבער דערפאַר געהאַסט מאַזשוכינען און פלעגט איהם רופען „יענער.“

— זשענקאַ, געה, „יענער“ איז געקומען!... — פלעגט ער שרייען צו דער שוועסטער.

און זשעניאַ פלעגט רויט ווערען און טרעהרען פלעגען איהר אַנלויפען אין די אויגען. ווארום אין אמת'ן איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען און פאַר זשעניאַ'ן אויך ניט, אז מאַזשו־כין קומט צו זיי נור צוליעב איהר: און אַלע הויזליכע, אַנהוי־בענדיג פון דער מוטער און ענדיגענדיג מיט דער דיענסט, האָבען אויף איהם געקוקט, ווי אויף אַ חתן.

זשעניאַ האָט בשום אופן ניט געקאָנט פערשטעהן, ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשעהן. זי האָט נאָך אַלץ געטרוימט און גערעדט וועגען קורסען, און איהר איז אין קאָפּ נישט געקראָכען די מעגליכקייט זיך צו פערליעבען און הייראַטען. דאָס האָט זיך איהר אויסגעוויזען פאַר אַזוי ניט נויטיג און אָבגעשמאַקט, אַז צייטענווייז פלעגט זי ווערען פערבייזט און בעת דער גימנאַזיסטעל האָט איין מאָל געהאַט אַ טעות און אַנשטאַט „יענער“ האָט ער אויסגעשריען: — „זשענקאַ, געה... „דיינער“ איז געקומען“... — האָט זשעניאַ גענומען זיך וואַרפען, האָט זיך צעוויינט און האָט לאַנג ניט געוועלט ארויסקומען צו מאַזשוכינען.

נאָר דער דאָקטאָר איז געווען אַלעמען געפעלען און מ'האָט איהם בעטראַכט פאַר אַ פּאַרטיילהאַפטען שידוך. זשעניאַ'ס מוטער האָט איהם אויפגענומען און טראַקטירט, ווי אַן אייגענעם מענ־שען, די דיענסט האָט זיך נעגרייט שטענדיג צו זיין אויפנאַהמע און דער פאָטער פלעגט גערן און אַ סך מיט איהם זיך אונטערהאַלטען

וועגען דער מלחמה פון 1877. און אַלע זיינען געווען אַזוי אויפ־ריכטיג און פריידיג איבערצייגט אין דעם, אַז זשעניא האָט חתונה, אַז דאָס מיידעל האָט זיך אינגאַנצען פערלוירען און פלעגט ארומגעהן אַ צוטראָגענע.

זינאַ פעטראָווא, נאָך אַלץ אַ שטרענגע, שוואַרץ פון דער זון, האָט עס אַלץ צוגעזעהן און האָט גיפטיג בעמערקט:

— ווי ריהרענד דאָס אַלץ איז!... און דו פרעהסט זיך... נאַר!...

און זשעניא, מיט טרערען אין די אויגען, רויט ווי צונטער, פלעגט איהר פערזיכערען, אַז זי האָט דערמיט גאָרנישט צו טהאָן, אַז זי דאַרף דאָס גאָרנישט, אַז זי טראַכט אַפילו ניט וועגען מאַ־זשוכינען און זי וועט זיכער פאָהרען אויף די קורסען. צייטענווייז פלעגט זי אָנהויבען האַסען מאַזשוכינען.

אונטערדעסען פלעגט קאַזאַקאָוו אַלץ זעלטענער און זעלטענער קומען אויף דער דאַטשע און ענדליך איז ער פערפאַלען געוואָ־רען אויף צוויי וואָכען. אָבער קיינער האָט עס ניט בעמערקט.

ס'איז געווען אַ הייסער, טרוקענער טאָג. מ'האָט קיין שאָטען נישט געקאָנט געפינען אַפילו אונטער די געדיכטסטע בוימער, און זשעניא איז ארומגעגאַנגען ווי אַן אויסגעקאָכטע. אַלע אין הויז האָ־בען נאָך מיטאָג־עסען זיך געלעגט שלאָפען און דער גימנאַזיסטעל איז אַוועק צום טייך כאַפּען פיש.

עפּעס אַזוי ווי אַלץ וואָלט אויסגעשטאָרבען. די זון האָט אונבעוועגליך און עקשנות'דיג געבאַקט די שטויביגע, צוטריקענ־טע ערד. די שאָטענס אויף'ן גראָז זיינען געווען שיטער און טרו־קען. אויפ'ן דאַטשנעם הויף איז געווען פּוסט און שטיל, און אין וואַלד האָט זיך נישט איין גרעזעל געריהרט. זשעניא איז ארומגעגאַנגען איבער דער דאַטשע, האָט זיך קיין אָרט נישט גע־קענט געפינען, האָט פּרובירט לעזען, זי האָט אָבער נישט געקענט. ענדליך איז אויף איהר ארויף אַ פערצווייפלונג און זי האָט זיך בעשלאָסען צו געהן באָדען.

אום צוצוקומען צום טייך, האָט מען געדאַרפט זיך אויפהויי־בען אויף אַ באַרג, צוגעהן צום סאַמע שפּיץ, פון וואַנען ס'האָבען זיך געעפענט ברעגלאָזע ווייטקייטען און ס'האָט זיך געזעהן דער וועג אין שטאָדט, און זיך ארונטערלאָזען אויף יענער זייט. זשע־

ניא האָט פויל זיך אויפגעהויבען אין דער הויך און פון דאָרט האָט זי דערזעהן אונטען אויפ'ן וועג, אז אימיצער אין א ווייסען אַפיצירסקען זומער־קיטעל רייט אויף א פערד. זי האָט באלד דער־קאָנט קאזאקאוו'ן און ערשט איצט האָט זי זיך פערוואונדערט, וואס ער איז אזוי לאנג נישט געווען. דער ווייסער קיטעל איז פער־שוואונדען אין א זייט און זשעניא איז געגאנגען ווייטער.

— ער וועט אויפוואַרטען !... — האָט זי בעשלאָסען.

און בעת זי האָט זיך געבאָדען, פערזינקענדיג איהר ראָזען קערפער אינ'ם בלויען, קיהלבליכען ווייסען וואסער, אין וועלכען עס האָבען זיך געשאָקעלט די אָבשפּיגלונגען פון די וואָלקענס, האָט זי גאָרנישט געטראכט וועגען קאזאקאוו'ן. דאָס וואסער האָט גע־צערטעלט און געלאשצעט, די זון האָט העל געשיינט און ס'איז אזוי גוט געווען, אזוי זאָרגלאָז און געדאנקענלאָז. אויפ'ן צוויי־טען ברעג, הינטער א קוסט, איז געזעסען דער גימנאזיסטעל און נעכאפּט פיש.

זשעניא האָט א קוק געטהאָן, זיך צולאכט, זיך געלעגט אויפ'ן רוקען און גענומען קוקען אויפ'ן הימעל, וואו ס'איז געלעגען א גרויסער, ווייסער וואָלקען.

דאָס וואסער האָט שטיל זי געוויגט און געטראגען ערגעץ־וואו. איהר קערפּער איז געווען לייכט, און זשעניא'ן האָט זיך גע־דאכט, אז זי איז איינגאנצען צוגאנגען אין דיזען וואסער, אין דער זון און אין דער אונבעוועגליכער הייסער לופט.

— גאָט מיינער, ווי גוט !.... — האָט זי זיך געטראכט און קיין מענשליכעס געזיכט איז איצט פאר איהרע אויגען ניט גע־שטאנען. נור דער בלויער הייסער הימעל און דער אונבעוועגליכער וואָלקען אויף איהם.

בעת זשעניא איז געגאנגען צוריק, א מונטערע, בעלעבטע, פיה־לענדיג ווי שטארק און עלאסטיש עס איז איהר אָבגעפרישטער קערפּער, האָט קאזאקאוו זי בעגעגענט אויפ'ן בארג.

ער האָט א קוש געטהאָן איהר קאַלטליכע, א האָרעלע פייכטע האנד, וועלכע האָט נאָך געשמעקט מיט פרישקייט פון טייך, און אויף איהר זאָרגלאָזער פראגע, פאר וואס מ'האָט איהם אזוי לאנג נישט געזעהן, האָט ער געענטפערט :

— איז דען אייך ניט אלץ איינס ?

זשעניא האָט זיך איינגעקוקט אויף זיין רויטען, פערשוויצ־טען פּנים, אויף זיין פערשטויבטען מונדיר, און געזאָגט:

— א פערוועלענים צו פאָהרען אהער אין אזא היץ!...

— אַלץ איינס!... — האָט קאזאקאוו בעטריבט געענטפערט.

— וואס געהט מיר אָן די היץ...

זשעניא האָט אויף איהם א קוק געטהאָן מיט פערוואונדערונג, האָט א שמייכעל געטהאָן און איז שטיל געגאנגען ווייטער.

— דער פּאפּא איז שוין געווים אויפגעשטאַנען... באלד וועלען מיר טרינקען טהיי.

— טהיי?... יא... און איך האָב געוועלט מיט אייך עפּעס רייך דען, יעווגעניא ניקאָלאיעוונא. — האָט קאזאקאוו בעטריבט און ענטשלאָסען ארויסגערעדט.

— נו רעדט, — האָט זשעניא איינגעשטימט און האָט זיך אָבגעשטעלט.

— אָט וואָס... יעווגעניא ניקאָלאיעוונא... ווייל... איהר ווייסט דאָך... ווי איך... ווייל... — האָט קאזאקאוו גענומען אונפערשטענד־ליך באַלבען, ניט קוקענדיג איהר אין די אויגען

— גאָט מיינער, ציהט ניט אזוי... וואס אזוינס איז דאָס?... נו? — האָט זשעניא איהם איבערגעשלאָגען אַלץ מעהר עפּענענ־דיג די אויגען.

— פערשטעהט איהר, מיר איז זעהר שווער, ווייל...

זשעניא האָט א מאַך געטהאָן מיט דער האנד.

— איך וויל אייך בעטען... זיין מיין פרוי!... — האָט קאזא־קאוו ארויסגעשאָסען און איז אין גאנצען געווארען א צוטומעלטער.

זשעניא האָט ברייט צועפענט די אויגען, האָט א ווײלע אונ־בעוועגליך געקוקט אויף קאזאקאוו'ן, דאָס מויל האָט זיך אביסעל ביי איהר אויפגעמאכט, דערנאָך איז זי רויט געווארען ביז די שול־טערן, האָט אראבגעלאָזט די אויגען און גענומען שנעל אוועק־געהן.

ביי איהר אין קאָפּ האָט זיך אַלץ גענומען דרעהען, זי האָט אונטער איהרע פים די ערד נישט געפיהלט. דאָס איז אויסגעקומען עפּעס אזוי אָבגעשמאַקט, אז זשעניא האָט גאָר נישט געקענט בע־גרייפען ווי געהעריג, וואָס דאָ איז פארגעקומען.

— יעווגעניא ניקאָלאיעונא... יעווגעניא ניקאָלאיעוונא!... —

האָט סאָפּענדיג קאזאקאוו געפּליסטערט, איהר פערלויפענדיג דעם וועג, — יעווגעניא ניקאָלאיעוונא !...

זשעניא איז געגאַנגען ווייטער און ער האָט איהר אַלץ פער־צוימט דעם וועג. זשעניא האָט זיך אַלץ אומגעווענדט אין דער אנדער זייט, נור ער פלעגט זיך אויך אומווענדען און איהר אַלץ פערלויפען דעם וועג. זשעניא האָט זיך אָבגעשטעלט.

— יעווגעניא ניקאָלאיעוונא... וואס זשע דענקט איהר?... — האָט קאזאקאוו מיט פערצווייפלונג געפרעגט, פיהלענדיג זיין האָפ־נונגסלאָזיגקייט.

זשעניא האָט אויפגעהויבען די אויגען און האָט דערזעהן קעגען זיך אַזאַ פערלוירענע, נארישע און הילפלאָזע פיזיאָנאָמיע, איינגאַנ־צען פערשטויבט און פערשוויצט, אז זי האָט פלוצלונג אויסגעשאָ־סען מיט אַ פּייערליכען געלעכטער. קאזאקאוו'ן האָט איהר גע־לעכטער זאָגאר אָבגעשטויסען.

— יעווגעניא ניקאָלאיעוונא!... — האָט ער קלעגליך אויס־געשריען.

אָבער זשעניא האָט זיך געקייכט און געמאַכט מיט די הענט, דער באַדע ליילאַך איז ארויסגעפאַלען, זי האָט עפּעס־וואס געוואָלט זאָגען און ניט געקענט.

קאזאקאוו האָט פערשטאַנען. זיין רויטער פּנים איז גרוי גע־וואָרען. אַ מינוט האָט ער אונבעוועגליך געקוקט אויף זשעניא'ן, דערנאָך האָט ער זיך געשווינד אומגעקעהרט, אָבגעגאַנגען אָן אַ זייט, זיך צוגעדריקט מיט'ן שטערען צו אַ בוים, ווי אַן אָבגעשטאָר־בענער.

זשעניא האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט לאַכען און זיך אַ וואַרף געטהאָן צו איהם אַ בעאונרוהיגטע.

— זשאָרזש, זשאָרזש, וואס איז מיט אייך?... — האָט זי גענומען שרייען, איהם כאַפּענדיג ביים ארבעל. — זשאָרזש! הערט אויף, נארישקייטען!...

— פאַר אייך איז דאָס נארישקייטען... און פאַר מיר — אַ קויל אין שטערען!... — האָט קאזאקאוו ארויסגעפּליסטערט.

זשעניא האָט ארויסגעלאָזט זיין ארבעל פון איהר האַנד און געקוקט אויף איהם מיט טרעהרען אין די אויגען. דערנאָך האָט זי גענומען גלעטען איהם איבער דער פּלייצע.

— נו, זשאַרזש, ליעבער... נו, הערט אויף... איהר זייט זעהר א וואוילער און איך האָב אייך זעהר ליעב, אָבער פערשטעהט... אויף נאמנות, דאָס איז פאַלשטענדיג אונמעגליך!... איך... איך וויל ניט זיין קיינעמס פרוי... איך דארף דאָס אינגאנצען ניט... איך וויל פאָהרען אויף די קורסען, זיך לערנען... זשאַרזש, ליעבער!... נו, פערשטעהט איהר דען נישט?...

אַט אזוי האָט זשעניא צו איהם גערעדט, איהם געגלעט אי־בער דער פלייצע און איבער די הענד, און איהרע אויגען זיינען גע־ווען פערלאָפען מיט טרעהרען. זי האָט זעהר אויפריכטיג מיטלייד געהאט מיט קאזאקאוו'ן און אין דער אייגענער צייט איז איהר אויסגעקומען ווילד: פערשטעהט ער דען נישט אזא איינפאַכע זאך, אז זי וויל גאָר נישט חתונה האָבען?

— הייסט עס, איהר ליעבט אן אנדערען?... — האָט קאזא־קאוו טראַגיש ארויסגעפליסטערט.

זשעניא האָט אראבגעלאָזט די הענד און איז אָבגעטראָטען.

— ס'ארא נארישקייטען!... — האָט זי געזאָגט מיט ערשטוי־נונג.

אָבער אין דער זעלבער סעקונדע האָט זי זיך דערמאָהנט אן מאזשוכינ'ען, און, אליין ניט וויסענדיג פארוואס, איז זי געדיכט רויט געווארען. קאזאקאוו האָט פון אונטער'ן שטערען אויף איהר א קוק געטהאָן, און זיין פּנים איז צוקרימט געווארען פון א גיפ־טיגען שמייכעל.

— אזוי, — האָט ער הייזעריג ארויסגעברומט, — הייסט עס, אז דאָס איז אמת?...

— אויף נאמנות, דאָס איז אונמעגליך!... — האָט זשעניא ארויסגעפליסטערט, ניט וואגענדיג אויפצוהייבען די אויגען.

— אזוי, — האָט קאזאקאוו ווידערהאָלט, קוקענדיג אויף איהר מיט פערזאכטונג. — נו, בלייבט פאר מיר אָבצוטרעטען און איבערלאָזען דעם פלאַץ פאַר'ן גליקליכען!... זייט געזונד!...

זשעניא האָט געמאכט א טריט צו איהם און אויסגעשטרעקט די האנד.

— זשאַרזש, אָבער דאָס איז דאָך נאַריש!...

— ס'קאָן זיין, ס'איז נאַריש... יא, איך בין געווען נאַריש.

בעת איך האָב אַ פוסטע קאָקעטעריי אָנגענומען פאר עפּעס־וואָס־מעהר.... זייט געזונד!

— וועלכע קאָקעטעריי? זשאָרזש, וואס רעדט איהר?

קאָזאקאוו האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן מיט פערצווייפ־לונג, האָט געוועלט עפּעס נאָך וואס זאָגען, ער האָט אָבער נישט געקענט. ער האָט נור אַ מאַך געטהאָן מיט דער האנד און איז געשווינד אוועק פון איהר אויף אראבצו, אונטער'ן בארג.

— זשאָרזש!... — האָט זשעניא איהם צוגעשריען אַ בע־שטירצטע פון אונערוואַרטקיים.

ער האָט זיך אָבער נישט אָבגעשטעלט און איז אַלץ געגאַנ־גען גראד איבער די קוסטען און גראז, ביז ער איז פערשוואונדען הינטער די בוימער. זשעניא האָט איהם בעגלייט מיט פערווירטע בליקען, דערנאָך האָט זי זיך געזעצט אויף איהר באַדע־ליילעך און זיך צעוויינט.

— וואס ווילען זיי אַלע פון מיר?... גאָט, גאָט, ס'אַרא אומגליקליכע איך בין!... — האָט זיך געדרעהט ביי איהר אין קאָפּ.

אזוי איז זי געזעסען און געוויינט, דערנאָך האָט זי דער־הערט די שטימע פון גימנאַזיסטעל פון ערגיץ־וואו הינטער די בוימער, וועלכער האָט זי גערופען:

— זשענקא!... זשענקא, געה גיכער... יענער איז געקומען!...

זשעניא האָט אויפגעציטערט, האָט געשווינד זיך אויפגע־הויבען, אַ כאַפּ געטהאָן דעם ליילעך און געמאַכט אַ פּאָר טריט צום הויז צו. זי האָט זיך אָבער באַלד אומגעקעהרט און גענומען לויפען אויפ'ן בארג, אין וואַלד אריין. דאָרט האָט זי זיך גע־לייגט אויפ'ן גראז הינטער די קוסטען, און האָט זיך צוגעהאָרכט, ווי מען רופט זי, האָט צוגעמאַכט די אויגען און זיך פערטאַיעט, פּונקט ווי אַ חיה'לע, וואס מען פערפאָלגט און וואס האָט ניט וואוהין צו לויפען.

— 5. —

מאַזשוכין האָט זיך לאַנג געשלאָגען מיט דער דעה, איידער ער האָט געמאַכט דעם לעצטען טריט. איהם האָט ניט געאַרט, וואס זשעניא טראַכט און פיהלט, ער אליין האָט געלייזט די פראַ־גע פאר זיך.

בעת ער האָט געזעהן זשעניא'ן, געקוקט אין איהרע גראָהע אָפענע אויגען און אויף איהרע פרישע ראָזע ליפּען; בעת ער האָט געזעהן און כמעט געפיהלט, ווי איהר ווייכער צאַרטער קערפּער בעוועגט זיך אונטער איהר ווייסער בלוזקע, האָט די פראַגע אליין זיך געלייזט אין דעם שטאַרקען ביגעהר זי אריינצוכאַפּען אין זיינע אומאַרמונגען. פון דער פאַרשטעלונג אליין, אז זשעניא וועט איהם געהערען, פלעגט ביי מאַזשוכינען טונקעל ווערען אין די אויגען. אָבער בעת ער איז געווען ווייט פון איהר, אין זיין בעקוועמער, געמיטליכער דירה פון אן אונפערהייראַטען מאַן, האָט ער דעמאָלט קלאָר געזעהן, אז ער דאַרף קיין פרוי נישט און אויב ער וועט הייראַטען, וועט ער אָבטהאָן א גרויסע נאַרישקייט.

— פרייהייט איז בעסער פון אלץ! — פלעגט מאַזשוכין צו זיך אליין זאָגען.

אָט אזוי פלעגט ער זיך אלץ שלאָגען מיט דער דעה. דאָס פלעגט איהם פערמאַטערען און ער פלעגט זיך ניט קענען בעפרייען פון געדאַנק: „הייראַטען אדער ניט הייראַטען?"

אונטערדעסען איז דעם אַרכיטעקטאָר'ס ווייב מיט איהר אָנגע־פּודערטען פּנים, מיט איהר אָבגעניצטען קערפּער און מיט איהרע אוננאַטירליכע ליידענשאַפטליכע ענטציקונגען, איהם געוואָרען אָב־שטויסענד, און ביסלעכווייז האָט ער גענומען זיך דערווייטערען פון איהר.

— איך ווייס, איהר... איהר ליעבט אן אנדערע... — האָט זי טראַגיש אַרויסגעפּליסטערט מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגען, ברעכענדיג די הענד.

— נו, גראַטוליר איך אייך דערמיט... — האָט מאַזשוכין גאַנץ רוהיג געענטפערט און איז אוועקגעפאָהרען צו זשעניא'ן, אויף דער דאַטשע.

ער האָט אַהין גענומען פאָהרען יעדען טאָג. אויפגענומען האָט מען איהם מיט אויסגעשטרעקטע אַרעמס, און מאַזשוכין האָט זיך גאַנץ גוט געפיהלט אין דיזער געמיטליכער פאַמיליען אומגעבונג פון די גוטמוטהיגע אלטע לייט מיט דער ליעבער זשע־ניא, די אנוועזענהייט פון וועלכער ער האָט געפיהלט אפילו דע־מאָלט, בעת ער האָט אויף איהר נישט געקוקט.

אָן אונערוואַרטער פאַרפאַל האָט געלייזט דעם גאַנצען ענין.

איין מאָל בייטאג, בעת ער איז געווען אין שפּיטאָל, האָט מאזשו־
כין ערהאלטען א צעטעלע, וואו מ'האָט איהם געלאָזט וויסען, אז
זשעניא איז קראנק געווארען.

דער פלוצלונגער קלאַפּ אין הארצען פון וועלכען ביי איהם
האָבען גענומען ציטערען הענד און פיס, האָט מאזשוכינען בעוויזען,
וואס זשעניא איז פאר איהם, און ער האָט ערשט פערשטאנען
צום ערשטען מאָל, אז ער ליעבט זי.

איבערגעבענדיג דעם שפּיטאָל דעם אַלטען קאָמישאָוו'ן, איז
מאזשוכין באלד אוועקגעפאָהרען אויף דער דאטשע און דעם גאנצען
וועג האָט ער אלץ געטראכט איינס און דאָסזעלבע:

— איז דען איהר קראנקהייט אן ערנסטע?... וועט דען זשע־
ניא שטארבען?...

א פערסאָפּעטער, א בלאסער און בעאונרוהיגטער איז ער אריין
אין זשעניא'ס צימער און בעת ער האָט דערזעהן איהר רויטען
פּנים פון היץ און איהרע נאקעטע שולטערען, וועלכע האָבען אויף
דער קיסען אויסגעזעהן טונקעל־רויז, האָט מאזשוכין דערפיהלט אזא
צערטליכקייט און מיטלייד, אז ער האָט זיך שיער ניט צעוויינט. ער
האָט אָנגענומען איהר קליינע, הייסע האנד און דער אויסדרוק פון
זיין פּנים איז געווען אזא, אז זשעניא האָט זיך פערלוירען און האָט
די דעקע א ציה געטהאָן ביז איבער'ן האלז.

זשעניא'ס קראנקהייט איז געווען אן איינפאכע פערקיהלונג,
און אין א וואָך ארום איז זי געווען פאָלשטענדיג געזונד. אָבער
אין זייערע בעציהונגען איז פארגעקומען א שארפע ענדערונג:
זשעניא איז איצט געווען שטענדיג פערטראכט, שטיל און שוויי־
גענדיג, און מאזשוכין איז געווען שטענדיג בעאונרוהיגט און עפּעס
אזוי ווי א שולדיגער האָט ער זיך געפיהלט. זיי האָבען אָנגע־
הויבען ארומגעהן צוזאמען שטונדען לאנג, און בעת זיי פלעגען
קומען צוריק האָבען ביידע אויסגעזעהן ווי שולדיגע. עפּעס אזוי ווי
זיי וואָלטען זיך געשעהמט, וואס זיי זיינען אזוי גליקליך.

אלע אין הויז האָבען בעמערקט דיעזע ענדערונג. און אויך
האָט עס בעמערקט זינא פעטראָווא, וועלכע איז געקומען צופאָהרען
פון שטאָדט. זי האָט פארשעהנד א קוק געטהאָן אויף זשעניא'ן און
האָט גיפטיג פערדריקט די ליפּען.

— נו ?... — האָט זי פערעכטליך געפרעגט בעת די פריינדינס זיינען געבליבען אליין.

זשעניאַ איז רויט געוואָרען און האָט שולדיג געשמייכעלט.

— נאַר !... — האָט געזאָגט זינאַ פעטראָוואַ, און איז אוועקגעפאָהרען אין שטאָדט, וואו שפּאַצירענדיג מיט בעקאַנטע סטודענטען איבער'ן בולוואַר, האָט זי גענומען ריידען וועגען דעם, ווי זי, און שוין ניט זיי, וועט אין הערבסט פאָהרען קיין פעטראָגראַד. זשעניאַ האָט פאַר איהר אויפגעהערט עקזיסטירען.

בעת זינאַ איז אוועקגעפאָהרען, האָט זשעניאַ לאַנג געוויינט און האָט אין געדאַנק זיך גערעכטפערטיגט קעגען איהר פריינדין: זי איז דאָך דערין ניט שולדיג, זי וויל זעהר פאָהרען אויף די קורסען, אָבער וואָס טהוט מען ?... זי האָט זאָגאַר זיך אליין נישט געקאָנט דערקלעהרען, וואָס דאָ קומט פאָר, נור עפּעס אַ וועלכע איז זייטיגע קראַפט האָט זי ארומגעוויקעלט פון אלע זייטען, און זשעניאַ האָט זיך אונטערגעגעבען דער אונפערמיידליכקייט.

אויפ'ן צווייטען טאָג פון אָבענד, בעת די היץ איז ארונטערגעפאַלען, איז זשעניאַ מיט מאַזשוכינען געגאַנגען שפּאַצירען. זיי זיינען אריבערגעגאַנגען דעם באַרג, דורכ'ן וואַלד, וואו די טאָג-קלאַנגען האָבען שוין ניט דערגרייכט, און זיינען ארויסגעגאַנגען אויפ'ן פעלד.

דער גרויסער הימעלס-געוועלב האָט זיך פאַר זיי באַלד געעפענט, אינגאַנצען באַדעקט מיט פורפור-רויטע וואָלקענס, וואָס האָבען זיך געקליבען און געוואַליעט איינער אויפ'ן צווייטען. אין יענעם אָרט, וואו די זון האָט זיך ניט לאַנג צוריק אראָבגעזעצט, איז געשטאַנען אַ בלענדענדער ברענענדיגער זייל, און אונטער איהם האָט די ווייטקייט אויסגעוויזען אַ טונקעל-פיאָלעטע. די פרייע לופט פון גרויסען שטח האָט זיי ארומגעכאַפּט פון אלע זייטען. אויף צעהנדליגער וויאָרסט ארום האָט מען גאָרנישט געזעהן, אויסער גרינע ברעגלאָזע פעלדער.

לאַנג זיינען זיי געשטאַנען, ארומגעכאַפּט פון אן אונפערשטענדליכער ענטציקונג. אויף זשעניאַ'ס געזיכט זיינען געלעגען העלע אָבגלאַנצען פון דעם זונענאונטערגאַנג, איהרע האָאָר האָבען אויסגעוויזען קופּער-רויט און די אויגען האָבען געגלאַנצט.

מאַזשוכין האָט דערפיהלט, אז דער אָטהעם פערכאַפּט איהם.

ער האָט געמאַכט אַ פּאָאַר טריט נעהנטער צו זשעניאַ'ן, האָט זיך איינגעקוקט אין איהרע גלאַנצענדיגע אויגען, וועלכע האָבען געקוקט אויף איהם מאָדנע, ווי אויף אַן אונבעקאַנטען, און האָט געזאָגט:

— זשעניאַ!...

זי האָט זיך אויף איהם איינגעקוקט און אַ שמייכעל געטהאָן. מאַזשוכין'ס ליפּען האָבען געציטערט און ער האָט מעהר נישט גע־קאָנט אַ וואָרט אויסריידען. עפּעס וואָס איז פאָרגעקומען אין זשע־ניאַ'ס נשמה: ער האָט זיך איהר פּלוצים אויסגעוויזען קליין, בע־דויערענסווערטה און אַזוי ליעב, ליעב...

— זשעניאַ!... — האָט ער ענדליך ווידערהאָלט.

דאַן האָט זשעניאַ לאַנגזאַם אומגעווענדעט דעם קאָפּ צו איהם און האָט פערמאַכט די אויגען.

נאָך'ן קוס זיינען זיי לאַנג געשטאַנען, פּונקט אַזוי ווי זיי וואָל־טען מורא האָבען זיך צו ריהרען. דערנאָך האָט זשעניאַ זיך בעפרייט פון מאַזשוכין'ס הענד און האָט גענומען האַסטיג געהן איבער'ן וועג צום הויז צו. ביז דער סאַמע דאַטשע האָבען זיי געשוויגען, און נור דאַן, בעת דורך די בלעטער האָט זיך שוין גענומען זעהען דער גע־שטרייפטער פאָרהאַנג פון באַלקאָן און דער ווייסער קיטעל פון אי־וואַן איוואַנאָוויטש, וועלכער איז געזעסען אויפ'ן גאַניקל, האָבען זיי ווידער גענומען זיך קושען, שווייגענדיג און לאַנג. דערנאָך האָט זשעניאַ זיך ארויסגעריסען, אַנטלאָפען צו זיך אין צימער, זיך גע־לעגט אין בעט מיט'ן געזיכט אַראָב און אַזוי ווי אָבגעשטאָרבען.

— ווי מאָדנע, ווי מאָדנע!... — איז ביי איהר דורכגעלאָפען אין קאָפּ.

אָבער פון גליק און צערטליכקייט האָט ביי איהר געציטערט דאָס הארץ, און די ליפּען איהרע האָבען אליין פאר זיך געשמייכעלט אין קיסען. פון באַלקאָן האָבען זיך געהערט שטימען, געלעכטער און עפּעס אַזוי ווי קלינגענדע קוסען. און דערנאָך איז אין צימער שטיל ארייגעגאַנגען זשעניאַ'ס מוטער.

דאָס מיידעל האָט געשווינד אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דער־שראָקען אַ קוק געטהאָן מיט פינקלענדיגע אויגען. דער מוטער'ס פּנים האָט געשמייכעלט, און די באַקען זיינען געווען נאַס. זשעניאַ האָט אַריינגעקוקט אין דיעזען אונענדליך בעקאַנטען, ליעבען אַלטען פּנים און ארומגענומען די מוטער. זי האָט זיך שטאַרק צוגעדריקט

מיט'ן קאָפּ צו איהר ווייבען, וואַרימען בויך און האָט בשום אופן ניט געוואָלט ווייזען איהר געזיכט. און די מוטער האָט שטיל זי געגלעט איבער די האָר און דאכט זיך, זי האָט געוויינט.

די חתונה האָט מען געפייערט הערבסט־צייט, אין שטאָדט, און עס איז צוגעגאַנגען זעהר פייערליך.

עס זיינען געווען א סך געסט; אויף דער גאַס, קעגען הויז, האָבען העל געברענט לאַמטערנען און א גרויסער המון האָט זיך געדרענגט. ס'האָט געשפּיעלט א מיליטערישער אָרקעסטער, וואָס מען האָט אריינגעשפּאַרט אין גימנאַזיסט'עלס צימער, פון וועלכען מען האָט ארויסגעטראָגען אלע זיינע זאַכען. דער גימנאַזיסטעל האָט ביטער געוויינט פאַרוואָס זשעניא האָט חתונה, אָבער די איקאָנע אין קלויסטער האָט ער געטראָגען זעהר פייערליך און מיט א פולען בעוואוסטזיין פון דער וויכטיגקייט פון זיין מיסיע. צווישען דער כלה'ס נאָהענטעסטע איז אויך געווען זינאַ פּעטראָוונאַ, שוואַרץ, ווי א האָלעוועשקע, שטאָלץ, האָפערדיג. און קאַזאַקאָוו איז געווען א שאַפער און האָט געטראָגען אין לאַץ א וואַקסענעם שאַפער־בלום.

איבריגענס, דיעזען אָבענד האָט זשעניא געדענקט, נור ווי דורך א נעבעל. ס'איז געווען זעהר הייס און שטיקענד, רוישיג האָט מען געטרונקען שאַמפּאַניער, מ'האָט געשריען און אלע זיינען געווען שיכור.

נאָך דער וועטשערע איז צו איהר צוגעגאַנגען זינאַ פּעטראָוונאַ, וועלכע מען האָט אביסעל אָנגעטרונקען. זי האָט געטראָגען א ווייסע, דעקאָלטירטע קלייד, פון וועלכער ס'האָבען ארויסגעשטאַרטשעט איהרע שאַרפע אקסעל־ביינער און עלענבויגענס, און אויף איהרע באַקען האָבען געברענט צוויי רויטע פלעקען. זי האָט ריהרענד א קוש געטהאָן זשעניא'ן און האָט געזאָגט, כאָטש ניט פעסט, נור פון דעסטוועגען פערעכטליך:

— נאַ־אַר!...

און בעת דאָס יונגע פּאָרעל האָט זיך אריינגעזעצט אין קאַרעט, האָט קאַזאַקאָוו, א פאָלשטענדיג שיכור'ער, אָהן א היטעל, זיך אריינגעוואָליעט אין גראָבען אריין, און אנשטאָט ארויסצוקריכען אויפ'ן טראָטואַר, וואו ס'האָבען זיך צו איהם אויסגעשטרעקט א צעהנדליג

הענד, איז ער אוועק ווייטער, אין דער לענג פון גראָבען, אונבעוואוסט וואוהין.

מעהר האָט זשעניא בעשטימט ניט געקענט געדענקען.

6.

ס'האָט זיך אָנגעהויבען א נייַ לעבען, גאָרנישט עהנליך אויף דעם פריהערדיגען לעבען, און נישט אויף יענעם לעבען וואָס זשעניא האָט געטרוימט.

אמאָל פלעגט זי זיך פרעגען מיט פערוואונדערונג, פאַרוואָס זי איז אזוי גליקליך און איהר פלעגט ווערען שרעקליך פאר איהר גליק.

זיי האָבען געהאט א שעהנע, געמיטליכע דירה, וואו זשעניא'ן איז אלץ געווען ליעב און טהייער. די אומשטעלונג האָט מאַזשוכין איינגעאָרדענט, אָבער זשעניא האָט אין איהר אריינגעטראָגען עפּעס איהר אייגענעם ווייכען און אינטימען טאָן, און אין דיזער דירה האָבען זיי געוואָהנט זאלבענאנד, ביידע יונגע, געזונטע, וואָס האָבען איינעם דעם צווייטען געליעבט מיט לייב און זעעלע.

די ערשטע לאָסקעס פון מאַן האָבען זשעניא'ן פערוואונדערט, דערשראָקען און בעליידיגט. פון איהרע חבר'טעס אין גימנאַזיע האָט זי שוין פון לאנג אָן געוואוסט וועגען די בעציהונגען פון מאַנספּאר־שוינען און פרויען. זי האָט זיך אָבער נישט פאָרגעשטעלט, אז דאָס איז אזוי שמוציג און גראָב. די ערשטע צייט האָט זי זיך געשעהמט קוקען דעם מאַן אין די אויגען, אָבער שפּעטער האָט זשעניא פער־שטאַנען, אז ער ליידעט דערפון און זי האָט געקראָגען מיטלייד מיט איהם, און דערנאָך האָט איהר געגומען הנאה טהאָן וואָס זי קען איהם פערשאפען געגוס.

אין צוויי־דריי מאָנאַטען ארום האָט זי זיך פאָלשטענדיג איינ־געלעבט מיט'ן מאַן און האָט זיך אליין געוואונדערט, וואָס ער איז איהר געוואָרען טהייערער און נעהנטער איידער איהר מוטער, פאָטער און ברודער. זשעניא האָט געשווינד זיך אויסגעלערענט טרעפען איהר מאַן'ס באגעהרען, וואָס איהם געפעהלט מעהר פאר אלץ און אונבעוואוסטזיניג האָט זי איבערגענומען יענע געוואָהנהייטען, מאַ־ניערען און אינטאָנאַציעס וואָס האָבען אין מאַזשוכינ'ען דערוועקט גרויס ליעבשאַפט צו איהר. זי האָט זיך עפּעס אזוי ווי אָבגעוואָגט

פון זיך אליין און איז געוואָרען אזא, וואָס איז געווען אנגענעהם און נויטיג דעם מאַן.

אין דער אייגענער צייט האָט זשעניאַ גוט פערשטאַנען מאַזשוּ־בינ'ען און האָט דערזעהען, אז ער איז גאָר נישט דער זעלביגער, וועלכען זי האָט געקענט פאר דער חתונה. פריהער איז דאָס געווען עפּעס אזא מאָדנער, אביסעל א שרעקליכער מאַנספּאַרשוין, וואָס מען האָט ווייניג וואָס געקענט פערשטעהן, א מענש, וועלכער האָט גע־טראַכט, גערעדט און זיך בעגאַנגען אזוי ווי ער וואָלט גאָר מיט קיינעם זיך ניט גערעכענט. דעמאָלט האָט ער זיך איהר ארויסגע־וויזען פאר אַן אונגעוועהנליך קלוגען, אלוויסענדען און זעלבסטשטענ־דיגען. זשעניאַ האָט זיך אין זיין געגענוואַרט געפיהלט אלס א קליין מיידעלע. און פּלוצלינג האָט זי פערשטאַנען, אז אין איהם איז קיין אויסערגעוועהנליכעס נישטאָ, אז ער איז פּונקט אזא מענש, ווי זי אליין, און אין פיעל הינזיכטען זאָגאר שוואכער פון איהר און הילפלאָזער פון איהר. און גראַד אָט דיזע הילפלאָזיגקייט אין לע־בענס־קלייניגקייטען, ווי צום ביישפּיעל, בעת עס רייסט זיך אויס א קנעפּעל, האָט אין זשעניאַ'ן ארויסגערופען אזא געפיהל פון צערט־ליכקייט און מיטלייד צו איהם, פּונקט אזוי ווי זי וואָלט געווען א מוטער צו איהם, און ער א קליין קינד איהר'ס.

זשעניאַ האָט זעהר שטאָלצירט דערמיט, וואָס איהר מאַן איז דער בעסטער ארצט אין שטאָדט. קיין גרעסערען פערגניגען איז פאר איהר נישט געווען, ווי בעת'ן ריידען וועגען עפּעס א אונפערשטענד־ליכער קראַנקהייט, פּלעגט מען זאָגען:

בעראַטה זיך מיט מאַזשוּבינ'ען.

דערפאר אָבער אין אלע הויזליכע פראַגען און עסקים האָט זשע־ניאַ זיך געשטעלט העכער פון איהם און פּלעגט זיך גאָר נישט רע־כענען מיט'ן מאַן'ס אָטאָריטעט.

— נו, געה אוועק, געה אוועק... איך וועל אליין !... — פּלעגט זי זאָגען, בעת מאַזשוּבין פּלעגט פּראָבירען זיך אריינמישען אין עפּעס אזוינס וואָס האָט בעלאַנגט צו דער באַלעבאַטישקייט.

און מאַזשוּבין פּלעגט אוועקגעהן אַן אונטערטהעניגער מיט א גליקליכען שמייכעל אויף'ן פּנים.

דערפאר אָבער, בעת געסט פּלעגען זיך צונויפקומען און עס פּלעגט זיך אָנהויבען א וועלכע איז האַמפּעריי, פּלעגט זשעניאַ מיט

דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט זיך צוהערען צום מאַנ׳ס יעדען וואָרט און פלעגט זאָגען:

— דאָס איז ריכטיג... איך דענק אויך אזוי.

און דאָס איז געווען ניט קיין אָנשטעל. זשעניא האָט אונבע־וואוסטזיניג אין זיך איינגעזאַפּט זיינע איבערצייגונגען און זיי זיינען געוואָרען איהר אייגען געפיהל, אויף אזוי פיעל שטאַרק, אז איהר האָט זיך אויסגעדוכט עפּעס אזוי ווי זי וואָלט טאַקע אין אמת׳ן שטענ־דיג אזוי געדענקט.

פערשטאַנען האָט זי דעם מאַן אויפ׳ן וואונק, נאָך זיין בעווע־גונג, און בעת זי פלעגט אמאָל זאָגען עפּעס אזעלכעס, מיט וואָס מאַזשוכין האָט ניט איינגעשטימט, אָדער איהם איז דאָס נישט גע־ווען געפעהלען, פלעגט זשעניא זאָגאר נישט קוקענדיג, דערפיהלען דאָס און זיך אונטעראיילין זיך צו פערענטפערען.

די מענשען וואָס זיינען מאַזשוכינ׳ען געווען אנגענעהם, האָט זשעניא געהאַלטען פאַר גוטע, אינטערעסאַנטע, און די, מיט וועלכע מאַזשוכין איז געווען אין פיינדליכע בעציהונגען, האָט זשעניא גערע־כענט פאַר בייזע און געשמאַקלאָזע.

מאַזשוכין האָט זעהר ליעב געהאַט די ווייב, ער האָט אָבער אויך געקאָנט לעבען מיט זיינע אינטערעסען. ער האָט זיך זעהר פיעל אָבגעגעבען מיט דער מעדיצין און געטרוימט וועגען א דיסער־טאַציע, האָט זיך פאָרגעשלאָגען אלס מיטגליעד אין דער שטאָדט־פערוואַלטונג און אלס בעאַמטער אין קלוב, האָט ליעב געהאַט צו שפּיעלען אין קאַרטען און א הוליע טאָהן אין א מאַנסבילשער קאָמ־פּאַניע. האָט אויך נישט פיינט געהאַט א פּיקאַנטע, לייכטע ליעבעס־פּאַסירונג, נור דאָס זאָל בלייבען א געהיימניס פאַר דער ווייב. זשע־ניא האָב אָבער געלעבט אין אן ענגען קרייז, דער צענטער פון וועל־כען איז נור איהר מאַן געווען. ארום דיעזען צענטער האָבען זיך געדרעהט אלע איהרע געפיהלען און געדאַנקען. אזוי ווי פריהער, האָט זי איצט אויך פיעל געלעזען און האָט זיך מיט אלץ אינטערע־סירט, אָבער נור ביז וואַנען דאָס האָט נישט געשטערט איהר ליעבע. ווי א בין, וואָס מאַכט פול זיין בינשטאָק מיט האָניג, אזוי האָט זי פול געמאַכט איהר קליין וועלטעל מיט דער זיסקייט פון איהר גע־פיהל און אויף גאָט׳ס גאַנצער וועלט האָט זי געקוקט נור פון איהר ביהנשטאָק־פענסטערעל.

צום ענדע פון צווייטען יאָהר נאָך איהר חתונה איז זשעניא שוואַנגער געוואָרען און דאָס האָט נאָך מעהר איהר פול געמאכט מיט צערטליכקייט צום מאַן. דאָס בעוואוסטזיין, אז ער איז דער שולדיגער פון איהרע ליידען, האָט איהר פערשאַפט גרויס גענוס, און אפילו אין די סאמע געבורט־שמערצען האָט זי מיט פרייד גע־מראכט, אז זי ליידעט צוליעב איהם. איצט האָט זי שוין נאָך שטאַר־קער געפיהלט, אז איהר גאנץ לעבען איז אויף אייביג פערקניפּט מיט איהם דורך אונצורייסבארע פעדים. זי האָט זאָגאר זיך גאָר נישט געקענט פאָרשטעלען, אז עס האָט געקענט זיין אזא צייט, בעת זי האָט געקענט לעבען אָהן איהם און נאָך בעטראַכטען דאָס לעבען פאר אינטערעסאנט.

און בעת דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען, איז זשעניא פאָל־שטענדיג אויפגעלעזט געוואָרען, זי האָט זיך פערלוירען צווישען מאַן און זון... זי האָט א מינוט נישט געקענט בלייבען מיט זיך אליין. מיט אן אונבעגרייפליכער לייכטקייט איז זי פערוואַנדעלט געוואָרען פון א ליידענשאפטליכער ווייב אין א הייסער, ציטערענדיגער מו־טער; זי האָט געקאָנט ניט שלאָפען גאנצע נעכט, פערברענגענדיג זיי צווישען דער בעט פון מאַן און דער וויגעלע פון קינד. מ'האָט נור געקאָנט בעוואונדערען, וואָס אין אזא שוואכען פרויען־קערפּער איז דאָ אזוי פיעל בויגזאמקייט, קראַפט און זעלבסט־אויפאָפּפערונג. און דערצו נאָך איז זשעניא אלע מאָל געווען היימליך, אויסגעפּוצט און קאָקעטיש. אמת, קאָקעטירט האָט זי נור מיט'ן מאַן, זי האָט זיך געקליידעט און געמאכט די פריזור נור אזוי ווי איהם איז געווען גע־פעהלען, און איהר איז אויפ'ן זינען גאָר נישט ארויף, אז א וועלכער איז אנדערער זאָל זי קענען פעראינטערעסירען אלס מאַנספּארשוין.

אונטערדעסען איז מאַזשוכין בעשטימט געוואָרען אלס אויבער־ארצט פון שטאָדטישען שפּיטאָל און האָט פערנומען אין שטאָדט אן אָנגעזעהנעם פעסטען אָרט. ער איז בעדייטענד פולער געוואָרען, האָט זיך בערוהיגט, און כאָטש ער האָט זיך נאָך געקליידט אזוי ווי פריהער, פראַנטיש, האָבען זיך אָבער אין איהם געגומען בעווייזען פראָווינציעלע מאַניערען און געוואָהנהייטען. די קליינע אינטערע־סען פון לאָקאלען לעבען האָבען שוין אין איהם נישט ארויסגערופען די פריהערדיגע גוטמוטהיגע שפּאָטלוסטיגקייט און זיי האָבען איהם אויפריכטיג גערעגט.

דאָס לעבען איז ארויף אויף א גלייכען ברייטען און ליכטיגען שטעג. און ס'האָט זיך אויסגעוויזען, אז קיין קראפט קען שוין איהם נישט ארויסשטויסען פון דאָרט.

7.

בעת מאזשוכין איז בעשטימט געוואָרען אלס אויבער־ארצט אין שטאָדטישען שפיטאָל, איז אויף זיין אָרט אָנגעקומען א נייער ארצט, וויילגאָרסקי.

ער איז געווען א מענש פון א יאָהר זעקס און דרייסיג, געגאָלט. ווי אן אקטיאָר, א הויכער, א שעהנער, נור וואָס געקומען פון פעטראָגראד, און. אויף בעוואונדערונג פון גאנצען שטעדטעל, האָט ער געטראָגען א צילינדער און מאָדנע האנדשוה.

מאזשוכין האָט איהם בעקאנט געמאכט מיט זיין פרוי, און אזוי ווי ער, דער נייער געהילף זיינער, איז געפעהלען געוואָרען דעם מאן, האָט זשעניא איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך. אויפ'ן צווייטען טאָג האָט ער ביי זיי געגעסען מיטאָג, און נאָך'ן עסען האָט זשעניא איהם אריינגעפיהרט אין קינדער צימער איהם ווייזען דאָס קינד. דאָס איז ביי איהר געווען א צייכען פון פריינדשאפט.

— זשעניא, אפשר איז דאָס גאָר ניט אינטערעסאנט פאר וויקטאָר פאוולאָוויטש'ן !... — האָט מאזשוכין געזאָגט שמייכלענדיג.

זשעניא האָט זיך דערשראָקען אָבגעשטעלט און האָט פערווירט א קוק געטהאָן אויפ'ן גאסט, נור דאָקטאָר וויילגאָרסקי האָט באלד געמאכט א זעהר ערנסטען פנים, און זי האָט זיך אויגענבליקליך בערוהיגט.

דאָס קינד האָט נור וואָס זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און די ניאנקע האָט איהם געקאָרמעט מיט מילך. ער איז געזעסען ביי איהר אויף די קניה, האָט אויסגעשטעלט די פערשלאָפענע, בלויע אויגלעך און געבריקעט מיט נאקעטע פיסלעך. זשעניא האָט איהם גענומען פאר די הענדטלעך, איהם צוגעדריקט צום פנים, פונקט אזוי ווי זי וואָלט איהם געוואָלט פערגלייכען מיט זיך, און, קאָקעטיש קוקענדיג אויף דאָקטאָר וויילגארסקי, האָט זי געזאָגט:

— זעהט איהר, ס'ארא אינגעלע !...

דאָס קינד איז געווען א רייניקער און א גוטינקער, און די מוטער, אינגאַנצען בעגאָסען מיט א ראָזען קאָליר פון שטאָלץ און

פערווירונג, איז געווען פּראכטפול. ווייל גארסקי, וועלכער האט ניט געקענט פערטראָגען קיין קינדער, האט גנעדיג א טאָרע געטהאָן דאס קינד אונטער'ן מאָרדעטשקע, האט איהם געמאכט שמייכלענדיג, און דערמיט האט ער זשעניא'ן פאַלשטענדיג בעצויבערט. מאזשוכין איז געשטאנען אויפ'ן שוועל, ווי א גליקליכער אייגענטהימער, האט געשמייכעלט מיט זעלבסט־צופריעדענהייט און געזאגט:

— זשעניא מיינט, אז אויף דער גאנצער וועלט איז נישטאָ קיין זאך, וואס איז אינטערעסאנטער פון איהר זוהנעלע!... אלע מאמעס זיינען דעריין גלייך!...

זשעניא איז רויט געוואָרען און געלאכט.

— פערשטעהסט גאר נישט!... אמת, ער פערשטעהט גאר נישט? — האט זי געפרעגט דאס קינד, אונבעוואוסטזיניג קאָקעטי־רענדיג מיט איהר מוטערשאפט. — און מיר זיינען ענטציקענד!... אמת, מיר זיינען ענטציקענד?...

און זי האט גענומען הויבען און אונטערוואַרפען דאס קינד און ווייל גארסקי האט אויף איהר געקוקט און זי איז איהם געפעהלען געוואָרען. ער האט ליעב געהאט אזעלכע צארטע, קליינינקע פרויען.

דערנאך האט מען געטרונקען טהעע און געגעסען אָבענד־מאהל־צייט. ביים עסען האט זשעניא געטרונקען וויין, האט זיך צורוי־טעלט און איז געווען בעצויבערענד.

קומענדיג אהיים, האט ווייל גארסקי זיך דערמאָהנט, אז נאך גאנץ לאנג וועט איהם אויסקומען צו וואָהנען אין דיעזען אומעדיגען שטעדטעל, און האט גענומען טראכטען וועגען זשעניא'ן מיט בע־שטימטקייט. ער האט זיך פארגעשטעלט איהרע אויגען, ליפּען, שולטערן און איהר ווייכע טאליע; ער האט זיך גענומען פאָרשטעלען, ווי ער טהוט איהר אוים און האט בעשלאָסען, אז זי האט א זעהר צאַרטען קערפּער און אז זי מוז זיין א ליידענשאפטליכע ליובאָווניצע.

ווייל גארסקי האט געהאסט פרויען און אלע פרויען, אָהן אוים־נאהם, האט ער געהאלטען פאר זינדיגע און לייכטצוגענגליכע. ער האט פערזיכערט, אז איטליכע פרוי קען מען פערפיהרען אין צוויי טעג צייט. עס זאָל נור זיין די פּאסיגע אומגעבונג און א געוויסע גע־ניטקייט. ער האט אין זיי געזעהן בלויז א שעהנעם קערפּער. און דאס, וואס אָרענטליכע פרויען, אזוי צו זאָגען, זיינען איהם געווען אנגענעהמער, איז עס געווען בלויז דערפאר, ווייל ער האט גערעכענט,

אז דער מאָמענט, בעת דער מאנספּארשוין בעזיעגט די פּרוי'ס שעה־מעדיגקייט, איז דער שארפסטער מאָמענט אין ליעבעס בעציהונגען.

ס'איז שוין געווען נאכט. וויילגארסקי איז צוגעגאנגען צום פענסטער און גענומען קוקען אויפ'ן מארק־פּלאץ, וועלכער איז געווען שוואך בעלויכטען פון די קעראָסין־לאמטערנען. ווייזט אויס, אז ס'איז געווען ווינטיג. די פייערלעך אין די לאמטערנען האָבען זיך געטרייסעלט און די שיטערע בלאָטע האָט געגלאנצט. קיין איין לעבעדיגער נפש האָט זיך ניט געזעהן. איבער דער שטאָדט איז געלעגען א חשך, און אין אלע הייזער, כאָטש דער זייגער האָט נור געשלאָגען עלף, האָט מען קיין פייערל שוין נישט געקאָנט זעהן.

א שרעק פון פאַלשטענדיגער איינזאמקייט און אָבגעריסענקייט פון אלץ, וואָס ער האָט געליעבט און צו וואָס ער איז געווען צוגעבונדען, האָט ארומגעכאפּט וויילגאָרסקי'ן. איהם האָט זיך איצט פאָרגעשטעלט, אז ערגעץ דאָרט ווייט, הינטער'ן פאָרהאנג פון דער פינסטערקייט, הינטער די וויסטע פעלדער און אויסגעטריקענטע וועלדלעך רוישט און פלאמט נעווסקי פּראָספּעקט, אָן אויסגעפּוצטע פּובליקום בעוועגט זיך, מוזיק שפּיעלט, אין די רעסטאָראנען קאָכט און ברויזט און די גאנצע שטאָדט איז פערגאָסען מיט שיין. וויילגאָרסקי האָט אויפגעציטערט און בעדריקט איז ער זיך דורכגעגאנגען איבער'ן צימער.

דערנאָך האָט ער זיך ווידער צוגעדריקט מיט'ן קאָפּ צום פענסטער, און אין שווארצען שויב האָט ער באלד דערזעהען זשעניא'ן. אָנפאנגס האָט ער זי געזעהן אזוי, פונקט ווי זי האָט אויסגעוויזען ביים אָבענד־מאָהלייט און אין קינדער־צימער, דערנאָך האָט ער זי געזעהען א נאקעטע, דערנאָך אין אונפערשעהמטע און ליידענשאפטליכע פּאָזעס. איהם האָט גענומען שוואכען אין די פיס, די אויגען זיינען ביי איהם פייכט געוואָרען און איהם איז געוואָרען א ביסעל לייכטער.

זשעניא'ס גאנצע נשמה וואָלט אויפגעציטערט געוואָרען פון שאנד און ברענענדער בעליידיגונג, ווען זי וואָלט געקענט זיך דערזעהען אין וויילגאָרסקי'ס פאָרשטעלונג. זי האָט אָבער גאָר נישט געטראכט וועגען איהם. ער איז פאר איהר געווען א פרעמדער, אן אונפערשטענדליכער, און א פאָלשטענדיג אונגוויטהיגער מענש.

גראד אין דער אייגענער צייט, איז זשעניא געלעגען אין בעט

און האָט א קוק געטהאָן, וואָס איז מיט'ן קינד. זיך איבערצייגענדיג, אז דאָס קינד שלאָפט רוהיג, האָט זי געזאָגט צום מאן:

— געה שוין שלאָפען!...

און מאזשוכין, א ביסעל אויפגערעגט פון'ם וויין, וואָס ער האָט געטרונקען ביים אָבענד־מאָהלצייט, איז ארומגעגאנגען אין שלאָף־צימער היין און צוריק, האָט לאנגזאם אראָבגעצויגען די שלייקעס און גענומען ריידען:

— מיר געפעהלט אין ווילגאָרסקי'ן דאָס, וואָס ער ברעכט זיך ניט און בעמיהט זיך ניט ארויסצואווייזען אנדערש ווי ער איז אין אמת'ען... מיט פיעלע פון זיינע אנשויאונגען בין איך ניט איינ־שטימיג, אָבער, פונדעסטוועגען, איז ער, דאכט זיך, ניט קיין נאריש־שער מענש....

זשעניא האָט אויפמערקזאם אויסגעהערט און געענטפערט, טראכטענדיג בעת מעשה וועגען עפּעס אנדערש:

— יא, איך דענק אויך אזוי...

8.

יענעם ווינטער האָט זשעניא איבערגעלעבט צוויי שרעקליכע אומגליקען: עס איז ביי איהר געשטאָרבען דער פאָטער און די מוטער, ניט אויסהאלטענדיג דעם פערלוסט פון איהר מאן, מיט וועל־כען זי האָט אָבגעלעבט אזוי פיעל יאָהרען, איז ארונטער פון זינען. איהר האָט זיך אלץ אָבגעדוכט, אז זי איז שולדיג אין זיין טויט, ווייל זי האָט ניט גענוג אכטונג געגעבען אויף איהם. איהר משוגעת האָט אָנגענומען אזא כאראקטער, אז מ'האָט געמוזט אריינגעבען זי אין א קליניק פאַר גייסטיגע קראַנקע.

אָט די שרעקען האָבען זיך שטארק אָבגערופען אויף זשעניא'ן. זי איז געוואָרען ערנסטער און ווייבליכער. די לעצטע מיידעלשע שפּורען זיינען פערשוואונדען און זי איז פערוואנדעלט געוואָרען אין א פרוי.

אין מאָנאט מאי זיינען זיי ארויסגעפאָהרען אויף דער דאטשע צוזאמען מיט'ן גימנאזיסטעל, זשעניא'ס ברודער, וועלכער איז איינ־גאנצען פער'יתום'ט געוואָרען און האָט זיך איצט אינגאנצען צוגע־בונדען צו מאזשוכינ'ען.

דער זומער האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען און ער האָט אויס־געוויזען צו זיין א זעהר הייסער.

דאָקטאָר ווייללגאַרסקי פלעגט איצט פאָהרען אויף דער דאַטשע, ווי מאַזשוכין איז אמאָל געפאָהרען. זשעניא האָט זיך שוין צו איהם צוגעוואָהנט, און בעת מאַזשוכין פלעגט זיך צוליעב וואָס עס איז לענגער פערהאלטען אין שטאָדט, און ווייללגארסקי איז פריהער פון איהם געקומען, פלעגען זיי צוזאַמען שפאַצירען, שמועסען און לאַכען, ווי אלטע בעקאַנטע.

דער גימנאַזיסטעל האָט איצט ניט געקענט פערטראָגען ווייל־גארסקי'ן, פונקט אזוי ווי ער האָט אמאָל ניט געקענט פערטראָגען מאַזשוכינען און פלעגט איהם רופען ניט אנדערש ווי „יענער".

— וולאדימיר פעטראָוויטש — פלעגט ער זאָגען — יענער איז געקומען...

דאָס איז געווען נאָך מאָדנער, מחמת ווייללגארסקי האָט נישט געהאט קיין שלעכטע מאַניערען, און ער האָט גאָר נישט בעמערקט דעם אינגעל.

פון אָבענד בעת ערגעץ וואו הינטער'ן וואלד איז אויפגעגאנגען די בלאַסע לבנה, איז זשעניא האלב געלעגען אויף דער טעראַסע אין אזא סאָרט לייוועגטענעם שטוהל, און ווייללגארסקי איז געזעסען אויף א טרעפעל פון גאַניק און פון אונטען געקוקט אויף איהר מיט זיינע גרויסע, שארפע אויגען. אפילו דאָ, אין וואלד, צווישען די גרויסע, גרינע, דובאָווע בוימער, איז נאָך געווען גאָר ליכטיג.

זשעניא האָט שוין לאַנג געפיהלט, אז זי געפעהלט ווייללגאַר־סקי'ן אלם פרוי, נור זי האָט זיך געטראַכט, אז דאָס פערפליכטעט זי צו קיין זאַך נישט און איהר איז דאָס זאָגאר געווען אביסעל שמייכעלהאַפט און אָנגענעהם. דאָס האָט אַריינגעטראָגען עפּעס א וועל־כען איז אינטערעס אין זייערע פערהעלטניסען, און מיט וויילל־גארסקי'ן איז זשעניא'ן קיין מאָל ניט געווען אומעדיג. איהר איז נישט געפעהלען געוואָרען נור דאָס, וואָס אין דער לעצטער צייט פלעגט ווייללגארסקי איטליכעס מאָל ארויספיהרען זייער שמועס, בעת זיי פלעגען בלייבען זאלבענאנד, אלץ אויף ליעבע און ליידענ־שאַפט. דאָס פלעגט איהר אביסעל פערדרייסען. זשעניא האָט אין קיין זאַך ניט איינגעשטימט מיט ווייללגארסקי'ן און האָט איהם גערופען דערפאר לאַיעווסקי.

— איהר דערמאָהנט מיר לאַיעווסקי׳ן, אין טשעכאָוו׳ס „דועל״... יענער האָט אויך וועגען קיין אנדער זאך נישט געקענט ריידען !...

— לאַיעווסקי איז געווען א ציניקער און האָט פערשטאנען ליעבע נור אלס בעט — האָט ווייל׳גארסקי אָבגעענטפערט.

— וויקטאָר פאוולאָוויטש, איהר רעדט פאסקודנע !... — האָט זשעניא געזאָגט האלב לאכענדיג, האלב בייז.

— פארוואָס איז דאָס פאסקודנע ?... פון דעסטוועגען מיין איך, אז אָהן ליעבע און ליידענשאפט איז ניטאָ קיין לעבען!... פער־בינדען דאָס גאנצע לעבען מיט איין מענשען, איז דאָס אלץ איינס, ווי לעזען דאָס גאנצע לעבען איין בוך... דאָס בוך קען זיך זיין א גאנץ אינטערעסאנטעס, אָבער מען קען דאָך ניט פערגעסען, אז אויף דער וועלט זיינען פאראן פיעל ביכער, קען זיין, נאָך אינטערעסאנ־טערע !... וואָס אַנבעלאנגט מיך, קען איך זיך ניט בערוהיגען, ביז וואנען איך וועל ניט איבערלייענען אלע ביכער, וואָס קומען מיר צום האנד. און ווען איך האָב שוין אָנגעהויבען לעזען, וועל איך ניט אוועקווארפען, ביז וואנען איך וועל ניט איבערלעזען דאָס לעצטע בלאַט !...

— עקעלהאפט !... — האָט זשעניא ווידערהאָלט.

ווייל׳גארסקי האָט אויפגעהויבען זיין מאט־ווייסען פנים און געזאָגט :

— איך קען ניט זעהן א יונגע, שעהנע פרוי און עס זאָל מיר נישט ציהען צו איהר... און איך בין חלילה נישט אויסגעלאסען און ציניש, ווי לאַיעווסקי... יעדע יונגע פרוי — דאָס איז א גאנצע פאָ־עמע פון שעהנקייט און צארטקייט. און דערקענען קען מען זי נור דאן, בעת מען בעזיצט זי אלס פרוי... ווען ניט בלייבט זי שטענדיג א רעטעניש... אונטער איהר קלייד בעהאלט די פרוי ניט נור איהר קערפער, נור אויך די נשמה.

ביי די ווערטער: „בעת מען בעזיצט זי״ — איז זשעניא אביסעל רויט געוואָרען. זי האָט דערפיהלט, אז דאָס בעציהט זיך אויף איהר און איהר איז געוואָרען אונבעקוועם. אזעלכע געשפרעכען זיינען פאָרגעקומען שוין ניט איין מאָל און האָבען זי אונאנגענעהם גערעגט. זשעניא׳ן האָט זיך אויסגעדאכט, אז ס׳איז ניט רעכט, וואָס זי הערט אוים אזעלכע זאכען. אמת, זי פלעגט דאָס אלץ דערציעהלען דעם

מאן, קענטיג אָבער, אז זי האָט ניט פערשטאַנען ווי אזוי איבערצו־געבען דעם מאן דעם עיקר פון די דאָזיגע געשפּרעכען, דעם תוך פון אַלעם דעם, ווארום מאַזשוכין פלעגט נור לאַכען.

— ווייס איהר גאָר וואָס, — האָט זי געזאָגט, — אום צו מאַ־כען א סוף מיט דיעזען געשפּרעך, לאָמיר געהן בעגעגנען וולאדימיר פּעטראָוויטש'ן. ער דארף באלד קומען. גיט נור א קוק ס'ארא אָבענד עס איז און מיר פילאָזאָפירען!...

— א שעהנע פילאָזאָפיע... — האָט וויילגאָרסקי געזאָגט און זיך צולאכט.

זשעניאַ איז אויף א ווײַלע אוועקגעלאָפען א קוק טהון אויף'ן קינד, און וויילגאָרסקי האָט אויף איהר אויפגעוואַרט, קוקענדיג צו־שטרייט ארום. ער האָט אזוי ווי עפּעס־וואָס בעטראַכט און זיך גע־רעגט. איהם האָט זיך געדאַכט, אז זשעניאַ וויל דאָס זעלבע, וואָס ער וויל, אָבער אויף צו בעשליסען זיך אויפ'ן לעצטען שריט האָט ער ניט געהאַט גענוג דרייסטקייט. ניט דערפאַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט, טאָמער האָט ער א טעות, נור גאָר איינפאַך, אין די פּאַסיגע מאָמענטען איז ער עפּעס אזוי ווי אָבגעשוואַכט געוואָרען. ער איז געשטאַנען אויפ'ן גאַניק, האָט געוואַרט אויף זשעניאַ'ן און גערעדט צו זיך, אז מען דארף האַנדלען גראַדער, גרעבער.

— פרויען געפעהלט עס!...

זשעניאַ איז ארויסגעגאַנגען אויפ'ן גאַניק, און נאָך איהר איז ארויסגעגאַנגען דער מאָגערער, אומגעלומפּערטער גימנאַזיסטעל.

— איך וועל בעסער געהן צום דאָרף צו... — האָט ער גע־זאָגט, און א קוק געטהאָן מיט בושה אויף וויילגאָרסקי'ן.

— נו, ווי דיר געפעהלט, — האָט זשעניאַ צוגעשטימט אומ־ענטשלאָסען, אראָבגעהענדיג פון גאַניק.

נאָך איהר שטימע האָט וויילגאָרסקי פערשטאַנען, אז זי האָט מורא צו בלייבען מיט איהם אליין און האָט אומיסנע גערופען דעם גימנאַזיסטעל. אויך מעגליך, אז דאָס איז ניט אזוי געווען, אָבער דאָס וואָלט זשעניאַ אליין ניט געזאָגט.

זיי זיינען לאַנגזאַם געגאַנגען אויפ'ן בארג, אין דער אַלטע צוויי־יגען דובאָווע בוימער, און דער גימנאַזיסטעל איז געשטאַנען אויפ'ן גאַניק, האָט זיי נאָכגעקוקט און פערהאַסט וויילגאָרסקי'ן מיט אַלע קרעפטען פון זיין נשמה. אין דאָרף איז ער ניט געגאַנגען, ער איז

צוריק אריין אין צימער און גענומען אָנשטאָפּן פּאַפּיראָסען פאַר מאַ־זשוכינ׳ען.

אין דער אַלעע איז געווען גאַנץ פינסטער און ס׳האָט געשמעקט מיט פייכטקייט. וויילגאָרסקי איז געגאַנגען שווייגענדיג און פון א זייט אַלץ געוואָרפען בליקען אויף דער ווייסער פּרויען פיגורקע, וועל־כע האָט זיך בעוועגט אין רייהע מיט איהם אין וואַלד־פינסטערקייט. זיין אויפגערעגטקייט איז אַלץ געוואַקסען און, מסתמא האָט זשע־ניא דאָס געפּיהלט, ווארים זי האָט אויך געשוויגען און איז אַלץ גע־גאַנגען גיכער. פאַרויס האָבען זיך שוין געזעהען ליכטיגע אָבגלאַנצען צווישען די בוימער.

— אַי, א זשאַבע!... — האָט זשעניא פּלוצלינג אויסגעשריען, איז אָבגעשפּרונגען און מיט׳ן שולטער זיך אָבגעשלאָגען אָן וויילגאָרסקי׳ן.

אין דער מינוט האָט ער אינסטינקטיוו זי א כאַפּ געטהאָן פאַר דער טאַליע און זי צוגעדריקט צו זיך. אָנפאַנגס האָט זשעניא אפילו ניט פערשטאַנען, וואָס אזעלכעס איז דאָ געשעהן, אָבער באַלד האָט זי דערזעהען נאָהענט געגען זיך זיין מאָדנע פערענדערטען פּנים און זיינע ציטערענדיגע ליפּען, וואָס האָבען געזוכט איהרע ליפּען, און אין איהר פּנים האָט געשלאָגען מיט א טרוקענער היץ פון זיין איבערגעריסענעם אָטהעם. זשעניא האָט א געשריי געטהאָן מיט אַלע איהרע קרעפטען, מיט ביידע הענד איהם אָבגעשטויסען און זיך ארויסגעריסען.

— איהר זייט פון זינען אראָב!... — האָט זי אויסגעשריען, ווי א צודולטע פון שרעק און בעליידיגונג.

— איך ליעב אייך!... — האָט וויילגאָרסקי ליידענשאַפטליך ארויסגעפּליסטערט.

זשעניא האָט אויף איהם א קוק געטהאָן מיט כעס און מיט עקעל און געמאַכט מיט די הענד אזעלכע בעוועגונגען, פּונקט אזוי ווי זי וואָלט זיך אָבגעטרייסעלט פון עפּעס וואָס שמוציגעס.

— איך ליעב אייך!... — האָט וויילגאָרסקי ווידערהאָלט, ווי א צוטומעלטער, און האָט אויסגעשטרעקט די האַנד. — שוין לאַנג, אז איך ליעב אייך!... איהר מוזט זיין מיינע...

זשעניא איז געוואָרען אָן אָנגעצונדענע און האָט געשווינד גע־נומען געהן פאַראויס, ניט וויסענדיג וואוהין זי געהט. דאָס האַרץ

האָט ביי איהר געקלאַפּט, אין די אויגען זיינען אַנגעלאָפען טרעהרען פון שאַנדע און בעליידיגונג. דאָס פּנים האָט ביי איהר געברענט. זי האָט זיך פערלוירען. נאָך עטליכע טריט און זיי זיינען ארויס פון וואַלד.

דאָ איז שוין געווען גאַנץ ליכטיג. אויף א גרויסער שטרעקע ארום האָבען זיך געצויגען גראַדע ווייטקייטען, אונטען, אונטער׳ן באַרג, האָט געגלאַנצט דער טייך, ווי א ליכטיגע לענטע, און גראַד נעגען זיי, אויפ׳ן בלאַס־בלויען הימעל, איז געשטאַנען א פאַלשטענ־דיג רונדע, ראָזע לבנה.

ווײלגאַרסקי האָט פּלוצלינג אָנגעכאַפּט זשעניא׳ן פאַר׳ן האַנד און זי אָבגעשטעלט. זשעניא האָט זיך געריסען, זי האָט זיך אָבער ניט געקענט ארויסרייסען פון איהם און האָט איהם נור געצוואונגען צו מאַכען נאָך א פּאָאַר טריט. די אויגען זיינען ביי איהר געווען קיילעכדיגע, דערשראָקענע.

— איהר מוזט מיר אויסהערען! איך בעט אייך!... — האָט ווײלגאַרסקי געפּליסטערט. — איך ליעב אייך... איך קאָן אייך ניט זעהן אָהן אויפרעגונג, הערען אייער שטימע, דעם שאָרך פון אייער קלייד... איך וועל פון זינען אראָב!... פערשטעהט איהר דען ניט, ווי איך ליעב אייך?...

זשעניא האָט ווידער אמאָל פּרובירט ארויסרייסען זיך, זי האָט אָבער ניט געקענט. זי האָט באַלד זיך דערפיהלט הילפלאָז און האָט זיך שטאַרק דערשראָקען. ווײלגאַרסקי האָט שטאַרק, ביז צו יסורים, געדריקט איהם האַנד און ווידערהאָלט דאָס זעלבע:

— איך ליעב אייך! זייט מיינע!...

— איהר בעליידיגט מיר!... לאָזט מיר אָב אויגענבליקליך... ווי וואַגט איהר דאָס!...

ווײלגאַרסקי׳ס פּנים איז פּלוצלינג געוואָרען צאַרט און טרויעריג.

— איך בעליידיג אייך?... זייט מיר מוחל!... איך האָב ניט געוואָלט אייך בעליידיגען!... — האָט ער ווייך און וועהמוטיג גע־זאָגט און ארויסגעלאָזט איהר האַנד. — איך האָב נור ניט געקענט בעזיעגען מיין ליעבע צו אייך... איהר אַליין זייט אָבער שולדיג דערין: פאַרוואָס זייט איהר אַזוי שעהן, אַזוי יונג, פאַר וואָס איז

אין אייך דאָ אַזוי פיעל לעבען ? איהר האָט מיר פון זינען אַראָב־געפיהרט !...

ער האָט צוגעדריקט די הענד צום הארצען און געזאָגט כמעט מיט עהרפורכט :

— גאָט מיינער, ווי שעהן איהר זייט !

זשעניא איז אַביסעל געקומען צו זיך.

— פאַרוואָס זאָגט איהר מיר דאָס ? איהר פערגעסט אַז איך בין אַ פערהייראַטהע פרוי ! — האָט זי געזאָגט.

— וואָס געהט עס מיר אָן ?... — האָט וויילגאָרסקי געענטפערט מיט פערדרוס, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט געזאָגט עפּעס וואָס אוננויטיגעס, איבריגענס. — יאָ פערהייראַטה, אָדער ניט פערהיי־ראַטה, וואָס ווײַס איך !... איך ליעב אייך און ווייטער געהט מיר ניט אָן !... פערשטעהט־זשע, אַז איך ליעב אייך !...

זיין שטימע האָט געקלונגען אַזוי קרעפטיג, אַז זשעניא האָט זיך פערלוירען.

—אָבער איך וויל דאָס גאָר נישט... — האָט זשעניא קלעגליך ערוויעדערט. — איך וועל ניט הערען, וואָס איהר'ט מיר זאָגען !...

— ניין, איהר'ט מיר יאָ אויסהערען !... איהר זייט אַזאַ צערטליכע, אַזאַ וואַכזאַמע, קענט איהר דען אָבשטויסען אַ מענשען, וואָס ליעבט אייך, ווי איך !

— אָבער הערט נור, — האָט זשעניא אַרויסגערעדט מיט פער־צווייפלונג : — דאָס איז דאָך שרעקליך, וואָס איהר רעדט... איך ליעב דאָך מיין מאַן, פערשטעהט עס !...

— אַלץ איינס ! — האָט וויילגאָרסקי עקשנות'דיג געענטפערט.

— און איצט וועט איהר מיר ליעב קריגען און איהר וועט זיין מיינע !... אַזוי וויל איך !...

זשעניא האָט שטאָלץ אויף איהם אַ קוק געטהאָן, האָט פער־עכטליך פערוואָרפען דעם קאָפּ, אַ הויב געטהאָן די שולטערען און געזאָגט :

— ועלען מיר זעהן !...

— ועלען מיר זעהן !... — האָט וויילגאָרסקי עקשנות'דיג און אונערביטליך ווידערהאָלט.

זשעניא האָט נאָך אַ מאָל אַ הויב געטהאָן די שולטערן און, עפּעס אַזוי ווי בעשליסענדיג צו ענדיגען מיט דער דאָזיגער מאָדנער

געשיכטע, האָט זי גענומען געהן גראד אויף וויילגאָרסקי'ן, פונקט אזוי ווי ער וואָלט געווען א פּוסטער אָרט.

וויילגאָרסקי האָט איהר אָבגעטראָטען דעם וועג, און האָט אלץ גערעדט עקשנות'דיג און מיט זיכערהייט:

— אלץ איינס... איצט וועט איהר אוועקגעהן, ענדליך וועל איך זיך אָבער דערשלאָגען דאָס מייניגע!...

זשעניא, ניט אָבשטעלענדיג זיך, איז געגאנגען צוריק צום הויז צו, פול מיט כעס, א בעליידיגטע. זי האָט בעשלאָסען אלץ באלד דערצעהלען דעם מאַן. וויילגאָרסקי איז געגאנגען הינטער איהר און האָט אלץ ווידערהאָלט דאָס זעלבע:

— און פון דעסטוועגען ליעב איך אייך!...

בעת זיי זיינען געקומען צוריק, האָט אויף דער טעראַסע געברענט א לאָמפּ און מאזשוכין איז געזעסען ביים סאמאָוואר. דער גימנאזיסטעל האָט געבלאָזען אין טאש טהיי.

— אָ, אָט, און איהר זייט אויך דאָ!... — האָט מאזשוכין היימליך געזאָגט. וואו זייט איהר דאָס פערפאלען געוואָרען?

זשעניא איז געגאנגען איבער די טרעפּלאך מיט ענטשלאָסענע, פעסטע טריט. אויף איהרע ליפּען זיינען געלעגן ווערטער פון ענטריסטונג, איהר געזיכט האָט געברענט, איהרע אויגען האָבען געגלאנצט. נור בעת זי האָט דערזעהען מאזשוכין'ס רוהיגע געזיכט און דערהערט זיין געוועהנליכע שטימע, זיינען די ווערטער געבליבען ביי איהר אין האלז. זי האָט פּלוצים דערפיהלט א מאָדנע שוואַכקייט, און ביי איהר אין קאָפּ איז דורכגעלאָפען א געדאנק, אז ס'קאָן זיין, בעסער גאָרנישט רעדען, און גאָר איינפאַך איבעררייסען אלע בעציהונגען מיט וויילגאָרסקי'ן. זי האָט נאָך ניט געענדיגט געגוי בעטראַכטען איהר בעשלוס, און וויילגאָרסקי האָט אויף מאזשוכין'ס פראגע געענטפערט רוהיג, פונקט אזוי, ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען:

— מיר זיינען געגאנגען אייך בעגעגענען.

— איך בין געפאָהרען דורך סעליוואַנקע — האָט מאזשוכין דערקלעהרט. — וואָס ביסטו אזוי רויט, זשעניא?

זשעניא האָט נור ערשט גענומען בעגרייפען, אז זי מוז אויסזעהען שרעקליך, אָבער וויילגאָרסקי האָט איהר ווידער ארויסגעהאָלפען:

— מיר זיינען געלאָפען בארג אראָב.

זשעניא האָט אויף איהם א קוק געטהאָן און האָט בעגעגענט דעם זעלבען עקשנות'דיגען און זיכערען בליק. די הענד האָבען זיך ביי איהר אראָבגעלאָזט.

מאזשוכין האָט גאָרנישט בעמערקט און האָט זעהר אויפגע־לייגט גענומען דערצעהלען שטאָדטישע נייעס. צווישען איהם און וויילגאָרסקי'ן האָט זיך באלד פערבונדען עפּעס א האמפּעריי, און זשעניא האָט זיך געזעצט אָן א זייט, אין שאָטען, האָט פון דאָרט אויף זיי געקוקט, ווי א מויז, און האָט בשום אופן נישט געקאָנט בעשליסען: דאַרף זי דערצעהלען דעם מאן, אָדער ניט? איהר איז געוועזן אונערטרעגליך צו זעהען, אז ער רעדט אזוי פריינדליך מיט א מענשען, וועלכער האָט נור־וואָס אזוי גרויזאם איהם בעליי־דיגט; אָבער בעת זי האָט א טראכט געטהאָן וועגען דעם, וואָס עס קען ארויסקומען אז זי וועט יאָ דערצעהלען, האָט א טויט שרעק איהר אָנגענומען. זי האָט עפּעס מיט א ווילדער נייגעריגקייט גע־קוקט אויף וויילגאָרסקי'ן, און איהר האָט זיך געדאכט, אז זי זעהט איהם דאָס ערשטע מאָל. דערפאר וואָס ער האָט געזאָגט, אז ער ליעבט זי כלומרשט און אז זי מוז איהם געהערען, איז ער פּלוצלינג פאר איהר געוואָרען עפּעס אַן אנדערער, א נייער, א שרעקליכער. א ברענענדער אינטערעס, אויסגעפלאָכטען פון בעליידיגונג, האָס, מורא און נייגעריגקייט האָט זיך אין זשעניא'ן דערוועקט. זי האָט געברענט אויף א לאנגזאמען פייער און האָט געפיהלט, אז פאר קיין זאך אויף דער וועלט וועט זי זיך ניט בעשליסען צו דערצעהלען דעם מאן.

9.

אויפ'ן צווייטען טאָג, בעקלעהרענדיג אלץ, וואָס איז פאָרגע־קומען, האָט זשעניא בעשלאָסען צו נעהמען זיך אין די הענד און ערנסט איבעררײדען מיט וויילגאָרסקי'ן, איהם בעווייזען, ווי אונ־זיניג און בעליידיגענד זיינע פערלאנגען זיינען. נור ווען זי האָט שוין אָבגעפּאסט א פּאסיגע מינוט און גענומען רעדען מיט איהם מיט אויפרעגונג און אימפּעט, האָט וויילגאָרסקי אויף איהר א קוק גע־טהאָן א פערצאָגטער און געזאָגט:

— איך וויים גאָרנישט, אויסער דעם, אז איך ליעב אייך, און איהר מוזט זיין מיינע!...

זשעניא האט זיך געפיהלט אינגאנצען אראבגעשלאגען פון איהר פאזיציע. פונקט אזוי ווי מען וואלט ארויסגעכאפט פון איהרע הענד עפעס א וועלכע איז געוועהר, וואס זי האט בעטראכט אלס טויט־ברענגענד. נור אזוי ווי אין דער זעלבער צייט איז געקומען מאזשוכין, האט זי אבגעלייגט די וויטערדיגע ערקלעהרונג אויף אן אנדערש מאל. אבער זי האט פעסט בעשלאסען דעם מאן גארנישט צו דערצעהלען.

—ס'איז דאך קיין זאך ניט פארגעקומען, פארוואס זאל איך איהם צורודערען!...

זי האט זיך דערמאהנט, אז זיי דיענען ביידע אין איין שפי־טאל און ווען זי זאל איהם דערצעהלען, וועט פאר זיי אונמעגליך זיין אינאיינעם צו ארבייטען.

אין צוויי טאג ארום איז ווייל גארסקי געקומען פריהער פון מא־זשוכינ'ען, און זשעניא האט זיך כמעט דערפרעהט דערמיט, אום, ענדליך צו מאכען א סוף צו דיעזער אונערטרעגליכער לאגע.

דער גימנאזיסטעל איז אוועק זיך שיפען אויפ'ן טייך, און די ניאנקע איז געזעסען מיט'ן קינד און צו איהם געשמועצערט, וואס האט זיך געהערט אויף דער טעראסע דורך'ן אפענעם פענסטער. זשעניא איז ארויסגעגאנגען צו ווייל גארסקי'ן מיט א קאלטען און ענטשלא־סענעם פנים און באלד אנגעהויבען:

— הערט נור, וויקטאר פאוולאוויטש, איך וויל אייך זאגען...

ווייל גארסקי האט א קוק געטהאן אויף איהר צורויטעלטען, אויפגערעגטען פנים, האט רוהיג זי אנגענומען ביי דער טאליע, צו־געדריקט צו זיך און גענומען ריידען, אז ער קאן אהן איהר נישט לעבען, אז זי איז אן אונגעוועהנליכע, וואונדערבארע פרוי.

דאס איז געווען אזוי אונערוואַרטעט, אז זשעניא איז ערשט אין א מינוט ארום געקומען צו זיך און האט זיך ארויסגעריסען פון זיינע אומארמונגען, א פערווירטע און פערלוירענע. אבער וויי ל־גארסקי האט אויסגעהערט שווייגענדיג איהרע צארנדיגע און בע־ליידיגענדע ווערטער און ווידערהאלט:

— איך ליעב אייך!...

זשעניא האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שאקעל־וויג, פערדעקט איהר פנים מיט די הענד און הילפלאז זיך צואוויינט. ווייל גארסקי

האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן, האָט זיך איינגעבויגען און אַ קוש געטהאָן איהר אין האַלז, אונטער די האָר.

זשעניאַ האָט אויפגעציטערט, האָט אויף איהם אויפגעהויבען אַ פּאַלשטענדיג הילפלאָזען, בעטענדען פּנים און ארויסגערעדט מיט פערצווייפלונג:

— אָבער איהר מוזט דאָך פערשטעהן, פערשטעהט זשע!...

ווייל גאַרסקי האָט זי אַרומגענומען און אַ קוש געטהאָן אין די ליפּען.

זשעניאַ האָט נור געקוקט אויף איהם מיט ברייט צועפענטע, פערצווייפעלטע אויגען.

אונטערדעסען איז געקומען מאַזשוכין. ער האָט דערזעהען זשעניאַ'ס פערוויינטע אויגען און האָט בעאונרוהיגט געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר?... האָסטו געוויינט?...

— דער קאָפּ טהוט מיר וועה!... — האָט זשעניאַ געזאָגט מיט קימער.

דערביי האָט זי אַ קוק געטהאָן אויף ווייל גאַרסקי'ן און אַ מורא האָט איהר אָנגענומען, וואָס זי האָט געזאָגט אַ ליגען אין זיין געגענוואַרט. אָבער זי האָט שוין ניט געקאָנט ניט זאָגען אַ ליגען.

נאָך דעם זיינען אַריבער עטליכע טעג, ווי אין אַ וואַהנזיניגער מאַטערניס. איצט, ווען ווייל גאַרסקי האָט זי געקושט, האָט זשעניאַ געפיהלט, אַז ס'איז שוין צו שפּעט צו דערצעהלען דעם מאַן, אַז זי אליין, ניט ווייסענדיג ווי אַזוי, האָט צוגעלאָזט צו ווייט. און איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז שוין פערלוירען.

אויף ווייל גאַרסקי'ן האָט זשעניאַ געקוקט מיט שרעק. דער דאָזיגער מענש האָט זי צוגעדריקט, האָט זי פערניכטעט, האָט ביי איהר אוועקגענומען יעדע קראַפט פאַר אַ ווידערשטאַנד. זי האָט שוין ניט געקאָנט ניט פּראָטעסטירען, ניט זיך אָבוועהרען און קעמפּפען, און בעת ווייל גאַרסקי האָט ווידער און ווידער איהר געזאָגט וועגען זיין ליעבע, און כמעט הינטער'ן מאַן'ס רוקען זי געקושט, פלעגט זשעניאַ נור אויפציטערען און האָט זיך געפיהלט קלעגליך, שמוציג און נידערטרעכטיג, ווי די לעצטע בעשעפענים.

איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי געהט אַראָב פון זינען. בעת ווייל גאַרסקי פלעגט נישט זיין, פלעגט זי נעהמען קלערען און איהר פלעגט אויסקומען בוכשטעבליך ווילד: זי ליעבט דאָך איהר מאַן,

ווילגארסקי׳ס לאסקעס און קושען זיינען איהר פאלשטענדיג איבד ריג, זי וויל עס ניט, דאס איז איהר אבשטויסענד, בעליידיגענד... ווי אזוי זשע נעהמט ער זיך דאס רעכט זיך צו בעגעהן מיט איהר אויף אזא׳ן ארט?... איז זי דען א שפראכלאזע חיה?... וואס איז דאס פאר אן אנשיקעניש?...

אט הויבט זי גאר אן אבגעפרעמדט ווערען פון איהר מאן, און אט ווערט זי צו איהם בעזאנדער צארט און ליידענשאפט־ליך. די גאנצע וועלט האט זיך פאר איהר איבערגעקעהרט און זשעניא האט שוין ניט פערשטאנען, וואו זי איז און וואס מיט איהר איז.

איין מאל, אין א יום טוב טאג, איז מאזשוכין געקומען אהיים פריהער ווי געוועהנליך און האט מיט זיך געבראכט ווילגארסקי׳ן. זיי האבען געגעסען מיטאג אויף דער דאטשע און נאך מיטאג האט מאזשוכין זיך געלייגט שלאפען.

זשעניא איז געגאנגען נאך איהם. זי האט דערפיהלט עפעס אן אינסטינקטיווען שרעק און ביי דעם געדאנק, אז מאזשוכין וועט איינשלאפען און זי וועט אליין בלייבען מיט ווילגארסקי׳ן, האט איהר אנגענומען א מורא. זשעניא האט מיט אלע איהרע קרעפטען זיך בעמיהט איהם צו שטערען דעם שלאף, אבער מאזשוכין האט זיך אויף איהר איינגעקוקט מיט פריינדליכע, פערשלאפענע אויגען און געזאגט:

— נו, געה, געה, טייבעלע!... איך בין מיעד.

דערנאך האט ער זיך אומגעקעהרט צום וואנט און איז איינ־געשלאפען.

זשעניא איז אין דער שטיל ארויסגעגאנגען פון צימער, א פערלוירענע, א בעטויבטע, אבער אנשטאט ארויסצוגעהן אויף דער טעראסע, איז זי גאנץ שטיל דורכגעלאפען דורך דער הינטערשטער טהיר און איז ארויסגעלאפען אויפ׳ן הויף.

פון דער זון האט אלץ ארום געברענט און געפלוּווערט. די לופט איז געווען אונבעוועגליך און אנגעברענט, ווי אין אן אויווען. די בוימער זיינען געשטאנען בעטריבטע, פערשטויבט און אונבעוועג־ליך. זשעניא האט ארויפגעווארפען אויפ׳ן קאפ א לייכטען שארף, פער׳גנב׳עטערהייד איז זי דורכגעגאנגען דורכ׳ן הויף און האט זיך דורכגעגליטשט הינטער דער פארטקע, אין וואלד אריין.

א פוס־וועג האָט זיך געצויגען ערגעץ־וואו באַרג־אַרויף. רונד אַרום איז קיינער ניט געווען, נור גרויע שטאַמען פון ביימער און בלעטער. ערגעץ־וואו האָט א דיאַטעל געקלאַפּט מיט׳ן שנאָבעל אין א בוים, און זיין האַסטיגער קלאַפּען האָט אונטערגעשטריכען די שטילקייט און פּוסטקייט פון דיזען שרעקליכען טאָג. זשעניא האָט זיך געפיהלט שרעקליך איינזאַם אין דער גאַנצער וועלט. זי האָט זיך אומגעקוקט אויף דער דאַטשע און איז געשווינד געגאַנגען אַלץ טיעפער און טיעפער אין וואַלד.

וויילגאָרסקי האָט דערזעהן פון דער טעראַסע, ווי איהר ווייסער שאַרף האָט א שוועב געטהאָן צווישען די ביימער. ער האָט גע־שווינד זיך אַרומגעקוקט, זיך צוגעהאָרכט, גאַנץ שטיל אַרונטער־געלאָפען פון דער טעראַסע און אוועק נאָך זשעניא׳ן.

ער האָט זי דעריאָגט אין סאַמע וועלדעל, וואו די געדיכטע גרינע ווערבעס און ביימלעך זיינען געשטאַנען, ווי א געדיכטע, ענגע מאַסע און דיזע מאַסע, ווי ס׳האָט זיך געדאַכט, האָט זיי, ווי א גרינע וואַנט, אָבגעטהיילט פון דער גאַנצער וועלט.

זשעניא האָט דערהערט זיינע טריט און האָט זיך אומגע־קעהרט. זי האָט גאָרנישט געזאָגט, נור אויפגעהויבען די הענד, פּונקט אזוי, ווי זי וואָלט ביי איהם געבעטען מיטלייד האָבען מיט איהר. וויילגאָרסקי האָט איהר גראָב אַרומגענומען.

זי האָט עפּעס וואָס גענומען ריידען, אָבער וויילגאָרסקי האָט זי אַראָבגעלאָזט אויפ׳ן גראָז און איהר גענומען קושען אין די פּלייצעס, אויגען און ברוסט. א מאָדנער ציטער איז דורכגעלאָפען דורך זשעניא׳ס גאַנצען קערפּער, און דער קאָפּ האָט זיך ביי איהר גענומען דרעהען, בעת ער האָט איהר א קוש געטהאָן פון הינטען אין האַלז, לעבען רוקען. זי האָט זיך אין גאַנצען צונויפגעקנייטשט, פּונקט אזוי ווי פון קיצלען, און וויילגאָרסקי האָט גענומען אָב־קנעפּלען איהר בלוזע. זשעניא האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר די הענד, ער האָט אָבער רוהיג און מיט זיכערהייט איהרע הענד אָבגעווענדט. זשעניא האָט זיך גענומען ראַנגלען און בעטען זיך:

— אום גאָטעס ווילען, וואָס טהוט איהר!...

דאָ האָט זי פערדעקט דאָס פּנים, דאָ די ברוסט, אָבער ווייל־גאָרסקי האָט רוהיג איהרע הענד אָבגעפיהרט און געטהאָן דאָס זייניגע, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט זיך גאָרנישט גערעכענט מיט

איהר. זשעניא האָט זאגאר פּרובירט איהם ארומנעהמען און זיך צודריקען צו איהם, אום איהם צו שטערען, אָבער ער האָט זי לייכט אָבגעריסען פון זיך. און פּלוצלונג האָט זי דערפיהלט, אז זי איז ניט בכח זיך צו ראנגלען מיט דיזער אונבעזיגבארער און אונבויג־בּארער קראפט. איהר האָט זיך גענומען אויסווייזען, אז איצט איז שוין אלץ איינס. ווײלגאָרסקי איז איהר בייגעקומען אויפ'ן שטעל, אויף דעם הייסען, מיט דער זון אָנגעזאפּטען גראז.

און בעת זשעניא איז געקומען צו זיך, האָט זי א בליק געטהאָן אויף ווײלגאָרסקי'ן, האָט א געשריי געטהאָן, איז אַנידערגעפאלען מיט'ן פנים אויף זיינע פיס און ווי א שקלאפין, האָט זי זיי ארומ־געכאפּט מיט די הענד

ס'קאָן, זיין איהר האָט זיך געדאכט, אז איצט געהערט זי שוין אין גאנצען צו איהם.

— 10 —

ווײלגאָרסקי האָט אין א מאָנאט ארום זי אוועקגעוואָרפען. זשעניא איז אין גאנצען אַזוי ווי פערניכטעט געווארען, זי האָט אויף איהם געקוקט, ווי א הינטעל, זי איז אין אלץ געוועזן אונטערטהעניג און האָט נור געוויינט. דאָס איז געוועזן אומעטיג.

ער האָט אָנגעהויבען קומען אויף דער דאטשע אלץ זעלטענער און זעלטענער, דערנאָך גאָר אויפגעהערט קומען. זשעניא האָט אויף איהם געקוקט מיט שרעק, זי האָט איהם אָבער א וואָרט נישט גע־זאגט. איהר האָט זיך געדאכט, אז דער לעצטער שטרויעלע גליטשט זיך אוועק און זי זינקט.

פאר'ן מאן האָט זי איצט מורא געהאט, פלעגט רויט ווע־רען, בעת ער פלעגט אָנהויבען מיט איהר ריידען, האָט איהם אין די אויגען ניט געקאָנט קוקען, מיט שרעק פלעגט זי זיך אונטער־ווארפען אונטער זיינע לאַסקעס, זי האָט אָבער ניט געוואָגט איהם צו דערווידערן, אויף אזא ארט האָט זי געלעבט מיט צוויי, און איצט האָט זי קלאָהר געזעהן אז זי איז א פערלוירענע.

מאזשוכין האָט בעמערקט ,אז מיט איהר קומט פאָר עפּעס־וואָס זאָנדערבארעס. ער פלעגט זיך פערלירען אין פערשיעדענע אהנונגען און אלץ פּרובירען טרעפען, וואס אזעלכעס איז מיט איהר געוואָ־רען, ער האָט אָבער קיין זאך ניט געקענט געוואָהר ווערען.

ס'ווייזט אויס, אז נאָר דער גימנאַזיסטעל אליין האָט גע־וואוסט. יעדען פאַל, איטליכעס מאָל, בעת ווייליגאַרסקי פלעגט קומען, פלעגט ער אנטלויפען. די שוועסטער האָט ער אויסגע־מיידט און געקוקט אויף איהר מיט שרעק. זיין גאַנצע צוגעבונדענ־קייט איז איצט געווען צו מאַזשוכינען און ער פלעגט בוכשטעבליך פון איהם ניט אָבטרעטען. און איינמאָהל האָט ער זיך פערשטעקט אין די קוסטען, און בעת ווייליגאַרסקי איז פערבייגעפאָהרען דעם בארג, האָט ער א ווארף געטהאָן א שטיין. דער שטיין איז נישט דערפלויגען, ווייליגארסקי האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט. דער גימנאַזיסטעל איז ווייס געוואָרען, ווי קרייד, האָט צונויפגעדריקט די פויסטען, געכומען ציטערען און אָנגעהויבען לויפען אין וואלד אריין. געלאָפען איז ער אזוי לאַנג, ביז דער אָטהעם האָט איהם פערכאַפּט, דאַן האָט ער זיך מיט'ן געזיכט צוגעדריקט צו א בוים און גענומען רעווען, זיך צופענדיג פאַר די האָר און קלאַפּענדיג מיט די פויסטען איבער דער הארטער גראָהער קאָרע פונ'ם בוים.

א ראָב, וואס איז געזעסען אויפ'ן בוים און האָט נור וואס גענומען זיך קלייבען צו רייניגען דעם שנאָבעל, האָט זיך א הויב געטהאָן אין דער לופטען און גענומען פליהען אין שרעק דורכ'ן גאַנ־צען וואלד, וואו די אויגען טראָגען.

דער זומער איז גיך אוועק, און זשעניא מיט מאַזשוכינען האָבען אריינגעצויגען אין שטאָדט.

אין דער צייט האָבען די בעציהונגען צווישען ווייליגאַרסקי'ן און זשעניא'ן אויפגעהערט, אָבער מ'האָט וועגען זיי גערעדט אין שטאָדט.

ווייזט אויס, אין מאַזשוכינ'ס נשמה האָט זיך אריינגעכאַפּט עפּעס א וועלכער איז פערדאַכט. זיינע פערהעלטניסע צו זשעניא'ן האָבען זיך שרעקליך שארף געענדערט. ער האָט כמעט אויפגעהערט רעדען מיט איהר, האָט אויפגעהערט לעבען מיט איהר, ווי מיט א פרוי, און בעת זי אליין פלעגט זיך אָנשטריינגען און אָנ־הויבען רעדען מיט איהם, פלעגט מאַזשוכינ'ס פּנים ווערען קלעג־ליך, רחמנותדיג. ער פלעגט אָפט פערברענגען די צייט ניט אין דערהיים און יעדען אָבענד פלעגט ער שפּיעלען קאָרטען אין קלוב ביז אין דער פריה, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען שטארק טרינקען.

אָנהויב הערבסט איז זשעניא ווידער שוואַנגער געוואָרען. אָבער

דאָס האָט שוין אין איהר ניט ארויסגערופען די פריהערדיגע ענט־ציקונג און עהערפורכטיגע פרייד, דאָס האָט אין איהר דערוועקט שרעק, שווערמוטה און קעלט.

מאזשוכין האָט לאַנג אזוי ווי גאַרנישט בעמערקט איהר שוואנ־גערשאפט, און נור דאן, בעת זי האָט שוין גדארפט זיך לייגען אין קינפעט, האָט ער גענומען זיין אָפּטער אין הויז. זשעניא האָט אָפּט געפאנגען אויף זיך זיין פרעגענדען, בעטריבטען בליק.

און בעת זי האָט געבאָרען דאָס קינד און א שוואכע, אן אויסגעמאטערטע איז זי געלעגען אין בעט, איז מאזשוכין אונ־עדווארטעט אריין צו איהר. ער האָט לאַנג געקוקט אויפ'ן קינד, וואס האָט זיך ארומגעווארפען אין וויגעלע, דערנאָך איז ער צו־געגאנגען צו דער ווייב, געוואָלט עפּעס וואס איהר זאָגען און האָט נישט געקאָנט.

זשעניא האָט איהם אָנגענומען פאר'ן האנד, האָט פון אונטען ארויף אויף איהם א קוק געטהאָן מיט בלישצענדיגע אויגען, בליש־צענדיגע פונקט ווי דעמאָלט, נור איצט האָבען זיי געבלישצעט פון היץ, האָט זיך צואויינט און צוגעדריקט דעם מאַנ'ס האנד צו די ליפּען. דאן האָט מאזשוכין זיך אראָבגעלאָזט אויף די קניע, אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפ'ן קיסען לעבען איהר קאָפּ און אויך זיך צואויינט.

איטליכער האָט געוויינט וועגען זיין אייגענער זאך, און דאך וועגען דערזעלבער זאך: וועגען דעם פערלוירענעם גליק, וואס וועט שוין צוריק זיך ניט אומקעהרען. זשעניא האָט געפיהלט. אז קיין נעהנטערעס, טייערערעס וועזען ווי ער איז, איז פאַר איהר נישטאָ אויף דער וועלט. ווייל גאַרסקי האָט מעהר ניט עקזיסטירט. און זי האָט בשום אופן נישט געקענט פערשטעהן, ווי אזוי איז דאָס אלץ געשעהן, ווער איז דערין שולדיג?

די צייט, בעת זי איז קראנק געוועזן, איז מאזשוכין פון איהר ניט אָבגעטראטען. ער איז געוועזן צערטליך און זאָרגפול, און צייי־טענווייז פלעגט זיך אָבדאכטען, אז דאָס פריהערדיגע גליק קעהרט זיך אום, א שטילעס, בעטריבטעס גליק, אבער נאך צאַרטער און טיעפער, ווי פריהער.

אָבער וואס מעהר זשעניא איז געקומען צו זיך, אלץ מעהר האָט ער זיך פון איהר דערווייטערט, און בעת זי איז שוין געזונד גע־

ווארען, האָט מאַזשוכין געטומען זיך אויפפיהרען ווי פריהער: ווידער פלעגט ער יעדען טאג אוועקגעהן פון דער היים און טרינקען, און כאָטש זייערע פאמיליען־פערהעלטניסע זיינען אָבגעפרישט גע־וואָרען און זיך געהאַלטען, זיינען דאָס אָבער נור געווען עפּעס אַזוי־נע רוהיגע, פריינדליכע פערהעלטניסען, אָהן ליידענשאפט, אָהן ענטציקונג און אָהן פרייד.

און ביסלעכווייז איז זשעניא אוועק אין יענער נייער קינדער־וועלטעל, וואס האָט ביסלעכווייז געוואקסען לעבען איהר פער־קריפּעלטען לעבען. קינדערשע קראנקהייטען, קינדערשע פרייד, די ערשטע ווערטער און די ערשטע שטיפעריייען, די ערשטע ערציהונג און די ערשטע טרעהרען — דאָס אַלץ האָבען איהר ארומגערינ־געלט, אריינגעצויגען און איינגאנצען פערשלונגען. דער מאַן איז געבליבען אָן א זייט און ביסלעכווייז האָבען זיך צווישען זיי איינ־געשטעלט נייע, ווארימע, אָבער נור חבר'שע פערהעלטניסען.

אמאָל אין הערבסט איז פון פּעטראגראד געקומען זינא פּעט־ראווא, פּונקט אזוי ווי פריהער, א טרוקענע ווי א שטעקעל, א שווארצע, ווי א האַלעוועשקע מיט שפּיציגע עלענבויגענס און מיט א פערעכטליכען פּנים. זי איז שוין געווען אן ארצט, האָט נור גערעדט פון א מעדיצינישען שטאנדפּונקט, פלעגט ווילד זיך האמ־פּערען מיט מאַנסבילען און רויכערען פּאַפּיראסען.

זשעניא איז פערגאנגען פון פרייד. זי האָט געוויינט, געלאכט און אַזוי געקוסט איהר פריינדין, עפּעס אַזוי ווי מיט איהר וואָלט זיך אומגעקעהרט דאָס פריהערדיגעס, פריידיגעס און ליכטיגעס לעבען.

דערנאָך האָט זי איהר אַריינגעפיהרט אין קינדער־צימער, גע־וויזען די קינדער, דערצעהלט וועגען אַלע זייערע קראַנקהייטען און אייגענאַרטען, זיך בעריהמט מיט זייערע אונגעוועהנליכע פעהיג־קייטען, קיין זאַך ניט פערפעהלענדיג, אפילו ווי דאָס מיידעלע זאָגט אַרויס דאָס וואָרט „מאמע" ניט שארף. און זשעניא האָט דערביי איינגאנצען געברענט פון ענטציקונג און מוטער־שטאָלץ.

זינא פּעטראָווא, ארויפרוקענדיג די פּענסנע אויף דער נאָז, האָט סקעפּטיש בעקוקט די קינדער, אויסגעהערט אָט די גאנצע פּייערליכע פּלוידעריי, וואָס האָט זיך עפּס ניט געקלעפּט, האָט א

קוק געטהאָן אויף זשעניא'ם פלאנעלענע בלוזע און אויף איהרע שלעכט פערקאמטע האָר, האָט געמאכט א פערעכטליכע מינע און געזאָגט:

— נא — אר!...

(ענדע.)

פערדינאַנד לאַסאַל

פון געאָרג בראַנדעס

איבערזעצט פון ל. לאַקסאָן

געאָרג בראַנדעס׳ס בעריהמטע ווערק וועגען פערדינאַנד לאַסאַל, וואָס וועט גאָר אין גיכען ערשיינען צום ערשטען מאָל אין אַ אידישער איבערזעצונג, איז אָהן צווייפעל איינס פון די בעסטע צווישען די שאַפונגען פון גרויסען דענישען קריטיקער. דאָס ווערק וועגען לאַסאַל׳ן איז ניט נור אַ ביאָגראַפיע, אַן אָבשאַצונג פון זיין טהעטיגקייט און זיין ווערט אין געזעלשאַפטליכען לעבען, נור אויך אַ גרויסע פּאַנאָראַמע פון שטוינענדע וועלט־געשעהענישען און פון גרויסע היסטאָרישע פּערזענליכקייטען. דאָס ווערק נעהמט אַרום איינע פון די וואונדערבאַרסטע עפּאָכען אין דער וועלט־געשיכטע.

א י נ ה א ל ט :

פּאָררעדע. — די אידישע פאַמיליען־סביבה. — טאָג־בוך. — גימנאַזיע. — אַרט לעבען. — קינדער־יאָהרען. — פאַנטאַזיעס פון אַ אידיש אינגעל. — בעציהונג צום אידענטום. — די קאָמערץ־שוהל. — דאָס לעבען אין לייפּציג. — פאַנטאַזיעס וועגען זיין צוקינפטיגער טהעטיגקייט. — די ערשטע ליעבע. — דאָס אוניווערזיטעט. — דאָס סטודענטען־לעבען. — די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען וועגען דעם פילאָזאָף העראַקליטוס. — אין פּאַריז. — די פריינדשאַפט מיט העגריך היינע. — צוריק אין בערלין. — די בעקאַנטשאַפט מיט דער גרעפין האַצפעלד. — איהר שיקזאַל. — לאַסאַל ווערט דער גרעפין׳ס פערטיידיגער. — דער קאַמפּף מיט איהר מאַן. — דער פּראָצעס וועגען דאָס גע׳גנב׳עטע קעסטעלע. — דער אָנטהייל אין דער בעוועגונג פון יאָהר 1848. — דער ערשטער פּאָליטישער פּראָצעס. — זיין פערטהיידיגונג פאַר די ריכטער. — אין געפענגניס. — בעניוט דעם קאַמפּף קעגען גראַף האַצפעלד.

בערלין. — לאַסאַל אַלס פאָרשער פון העראַקליטוס „דעם דונקעלען“. — לאַסאַל אַלס העגעליאַנער. — לאַסאַל אַלס דראַמאַטורג. — דער איינדרוק אויף אלכסנדר הומבאָלדט. — אין קרייז פון פריינד. — דאָס לעבען אין בערלין. — די „איטאַליענישע מלחמה“. — ביי גאַריבאַלדי. — זיין ליעבע צו פריילין ס. סאָלנצעוו. — „די סיסטעמע פון ערוואָרבענע רעכט“. זיין בעציהונג צום קאַמפּף פון די פּראָגרעסיסטען. — קראַפט און רעכט. — וועגען דעם תוך פון דער קאָנסטיטוציע. — לאַסאַל און ביסמאַרק. — לאַסאַל און מאַרקס. — אבקלאַנגען פון דער יולי׳ער רעוואָלוציע. — דייטשלאַנד אין 19־טען יאָהר־הונדערט. ראָמאַנטיזם אין דער דייטשער ליטעראַטור. — יונג דייטשלאַנד. — די רעאַקציע. — ערב דער מערץ רעוואָלוציע. — איהרע רעזולטאַטען. — שולצע־דעליטש און זיין פּראָפּאַגאַנדע. — די אַגיטאַציע פון די פּראָגרעסיסטען צווישען די אַרביטער. — די געגענווערטיגע היסטאָרישע תקופה און דער אַרביטער־שטאַנד. — אויפ׳ן אָנקלאגעס־באַנק. — זיין אויפיהרונג אין געריכט. — דער לייפּציגער צענטראַל־קאָמיטעט. — דער הויפּט־ענטפער. — די לייפּציגער רעדע. — די גרינדונג פונ׳ם געזעלשאַפטליכען אַרביטער־פערבאַנד. — נייע פּראָצעסען. — זיין לעצטע אַגיטאַציאָנס־רעדע. — זיין קראַנקייט און זיין זעלען־שטימונג. — העלענא פאָן דעניגעס. — זייער בעגעגעניש. — די ליעבע. — זיינע לעצטע טעג. — דער דועל. — דער טויט. — די לויה. —

פּרייז $1.00

מייזעל׳ס פערלאַג, ניו יאָרק.

מיינונגען פון דער פרעסע

וועגען

ה. רויזענבלאט'ס

געדיכטע און לידער

אלגין אין „צוקונפט" —

„אבער אלעמאל פיהלט איהר א לעבעדיגען מענשען מיט א לעבעדיגער נשמה, וואס אז ער זאגט אייך עפעס, — ג ל ו י ב ט א י ה ר א י ה ם (דאס איז דאך דער גאנצער סוד פון דיכטונג.) א פריש ווינטעל וועהט אין זיינע לידער, און איהר פיהלט זיך ווי אין א העלען פראסטיגען פריה־מארגען... פליגעלעך, שוועלבעלעך, טייבעלעך ; קינדערשע ימים־טובים ; א ברוגז מיט'ן טאטען, אידישע קינדערלעך שוויצען איבער דער גמרא... און אין הימעל — „די פריהלינגס־גלעקלעך"...."

בארוכאוו, ב. אין דער „ווארהייט" —

„דאס נייע לידער־בוך איז ווי א פיעדעל מיט אנגעשפאנטע סטרונעס, וואס ציטערען אפ מיט צארטע איבעראציעס אויף איטליכען הויך פון דער לופט, אויף איטליכען שארך פון אוניווערסאלען לעבען. אלע מאטיוועו בעגעגענט איהר דא: רעליגיעזע זיינען ביי איהם כמעט אלע שטימונגען און געדאנקען, דורכגעדרינגען מיט א אוניווערסאלען ליךישען פאנטעאיזם."

כץ מ. אין „טאג" —

„אבער קוקט איהר דורך די לידער פון די איבעריגע סעריעס זעהט איהר, אז דאס הארץ פון דעם פאעט רופט זיך אב מיט דערזעלבער ווארעמקייט אויך אויף זכרונות פון די קינדער יאהרען, אויף נאציאנאלע אומגליקען, אויף צייטגעשעהעניסען, אז דער געפיהל פון איינזאמקייט און פערלארענהייט, וואס בעהערשט אפט דעם מאדערנעם מענשען דרינגט דורך אויך רויזענבלאט'ס נשמה און אז עס איז פאקטיש ניטא קיין איין זייט פון לעבען וועגען וועלכער דער פאעט זאל קענען זאגען:

„אט דאס איז מיין ספעציעלער ווינקעל" אדער:

„דא פיהל איך זיך ווי א פרעמדער". רויזענבלאט איז זעהר פיעלזייטיג, אלץ זעהט ער, אלץ בעמערקט ער און אויף אלץ רופט ער זיך אב...."

ראסקין, סאול, אין „פרייע ארבייטער שטימע" —

„ביי איהם געפינען מיר ווידער יענע אלטע, אייביג־יונגע, טיעפע און גאנצע טענער פון ליעבע, האס, גלויבען, האפנונג, פערצווייפלונג, ענטציקונג און ענטוישונג, טהאטענדורשט און מיעדקייט, טרויער און פרעהליכקייט, און צ ע ר ט ל י כ ק י י ט, ניט סענטימענטאליטעט, נור צערטליכקייט. עס דוכט זיך אקוראט ווי ער געהט צו צו יעדער זאך און גלעט זי, לאשצעט זי און צערטעלט זי... קען דען א געפיהל צערטליכער זיין, ווי דער, וואס דריקט זיך אויס אין געדיכט „שנעעלעך": — — —

א פראכטבאנד פון 320 זייטען, רייך געבונדען $1.00

געשענק־לעדער־באנד $1.50.

מיזעל'ס פערלאג, ניו־יארק.

די
פרוי
וואָס שטעהט אין מיטען

— פון —

מ. אַרציבאַשעוו

איבערזעצט אוים דעם רוסישען

פון ל. לאַקסאָן

„די פרוי, וואָס שטעהט אין מיטען“ איז אָהן צווייפעל אַרציבאַשעוו'ס בעסטע ווערק. די צענטראַלע פיגור פון ראָמאַן איז אַ שעהנע, אומשולדיגע מיידעל, וועלכע טרעט אַריבער יענעם צאַרטען עלטער, בעת זי ווערט פון אַ קינד אַ פרוי. איהר ווייבליכקייט איז פון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט מיט געפאַהר, וועלכע זי קאָן ניט אויסמיידען. פאַרוואָס? איז די געפאַהר טאָקי אונפערמיידליך? אויב יאָ, ווער איז דערין שולדיג? אָט די אַלע פראַגען בעמיהט זיך דער פערפאַסער צו פערענטפערען אין דעם ראָמאַן „די פרוי, וואָס שטעהט אין מיטען“. און צוגעטראָטען האָט ער צו די אַלע פראַגען, מיט אַזאַ טאַלאַנט, מיט אַזעלכע קינסטלערישע פעהיגקייטען, מיט אַזאַ הויך אַרטיסטישער קראַפט, וואָס שטעלט דאָס ווערק אין איין רייהע מיט די בעסטע ליטעראַרישע שאַפונגען פון דער מאָדערנער ליטעראַטור.

די בילדער, די סצענען, די טיפען און כאַראַקטערען, די גאַנצע אַטמאָספערע פון מענשליכער פערדאָרבענהייט און אויסגעלאָסענהייט, — און אַלץ אויף אַ הינטער־גרונד פון מענשליכער סימפאַטיע און מענשליכקייט, דורכגעווייקט פון טרעהרען און בלוט און וואַרעם געמאַכט דורך די אייביגע יסורים פון די בעליידיגטע און ערנידעריגטע פון אונזער סיסטעם, — דאָס אַלץ מאַכט אַרציבאַשעוו'ס ווערק ניט נור פאַר אַ וויכטיגען ליטעראַרישען ראָמאַן, מיט אַ מאָראַלישען יסוד, נור אויך פאַר אַן ערנסטע סאָציאַלע ווערק.

פרייז 60 סענט

מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יאָרק.

אידישער פערלאַג
פיר ליטעראַטור
און וויסענשאַפט.

MAX N. MAISEL
PUBLISHER

424 GRAND ST.
NEW YORK

די ערציהונג

גייסטיג, מאראליש און קערפערליך.

איבערזעצט דורך דר. י. א. מעריסאן.

ספענסער'ס בוך „די ערציהונג" איז איבערזעצט אין כמעט אלע שפראכען פון דער וועלט. אין יודיש איז עס דאס איינציגע בוך איבער דעם געגענשטאנד. עס ענטהאלט 278 זייטען, מיט אן אנציינער פון די הויפט ענינים, אין א"ב סדר, שעהן געדרוקט. די ליבעראי עדישען, פראכטפול געבונדען אין סילק קלאטה

פרייז $1.00

די פאלקס אויסגאבע, גוט געבונדען
פרייז 50 סענט.

אויסצוג פון איבערזעצער'ס פארווארט:

ספענסער'ס „ערציהונג" איז ניט געמיינט צו זיין א „מעטאד" אין דעם ענגען זין פון ווארט. עס איז נים קיין האנד־בוך פאר לעהרער, נור א לעהרבוך פאר עלטערן און אינטעליגענטע מענשען בכלל. עס איז א נאטור סיסטעם פון ערציהונג געבוים אויף דער וויסענשאפט פון ענטוויקלונג — א נאטור־סיסטעם וואס ערציהט די עלטערן גופא ניט ווייניגער ווי זייערע קינדער.

וואס אנבעטרעפט דער איבערזעצונג, איז די ערשטע אויסרעכנונג אין איהר פלאן — טריותיות צום אריגינאל. ספענסער'ס סטיל איז ווי א כלי פון עכטען קריסטאל: קלאר און שווערליך. די קלארהיים איז אבער אזא בריליאנטענע, אז זי איז מכפר אויף די קריסטאלענע שווערקיים; און דעריבער איז דאס ציעל געוועזען, בעוואהרען דעם אריגינעלען סטיל ווי וויים עס לאזט זיך. פערשיימשען בוינט צו־אפט אויס'פשט'לען און פערדארבען; עס איז אויך נים אלע מאל פריי פון א געוויסער בעליידיגונג פאר'ן לעזער: דא וועט דער לעזער געפינען נים קיין פאפולאריזאציע פון ספענסער'ס בוך, נור דאס בוך אליין".

מאקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יארק.

424 GRAND ST.
NEW YORK

אידישער פערלאג
פיר ליטעראטור
און וויסענשאפט.

MAX N. MAISEL
PUBLISHER